ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# ספורי האר"י

אידיש

663

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספורים

פון

## רבי יצחק אשכנזי לוריא

# האר"י ז"ל

דא ווערד דער ציילט זייער שיינע און וואונדערבארע געשיכטעס, וואס האט זיך פאסירט מיט דעם געטליכע מאן, זכותו יגן עלינו, פון זיין געבורטסטאג ביז דעם לעצטין טאג, עס איז פלאי פלאים. די געשיכטעס זיינען וואהרע און ריכטיגע וויא עס איז געשריבען וועגען אידם אין היילינע ספרים.

עס איז זייער נוצליך אז יעדער מענש זאל זייא לעזען, צוא זעהען גרויס חכמה און צוא באמערקען וויא איין ילוד אשה קאן דורך תורה און מצות קומען צוא אזוי איין גרויסע מדרגה וויא דער היילינער גאון איז גיקומען, וואס זיין גרויסער נאמען איזט בעוואוסט מסוף העולם עד סופו.


נאסף ממני

ישראל במוהרי"ם ז"ל.



בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' מרדכי קאצענעלענבאגען בווילנא.

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרנ"ה לפ"ק

# תולדות האר״י

## חלק א

# הקדמה

איך גיעבע אייך ליעבע לעזער איין נייע געשיכטע, הגם אין איהר ווערד דערציילט איין היסטאריע פון דרייא הונדערט יאהר בערך צוריק; נור אין דער יודישע פאלקס שפראכע איז זיא נאך גאר איין נאייע געשיכטע, אונ אין קיין שום ספר געפינט זיא זיך ניכט אזוי כסדר איינגעארדענט וויא דא איזט אין דיעזען יודישען ספר וואס איך גיעבע אייך יעטצט טהייערע לעזער; דא ווערט דערציילט דער גאנצער לעבענס בעשרייבונג אונ דיא וואונדערליכע געשיכטעס פון דעם געטליכען חכם הארי ז״ל, וואס ער איזט באמת געוועזען איין בעל רוח הקדש אונ האט פערשיינט דיא גאנצע וועלט אין זיין צייט, אונ אגב ווערד דא דערציילט פיעל פלאים וואס עס האט זיך געטראפען מיט אונזערע ברידער אין דעם דור; עס איז וואונדערבאר צו לעזען זיין תולדה (ביאגראפיע), זיא איז פול מיט חכמה אונ מוסר, אונ פערוויקעלט מיט אנגענעהמע ערציילונגען. דיא געשיכטע לערינט דעם מענשען שכל אונ עפינט איהם דיא אויגען צוא וויזען אז דער מענש זאל ניכט פערברייגגען זיינע בעסטע צייטען אין נארישקייטען אונ פוסטע פאנטאזיעס וואס פערדארבט זיין קערפער אונ זיין היילינע זעעלע (נפש). דיא געשיכטע איז איין לעבענס־בוים פיר דיא לעזער, אונ דער וואס וועט פערלעכען איהרע פרוכט, וועט ער פערשטיין, וויא וויט דער מענש דארף שעצען דיא צייט אונ זיין צוגעבונדען מיט זיין אדעלען געפיהל צו דער הייליגע השגחה פון הימעל, אונ מיט דעם קאן ער קומען צו איין הויכע מדרגה גאר אן איין ענדע, ער וועט גליקליך זיין אויף עוויג!

**המחבר**

# תולדות האר״י

בשנת אין דעם יאהר פינף טויזענד צוויא הונדערט ניינציג, איז געוועזען אין ירושלים עיר הקדש איין גרויסער צדיק אונ חסיד רבי שלמה לוריא; ער האט געהאט איין פרויא אויך איין גרויסע צדקנית וויא ער, דיא היילינע לייט האבען שטענדיג מתפלל געוועזען אז השם יתברך זאל זייא מזכה זיין מיט איין גוט קינד וואס דאס איז דער עיקר אונ דער תכלית פון מענשען, שטארבען מוז מען ארעם אונ רייך; וויא איין בערימטער וועלט חכם איז איין מאל געקומען אין רום (אין איטאליע) איז געגען איהם ארויס דער רומישער קייזער אונ איז מיט איהם ארויס געפאהרען אין זיין רייט וואגען, אונ האט איהם געוויזען אלע קינצליכע זאכען וואס עס איז פאראן אין דער גרויסער שטאדט רום, פרעגט איהם דער קייזער, דוא גראסשעציגער חכם דוא האסט דאך געדייזט דיא וועלט, אונ האסט גענוג געזעהן גרויסע שטעדט מיט אלע זייערע וואונדערבארע זאכען, זאג דעם אמת ליעבער הערר! ציא דוא האסט געזעהן אויף דער וועלט נאך אזוי איין שיינע אונד טייערע שטאדט וויא רום? דען צוא איהרע מויערן אונ איהרע טעמפלען איז קיין שאץ, אויך צוא איהרע פעסטונגען איז קיין גלייכען; זאגט דער חכם, אדוני המלך! ווירקליך אמת, נאך אזוי איין שטאדט האבע איך ניכט געזעהן אין מיין גאנצע רייזע (דען דאמאלסט איז זיא טאקי געוועזען מער געצירט וויא אלע גרעסטע שטעדט) נור וואס איז דיא פעולה אז זיא האט דעם אייגענעם פעלער וויא אלע שטעדט. פרעגט דער קייזער, וואס איז דער פעלער? זאג נאר ליעבער חכם אונ פהילאזאף! פילייכט וועל איך קאנען פאר-ריכטען, ריכטיג! האט דער וועלט חכם געענטפערט, אויב דוא גרויסער קייזער וועסט דעם פעלער פרריכטען וועל איך אויס שרייען אין דער וועלט אונ פערשרייבען אין וועלט געשיכטע אז רום איז דיא שענסטע אונ טהייערסטע שטאדט אונטער דעם הימעל: אונ דוא אדוני המלך ביסט דער גרעסטער קייזער אויף דער גאנצער וועלט! זאג שוין וואס איז דער פעלער — פרעגט דער קייזער —. דער בית עולם ענטפערט

דער

דער חכם, דער בית עולם איז דער פעלער !*), דען איך האבע געמיינט אז דיא בערימטע שטאדט רום האט קיין בית עולם ניט, דען אין איהר שטארבט מען גאר ניכט, נור יעטצט אז אין איהר שטארבט מען אויך, אונ געוויס פריער וויא אין אלע קליינע שטעדט אונ דערפעד (ווייל דיא גרויסע פערגעניגען אונ לוקסוס ברייננגען גיכער צום גרוב), היינט מיט וואס קאן רום שטאלצירען געגען אלע שטעדט ?. דער קייזער האט איהם גיגעבען איין קוש אין קאפ, אונ האט איין גוטין זיפץ גיטאהן, דען דער רומישער קייזער מוז אויך שטארבען, דיא ערד זיא איזט דיא מוטטער פון אלע בעשעפעניש פון דער וועלט, מיט איהרע ארעמס פערדעקט זיא אויף אלעמען.

דער גרויסער צדיק רבי שלמה לוריא האט דאס אלעס בעטראכט אז דער גאנצער לעבין פון מענשין איז נאר צוא לאזין איין גוטין אנ־דיינקונג אויף דער וועלט, ער האט געלערינט אונ תפלה געטאהן מיט גרוים קדושה אונ טהרה אויך זייער פיעל צדקות אונ גמילות חסדים געטאהן אז ער זאל לאזין איין גוטען צווייג אויף דער וועלט, אונ ער איזט שוין גיוועזין אין דיא עלטערע יאהרען, ויהי היום האט זיך איהם געטרוימט איין חלום אז איין געטליכע געשטאלט בעווייזט זיך צו איהם זייער ישרעקליך! אונ זאגט צו איהם אז זיין תפלה איז גלייך גענקאמען פיר השם יתברך, אונ אין איין יאהר ארום וועט זיין פרויא האבען איין קינד וואס ער וועט פערלייכטין דיא וועלט מיט זיין גרויס קדושה אונ מיט זיין געטליכע חכמה, אונ האט איהם פערזאגט אז צו זיין ברית מילה זאל קיין מענש זיך ניט דערוועגין מוהל זיין דאס קינד ביז וואנען ער וועט זעהן דיא זעלביגע געטליכע תמונה וואס ער זעהט יעצט (דיא תמונה פון אליהו הנביא זכרונו לברכה). דער צדיק האט דאס דערצייהלט פיר זיין טרייע היילינע פרויא, זיא האבען דעם שרעקליכען חלום זעהר גיהיט אין געדאנקען, ווארום זיא האבען גוט פערשטאנען אז דיא בשורה איז קדש קדשים אונ דיא פארשטעי־לונג איז פון אליהו הנביא ז״ל.

דיא גוטע בשורה וואס מען האט איהם אנגעזאגט פון זיין געבורין

איין

---

*) פון דעסט וועגין געפינט זיך אין מדרש ילקוט אויף דעם פסוק יענך ה׳ ביום צרה (תהלים כ׳) איין משל, אז דער בית עולם איז גאר איין סאל איין גליק פיר דעם מענשען, אונ מען פרייט זיך שטארק מיט איהם, וויא מיט עפעס גוטעס.

אַיין זוהן, איז פּינקטליך געקומען אין אַיין יאהר אַרום, וַיְהִי הַיּוֹם בְּשַׁעַת ער איז געבּארען געוואָרען (בשנת ה' אלפים רצ"ד) האט זיך אליהו הנביא בּעוויזען צום פּאטער אונ זאגט איהם, אַז ער זאל היטין זיין פערזאג אונ ווארטען אויף איהם בְּשַׁעַת ברית מילה. וויא עס איז געקומען דער אַכטער טאג, זיינען אַלע דיא גרעסטע לייט פון ירושלים אויפגעקומען צום ברית מילה אין שול אַריין מיט דיא מוהלים צוזאַמען אונ דער פּאטער איז געוועזען דער סַנְדָק, דער עולם זאגט צו איהם רבי זייט שוין מוהל דאס קינד, אונ ער זעהט זיך אַרום אין אַלע קאנטען. אונ ער זעהט נאך ניט אליהו הנביא, דער פּאטער זאגט דער ווייל תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים אונ אַלע ווארטין דער פּאטער שווייגט אונ ענטפערט ניט ביז עס איז איבער געגאַנגען אַיין לאַנגע צייט, אונ דער גאַנצער עולם שרייט וואס ווארט איהר? פּלוצלונג האט דער פּאטער דערזעהן דעם געטליכען שָׁלִיחַ אליהו הנביא ז"ל, ער שטייט בּייא איהם אונ זאגט צום פּאטער זעץ זיך אויף דעם שטול. ער האט זיך גיזעצט אונ דאס קינד האט ער גענומען אויף דיא הענד, גענומט אליהו הנביא דאס קינד פון איהם צוא, אונ האט זיך געזעצט אויף דעם ארט פון פּאטער (אונ דער פּאטער האט זיך געזעצט נאנט בּייא איהם) אונ האט געהאַלטען דאס קינד מיט בּיידע הענד, דער מוהל האט דאס קינד מוהל גיוועז אונ האט גאר ניט געזעהן ווער איז דא, איהם אונ דעם גאַנצען עולם האט זיך גערדאכט אַז דער פּאטער האַלט דאס קינד אויף זיינע הענד, דעם קינד האט מען אַיין נאמען געגעבען יצחק לוריא, נאך דעם ברית מילה זאגט אליהו צום פּאטער, געהם צוא דאס קינד אויף דיינע הענד אונ דוא זאלסט וויסין וויא צו שעצין איהם, פון איהם וועט זיין אַיין גרויסע הייליגע ליכט אויף דער וועלט, עס איז איבער געגאַנגען אייניגע יאהר, דאס קינד איז געוועזען כּמעט אַיין הימעל קינד, זיין לערנען אונ זיין דאוונען איז געוועזען קודש קדשים, אין ירושלים האט ער גיקלונגען פאר אַיין גראָסען עלוי, מען האט געזאגט אַז ער וואַקסט אַיין גאון הַגְּאוֹנִים, אַז מעהר וויא אייניגע חֳדָשִׁים האט קיין רבי מיט איהם ניט גיקענט לערנען, ער פלעגט פרעגין אַזעלכע זאכין וואס עס פאכט פאר דעם גרעסטען מופלג אויף דער וועלט, ממילא פערשטייט מען אַז זיינע מלמדים האבען ניט גיקענט ענטפערין איהם אויף אַלם צוא זעטיגין זיין הייליגען נפש וואס ער איז געוועזען דארשטיג צוא דעם געשמאק פון דער תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וויא אַיין

אינד צוא קוואלען וואסער, ביז וואגען אז דיא גרעסטע גאונים פון ירושלים האבען זיך פערוואונדערט אויף זיין גרויסקייט אין זיין טיפע שארפזיניגקייט אין פלפול, אונ פלעגען מיט איהם פערברייגגען אין לערנען אונ אין עבודת השם (גאטעס דיענסט). דער פאטער לבד וואס ער פלעגט מיט איהם לערנען פלעגט ער איהם היטין וויא דיא אויג אין קאפ, אונ פלעגט איהם פיהרין מיט גרויס קדושה וטהרה, דער נאך וויא עס איז געקאמען דיא צייט אז דער פאטער דארף שטארבען איז דאס טהייערע קינד געבליבען איין ארימער יתום אונ די מוטער איין ארימע אלמנה, דיא גרעסטע לייט פאן ירושלים האבען זייא געוואלט שטיצען מיט חיונה אויף דעם שענסטען אופן, נור זייא האבען גיכט געוואלט הנאה האבען פון פרעמדע, אונ איבערהויפט האט דער טהייער קינד ניט געוואלט געהמען אפילו איין פרוטה אחת פון צדקה, פלעגט דיא צדקנית דיא אלמנה שפייזען זיך מיט דאס קינד פון איהר אייגענע מיהע.

ויהי היום עס וואר איין טאג, רופט זיך אב דיא פרומע ארימע מוטטער צוא דאס קינד, ליעבע אונ טהייערע קינד, אונזערע הייליגע חכמים זאגען, אם אין קמח אין תורה, דאס הייסט אז עס איז גיטא קיין מעל צוא עסען קאן מען ניט לערנען, אונ מיר זיינען יעצט זעהר פערארימט, אונ איך האב שוין גיט קיין כח צוא האריוועען, איך בין אלט אונ קראנק, איין טרויערדיגע אלמנה אונ נעמען פרעמדע געלד שטיצונג ווילסטו אויך ניט, היינט וויא וועסטו האבען כח צו לערנען דיא הייליגע תורה מיט חשק אונ התמדה וויא דוא לערינסט ברוך השם? דארום איז מיין פלאן ליעבע קינד אז דו זאלסט אוועק רייזען נאך מצרים, דארטען האסטו איין רייכען פעטער מיין ברודער איין גרויסער גביר ר' מרדכי פראנסים, אונ דארטען וועסטו גליקליך זיין אם ירצה השם.

וואס דוא וועסט מיר זאגען וועל איך דיר אלס פאלגען טהייערע מוטטער, נאר מיר האט איין קשיא, עס שטייט דאך אין דער תורה אז אין מצרים טאר מען ניט וואנען? זאגט דיא מוטטער וויא אזוי וואנען דארטען גרויסע לייט רבנים אונ צדיקים, דוא מיין קינד האסט דאך געהערט פון דעם גרויסען מאן דער אידישער פירסט ר' יצחק שולל זכרונו לברכה, וואס דורך איהם זיינען אלע יהודים אין מצרים אונ אין סוריא גליקליך געווארען, ער האט זייא איין מאל געראטירט

מיט

מיט זיין תפלה אונ זיין געטליכע חכמה פון טויט, אז מען לייענט דארטין איין גייע מגלה אין דעם אכט אונ צוואנציגסטען טאג אין אדר.

"דערציילט מיר טהייערע מוטטער דיא געשיכטע. איך וועל דיר דערציילען מיין ליעבע קינד אין קורצען, בשנת רפ"ד האט דארטען דער אחמיד פאשא אין מצרים געגעבען איין שטרייגען פערזאג אז אין דעם אכט אונ צוואנציגסטען טאג אין אדר זאלען דיא יהודים אויפטראגען איין שרעקליכע גרויסע סומע געלד צוא איהם, ווארום ער בעדארף האבען תיכף איין מלחמה, אונ צעהען טעג ציל האט ער זיא געגעבען ניט מעהר; אונ אויב דיא יהודים פון מצרים וועלין ניט אריין טראגען דיא סומע געלד, וועט מען זיי צו קיילען מיטין שווערד אדער פער־ברענען זיא מיט דיא הייזער, "להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים" יונגע קינדר אונ אלטע פרויען אונ מאנס פערזאנען אלע אין דעם אכט אונ צוואנציגסטען טאג אין אדר, וויא המן האגגי האט געוואלט מיט דיא יהודים טאן אין דער צייט פון אחשורוש. דער אידישער גראף ר' יצחק שולל איז געוועזען איין קרוב למלכות, ער האט זעהר פיעל געבעטען רחמים ביא דעם אחמיד פאשא. ער אונ נאך אייניגע האבען געוואלט אוועק געבען זייער גאנצען רייכטהום ביז דער לעצטער פרוטה, נאר עס האט ניט געהאלפען, דען ער האט געזאגט אז אויב עס וועט פעלען איין פרוטה פון דער סומע געלד, וועט פעלען דער אידישער לעבען, אזוי האט דער רשע געענטפערט, אונ דער ווייל האט ער געשטעלט איין וואך ביא אלע טויערן זיא זאלען ניט צו לויפען, געוואנליך האבען דיא יהודים געגוג געוויינט אונ געקלאגט אונ גע־פאסט וויא מען דארף, דען נאר דאס איז אידישע געווער, ווען אז דער חלף לייגט שוין אויפען האלז, פערזאמלען זיא זיך אלע אין דיא שולין אונ מען פערגיסט דיא הערצער פאר הבורא יתברך שמו מיט טייבין טרערען, אונ השם יתברך אז ער זעהט אז אידעשע קינדער אלע טהוען תשובה מיטין גאנצען הארצען, טוט ער מיט זייא נסים ונפלאות וכך הוה, עס האט זיא מאקע געטראפען איין גראסער נס אז השם יתברך האט מקדים געוועזען דיא רפואה פאר דער מכה, דען גראדע אין דיעזע צייט מיט צוויא חדשים פריער האט איין מהמדאנישער שר, וואס ער איזט געוועזען איין אדיוטאנט ביא דעם אחמוד פאשא פון מצרים געשיקט איין געהיימים (סוד) בריעף צום סולטאן אין קאנסטאנטינאפעל, אז תיכף וויא עס וועט קומען דער בריעף

(תוהר"י)

צוּם סוּלטאַן זָאל עֶר שִׁיקֶען כַּמָּה אֲלָפִים חַיִל אִין מצרים אוּנ זָאל פַארְוַואכֶען דֶעם .אחמוד פאשא פוּן מצרים, אוּנ דָארְטֶען וֶועט עֶר גֶעפִינֶען דִיא אַלֶע פַּאפִּירֶען אוּנ קָאפֶּיעס פוּן דִיא בְּרִיעף, וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיעבֶּען צוּא אַלֶע שָׂרִים, זַייא זָאלֶען זִיךְ שְׁטְרֵיינְג צוּא גְרֵייטִין צוּ דֶער מִלְחָמָה אוֹיף דֶעם סוּלטאַן, אוּנ אַרָאבּ וַוארְפֶען זַיין יָאךְ אוּנ זַיין רֶעגִיערוּנְג פוּן דֶער גַאנְצֶע לַאנְד סוּדאַן, סוּריא אוּנ מצרים. דָארְטֶען אִין דִיא בְּרִיעף רֶעט עֶר זֶעהר שְׁלֶעכְט אוּנ בֶּעזֶעס אוֹיף דֶעם סוּלטאַן, אוּנ זָאגְט צוּ אַלֶע שָׂרִים, צוּא מַאכֶען זַייא גְלִיקְלִיךְ נוּר זַייא זָאלֶען אִיהם פָאלְגֶען, דַארוּם זָאל דֶער סוּלטאַן וָואס צוּם גִיכְסְטֶען שִׁיקֶען חַיִל פַארְחַאפֶּען דִיא מְרִידָה, אֵיידֶער זִיא וֶועט זִיךְ פֶערְשְׁפְּרֵייטֶען, וָוארוּם אַיין קְרַאנְקְהַייט אֵיידֶער זִיא וֶוערְט פֶערְשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דֶעם גַאנְצֶען קֶערְפֶּער קָאן מֶען גִיךְ אוֹיסְהֵיילֶען, דֶער נָאךְ אִיז פֶערְפַאלֶען, אוּנ אוֹיבּ עֶס וֶועט נִיט זַיין רִיכְטִיג וִויא אִיךְ שְׁרַייבּ מָאגְסְטוּ אֲדוֹנִי הַסוּלטאַן מִיר דִיא קָאפּ אַרָאבּ נֶעמֶען, אַזוֹי הָאט דֶער אַדְיוּטַאנְט גֶעשְׁרִיעבֶּען. וִויא עֶס אִיזְט גֶעקוּמֶען דֶער בְּרִיעף צוּם סוּלטאַן הָאט עֶר תֵּיכֶף גֶעשִׁיקְט דֶעם גְרֶעסְטֶען פאשא מִיט צֶעהֶען טוֹיזֶענְד גִבּוֹרִים גְלַייךְ אִין מצרים, וָוארוּם דֶער סוּלטאַן הָאט בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז רִיכְטִיג, וַוייל שׁוֹין אַיין הַאלְבּ יָאהר הָאט דֶער אחמוד פאשא פוּן מצרים נִיט גֶעשִׁיקְט דִיא סוּמֶע גֶעלְד אָבְּצָאהְל וָואס עֶר דַארְף אַריין טְרָאגֶען דֶעם סוּלטאַן וִויא דֶער טְרַאקְטַאט אִיז בַּייא זַייא גֶעוֶועזֶען. ויהי ביום השמונה ועשרים בבקר, עֶס וַואר אִין דֶעם אַכְט אוּנ צְוַואנְצִיגְסְטֶען טָאג אִין חֹדֶש אֲדָר אִין דֶער פְרִיא, הָאט דֶער אחמוד פאשא אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט אַיין וַואךְ אַרוּם דִיא אַלֶע שׁוּלֶען אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּנ הָאט אָן גֶעזָאגְט דוּרְךְ דִיא שָׂרִים פוּן דִיא זֶעלְנֶער אַז אִין דֶעם טָאג בִּיז פַארְנַאכְט זָאל מֶען קֵיינֶעם נִיט אַרוֹיס לָאזֶען פוּן דִיא שׁוּלֶען אוּנ פוּן דִיא הַייזֶער, אוּנ אוֹיבּ זַייא וֶועלֶען נִיט אַריין טְרָאגֶען דִיא גֶעלְד וִויא עֶר הָאט פְרִיעֶר גֶעזָאגְט (נִיט פֶערְגֶעסְט לִיעבֶּע לֶעזֶער אַז דִיא גֶעלְד דַארְף עֶר אוֹיף דֶער מִלְחָמָה אוֹיף דֶעם סוּלטאַן) וֶועט מֶען זַייא צוּא רַאבִּירֶען, דִיא פְרוֹיעֶן פַיינִיגֶען אוּנ דֶער נָאךְ וֶועט מֶען דִיא הַייזֶער מִיט זַייא צוּזַאמֶען פֶערְבְּרֶענֶען, פֶערְשְׁטֵייט מֶען גַאנְץ גוּט אַז אִין דֶעם טָאג אִיז גֶעוֶועזֶען נָאךְ מֶעהר קוֹלוֹת אוּנ גְוַואלְדֶען, דִיא שְׁטִימֶע פוּן גֶעוויין הָאט דִיא הִימֶלֶען גֶעשְׁפַּאלְטֶען, קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּען אוֹיךְ דְרַייא טֶעג גֶעפַאסְט, עֶס הָאט זִיךְ צוּמִישְׁט טְרֶערֶען פוּן אַלְטֶע לַייט אוּנ פוּן יוּנְגֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען, בִּיז וַואנֶען

עס

עס איז כמעט אין זייא קיין נשמה ניט געבליבען, דען דיא חיל פון אחמוד פאשא זיינען שוין גיגרייט אונ ווארטען גאר ביז נאך איין שטונדע, זייא זאלען שוין אנפאלען וויא וועלף אויף אונשולדיגע שאף, בערך מנחה צייט האט מען מתפלל געוועזען תפלת מנחה וואס יום הכפורים קאן שוין בעסער ניט זיין, אונ השר הצדיק ר' יצחק שולל האט געזאגט איין רעדע אין דער גראסער שול, אונ האט געשריען: ליעבע ברידער, טוט תשובה אונ גרייט זיך צום טויט, דען גאטטעס הילף קאן זיין אין איין רגע אונ ווען חלילה זיין היילינער ווילען וועט ניט זיין אונז צוא רעטען וועט דיא תשובה ווירקען אויף אונז אז אונזערע נשמות זאהלען אוועק געהען ריין צוא דעם גאטט וואס האט זייא בעשאפען.

וויא דער חזן וואס האט געזאגט חזרת הש"ץ האט געגעבען איין געשרייא: ראה נא בענינו דאס הייסט — זעהע נור גאטט אין אונזער פיין — וריבה ריבנו — אונ דוא קריג זיך אונזער קריג — פלוצלונג איז געהערט געווארען איין גרויסער רעש פון זעהר פיעל קאנאנען וואס האבען אויסגעשאסען (דען עס איז אנגעקומען דער חיל פון סולטאן פאן קאנסטאנטינאפאל) אונ דער נאך איזט געהערט געווארען איין געזאנג פון זעלגער וואס קאמען אהן, אונ תיכף האבען זייא דיא חיל פאן וואך וואס דער אחמוד פאשא האט געשטעלט צוא שלאגען מיטין שווערד, אונ דיא איבעריגע האט מען גענומען אין געפיינגעניס אונ איין טהייל פון דעם סולטאנס חיל האבען ארום געוואכט דעם טעמפעל פון אחמוד פאשא אונ האבען געפונען אלע פאפירען, אלעס וויא דער אדיוטאנט האט געשריעבען צום סולטאן. דער אחמוד פאשא וויא ער האט דערזעהען פאן ווייטען דעם חיל פאן סולטאן איז ער אנטלאפען אונ האט זיך בעהאלטען אין אמרחץ אונטער אבאנק צוא ראטירען זיך פאן טויט, נור מען האט איהם דארטען אויך געפונען אונ מען האט איהם אויפגעהאנגען בייא דעם טהויער פון מצרים, בכדי אז אלע זאלען וויסען אז דער, וואס איז מורד אן סולטאן אדער אן יעדער קעניג וואס רעגירט אין זיין לאנד איז ער חייב מיתה.

בעטראכט, מיין קינד, וויא גרויס איז געוועזען דער נס וואס השי"ת האט געטאהן מיט זיין פאלק, זייא זיינען אין דער רגע אויס געלייזט געווארען פאן טויט צום לעבען, אונ ווען חס ושלום דער חיל פון סולטאן וואלט קומען עטוואס שפעטער, וואלטען דיא

יהודים געטאדעט געווארען אין איין רגע פאן דיא הענד פאן דעם רשע מיט זיינע מחבלים. נור פון סולטאנס חיל קומען, איז ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, זייא האבען געזעהן דיא שרעקליכע מפלה פון אחמוד פאשא אונ דיא גוטעס וואס דער גראס פחה פון סולטאן האט מיט זייא געטאהן, ער האט אלע יהודים בעפרייט פון אלע שווערע גזרות אונ האט זייא גליקליך געמאכט, ווארום דער סולטאן מיט זיין גראס פחה זיינען געוועזען אוהבי ישראל דאס הייסט יודענפריינד.

דיא יהודים האבען דעם גראסען נס פערשריעבען אין איין מגלה, אונ אלע יאהר אין דעם אכט אונ צוואנציגסטען אדר פייערטאגען זייא דעם טאג מיט שירות ותשבחות צום בורא יתברך שמו, מען מיילט פיעל צדקה אלס וויא געהעריג איז, מען רופט דעם טאג פורים שני. ר׳ יצחק שולל דער גראסער יודישער פירסט פון מצרים האט דאס אלעס אליין מיט זיין היילינען מויל ערציילט דא אין ירושלים ווען ער איז אהער געקאמען צוא טהיילען זעהר פיעל געלד צוא דיא צדיקים וואס האבען געווארט אויף זיין הילף.

דערפון זעהעט מען דאך מיין קינד, אז אין מצרים מעג מען וואהנען, אונ ניט פארגעס מיין טהייערער זאהן, אז צוא דעם צדיק ר׳ יצחק שולל איז דאך געוועזען איין גאנצער בית דין, וואס דארטען זיינען געוועזען גאונים אונ צדיקים, וויא דיין פאטער זכרונו לברכה האט אלעס ערציילט, מעגסטו געווים, מיין קינד, אוועק אין מצרים צום פעטער, ער איז איין גראסער עשיר אונ איין פרומער מענש, ער וועט דיר שטיצען אין אלעם.

„ליעבע מוטטער, ווען מען מעג וואהנען אין מצרים, נור פאן ירושלים עיר הקדש טאר מען ניט ארויס וואהנען אין מצרים, דען איך בין דאך געבארען געווארען אין ירושלים, אונ איך טאר פון איהר ניכט ארויסגעהען וואהנען אין איין אנדער ארט, הגם אלעס וואס דוא זאגסט מיר, היילינע מוטטער, איז בייא מיר קדש קדשים, נור אונזערע היילינע חכמים זאגען, אז הגם עס איז גלייך דיא מורא וואס מען דארף מורא האבען פיר עלטערן צוא דיא מורא פאר הבורא יתברך שמו, נור אין דער זאך וואס עס איז געגען דער תורה הקדושה טאר מען ניט צוהערען אויך עלטערין, אונ צווייטענס טער וויים צוא דארטען וועל איך האבען מיט וועמען האלטען זיך

איין עצה אין לערנען, וויא דא אין ירושלים. אונ אז ניט וואס טייג מיר מיין לעבען, דערום צוא טאן דיין ווילען, מוז איך זיך פריהער בעראטהען מיט דעם גרעסטען חכם פון ירושלים.

„ליעבע הייליגע קינד, זאגט דיא מוטטער, פרעג אויף דעם בייא דעם רב דער גאון פון ירושלים, אונ וויא ער וועט דיר געבען איין עצה זאלסטו, מיין קינד, טאהן, אונ איהם זאלסטו ענטדעקען אונזער טרויערדיגען שטאנד, אונ וויא מיר ווילען ניכט נעהמען קיין הילף פון איין פרעמדען מענשען בשום אופן".

ר' יצחק לוריא איז אריין צום רב, ער האט איהם אלעס פאר געלייגט, אונ דער רב האט איהם גרויס כבוד געגעבען, אונ האט געזאגט, אז אויב ער וויל דא אין ירושלים בלייבען, וועט ער איהם מיט דער מוטטער דיא חסידה שטיצען אויפען בעסטען אופן, נור אויב איהר ווילט בשום אופן קיין פרעמדע שטיצע ניכט, האט ער איהם געוויזען איין היתר פון רמב"ם ז"ל, אז ער מאג פאהרען לערנען אין מצרים, אויך האט ער איהם געגעבען איין בריעף צוא הגאון ר' בצלאל אשכנזי ראש ישיבה אין מצרים (דאס איז דער גאון וואס האט מחבר געווען דעם ספר שיטה מקובצת אויף ש"ס) אז ער זאהל איהם זעהר מקרב זיין, ווארום דאס קינד ווייזט אז ער וועט זיין זעהר גראס אויף דער וועלט, אונ אויך אין דעם דור פון נביאים אונ תנאים וואלט מען איהם קענען רעכענען פאר איין אויסנאם פון איין קינד, ער איז זעהר גראס אין לערנען אונ אין חכמה ויראת שמים, אונ אלע מעלות אויף דער וועלט (דער בריעף איז געוועזען איין פערמאכטער, דאס קינד אליין האט ניט געלעזען וואס עס שטייט אין איהם). איידער דער רב האט זיך מיט איהם געזעגענט האט ער איהם געבענשט מיט הצלחה אין תורה אונ אין געטליכע ידיעות אונ אויך אין אנדערע גרויסע חכמות, אויך מיט אריכות ימים ושנים. וויא דער רב האט איהם דערמאנט אריכות ימים ושנים האט ער אנגעהויבען שטארק צוא וויינען, דיא אורזאכע פון דעם הייליגען קינדס וויינען ווערדען מיר ווייטער ערציילען.

ער האט זיך אבגעזעגענט מיט דער מוטטער אונ האט געוואלט אוועק געהען מיט איין קאמפאניע נאך מצרים, נור דער מוטטער איז געווען זעהר שווער זיך צוא שיידען מיט אזויא איין טהייערען אונ ליכטיגען בריללאנט, איז זיא אויך מיט איהם געגאנגען.

וויא ער איז געקומען אין מצרים צוא זיין רייכען פעטער האט ער

איהם

איהם זעהר פריינדליך צוגענומען, אונ איז מיט איהם גלייך אוועק צום גאון רבי בצלאל אשכנזי, וויא דער רב האט איבער געלעזען דעם בריף פון דעם רב פון ירושלים וויא גרויס ער שרייבט אויף איהם, איז ער אויפגעציטערט געווארען, אונ האט זיך באלד געשטעלט פון שטול פיר דאס קינד, אונ אז ער האט מיט איהם גערעט אין לערנען, האט ער געזעהן אז דאס וואס עס שטייט אין בריעף איז נאך ניט איין העלפט פון זיין גרויסקייט. זאגט דער רב צוא זיין פעטער, הערר! דאס קינד איז איין געטליכע ליכט אויף דער וועלט, דיא תורה הקדושה איז זיך משתעשע מיט אזויא איין ליעבע קינד וויא ער איז.

דער כלל איהר זאלט איהם היטען וויא דיא אויג אין קאפ, אונ איהר ליעבער הערר דארפט זיך פרייען, אז השם יתברך האט אייך צוגעשיקט אין אייער פאמיליע אזויא איין יונגען צעדערבוים וואס אונטער זיינע צווייגען וועלען זיך שיצען טויזענדע פון דיא גרעסטע לייט אויף דער וועלט. וויא דער פעטער האט דאס געהערט פון רב איז ער גאר משתומם געווארען אונ האט דעם קינד געקושט אונ געארימט וויא איין פאטער זיין טהייערן זאהן, אונ האט איהם באלד בעקליידעט בגדי כבוד וגדולה, ער האט איהם אבגעגעבען איין בעזאנדערען וואהנונג אונ דער קינד האט טאג אונ נאכט געלערענט בקדושה ובטהרה מיט גרויס מתיקות אונ דיא אלע וואס האבען געהערט בייא נאכט זיין געטליכע שטימע אין לערנען מיט דער פייערדיגע התמדה זיינען כמעט אויס געגאנגען פון זיסקייט, עס איז קיין אינסטרומענט אין שטאנדע ארויסגעבען אזויא איין אנגענעהמע שטימע, גרויסע מבינים האבען געגליכען דיזע געטליכע שטימע צוא דער שטימע פון מלאכים וואס זאגען שירה צום בורא יתברך שמו, צוא איהם פלעגען קומען דיא גרעסטע תלמידי חכמים פון מצרים אונ פלעגען פרעגען בייא איהם חדושים אין דער תורה הקדושה, אונ דאס קינד פלעגט זייא דיא אויגען עפענען מיט זיין טיפען גראסען אונ שארפען שכל. ווען איינער פלעגט איהם פרעגין למשל צעהען קשיות, פלעגט ער מיט איין תירוץ אלס פערענטפערען מיט אזויא איין שיטה (סיסטעמע) וואס זייא האבען דאס גאר ניט געהערט אונ ניט געוואוסט פון אזויא איין געשמאק אין לערנען, ער האט געוויזען נפלאות בתורת ה׳ וואונדער אין דער געטליכער תורה.

ר׳ יצחק לוריא איז דאמאלס אלט געוועזען פופצען יאהר, זיין פעטער האט געהאט איין טאכטער זעהר איין פרומע, איין געלערענטע אונ

בעריהמט אין אלע שיינע מעלות און מדות, דער פאטער איהרער האט איהר געוואלט געבען זעהר פיעל אלפים טאהלער נדן, פערשטייט זיך דאס מען האט איהר פארגעשטעלט גרויסארטיגע שדוכים, וויא נאך איהר גרויסען ערך, נור זיא האט ניכט געוואלט הערען פון קיין שידוך, פרעגט ביא איהר דער פאטער פיליכט ווילסטו נעהמען אונזער ר' יצחק'ל לוריא זאל לעבען פיר איין חתן? ענטפערט זיא ליעבער פאטער, וואס איז דיין מיינונג וועגען איהם? מיין מיינונג איז זאגט דער פאטער, אז ווען דוא זאלסט פליען אין דיא שטערען פון הימעל זוכען מזל, קאנסטו קיין בעסערען חתן ניט געפינען וויא ער, ווייל אויך דיא זאננע מיט איהרע ליכטיגע שטראלין זיינען דונקעל געגען דיא ליכטיגע שטראלען פון זיין תורה און פון זיינע היילינע מעשים טובים, און דער צוא איז ער איין גרויסער חכם, דען אלע גאונים און רבנים בעוואונדערן זיין גרויסקייט אין לערנען און דיא גרעסטע חכמים זאגען אז עס איז ניט דא זיין גלייכען צווישען דיא גרעסטע חכמים און פהילאזאפען.

האט דיא טאכטער געאנטווארטעט, ליעבער פאטער, וויא איך זעה וועגט איבער ביא דיר דיא תורה און חכמה פון יצחק לוריא דיא פיעל אלפים רבבות געלד פון אנדערע חתנים, און איך זאג דיר דיא וואהרהייט אז אויך מיר געפעלט דאס מעהר וויא אלע שדוכים, דען געלד פון נדן איז ביא גאט אין דער האנד, און זיין תורה און מעשים טובים זיינען ביא מיר דיא גרעסטע מתנות. דער פאטער האט איהר געקושט פיר איהרע טהייערע רייד און פיר איהר שיינעם שכל, און דער גביר זיין פעטער האט גענומען דעם גראס שעציגען עלוי פיר איין איידים.

נאך דער חתונה האט דער שווער צוא איהם גענומען דעם גאון רבי בצלאל אשכנזי דער רב פון מצרים, ער זאל מיט איהם צוזאמען לערנען און האט דעם רב געגעבען חיונה בכבוד גדול און אויך גרויסע מתנות. זיבען יאהר נאך אנאנד האט ער מיט איהם געלערענט טאג און נאכט מיט גרויס התבודדות (איינזאמקייט) אין איין בעזאנדער טהייערין וואהנונג ביא דעם טייך נילוס*) אין אלט מצרים וואס דארטען איז דער וועטער זעהר גוט און געזונד, און מען האט איהם געשיקט אהין טהייערע

שפייזען

*) ווארום אויסער וואס זיין שווער איז געוועזען שרעקליך רייך, האט ער אויך געהאלטען דיא ארענדע פון דעם פארט נילוס אונד דיא אבצאהלונג פון דיא שיפען האט צוא איהם געהערט.

שפייזען מיט פיעל פערגעניגען אונ דיענער צוא בעדיענען איהם.

נור דיעזער היילינער מאן האט פון דער וועלט ניט געוואלט הנאה האבען מעהר ניכט וואס עס איז נייטיג צום מענשענס לעבען אונ דיא איבעריגע האט ער צוטיילט אויף צדקה, זייער לערנען איז געווען זעהר גרויסארטיג נור אין נגלה אין תלמוד, וויא מען זעהט פון דעם רבים ספרים שיטה מקובצת אויף ש"ס, דער נאך האט ער זיך מתבודד געוועזען אין איין בעזאנדערען וואהנונג אונ האט אליין געלערנט אכט יאהר מיט גרויס צניעות קדושה אונ טהרה אונ יראת שמים. ער האט מיט מענשען קיין ווארט ניט גערעט חוץ אין לערנען. דאמאלס האט ער שוין געלערנט סודות התורה, ער פלעגט קומען צוא הויזע נור אלע פרייטיג צוא נאכט אין נייא מצרים וואס עס איז געוועזען איין תחום שבת וויים פון אלט מצרים. שבת קודש איז געוועזען דיא הויז פון זיין שווער פול מיט תורה אונ חכמה. דיא גרעסטע לייט פלעגען קומען מקבל פנים זיין איהם, אונ ער פלעגט יעדערען ענטפערען קורץ אונ גרויסארטיג. זיין געשפרעך צוא דיא הויז געזינד איז אויך געווען נור געציילטע ווערטער אונ אויף לשון הקודש. זיין יונגע פרויא איז געוועזען איין גרויסע בעלת לשון הקודש, זיא האט גוט פערשטאנען זיין גדלות אונ האכשעציגקייט, יעדער ווארט זייגער איז ביי איהר געוועזען קודש קדשים, זיא האט געזאגט אז זיין איין ווארט קאן מען מיט מיליאנעס ניט אבשאצען, אונ זיא האט איהם אלעם ערלויבט, זיך אבזונדערן פון הויז אונ פון מענשען, אונד לערנען תורה מיט איין געטליכען געפיהל. באלד מוצאי שבת קודש פלעגען דיא משרתים איהם בעגלייטען אין זיין היילינען וואהנונג. ער האט דארטען געהאט איין בעזאנדערן מנין, אונ נאך זיין תפלה פלעגט ער זיך ווייטער אבזונדערן פון זייא. פון זיין היילינען לערנען אונ קדושה אויך פון זיין גרויס ענוה וואס ער האט זיך זעהר קליין געהאלטען, אויך צוליעב זיין גרויס עבודת ה' (גאטעס דיענסט) וואס זיא איז געווען ריין, אויך פון זיין צדקה אונ גמילות חסדים וואס ער האט פערזאגט זיין פרויא זיא זאל טאהן גאר אן איין ענדע, האט ער זוכה געווען אז אליהו הנביא ז"ל האט זיך צוא איהם מתגלה (ענטדעקט) געווען אונ פלעגט איהם מגלה זיין וואונדערליכע סודות התורה וואס קיין גאון אונ קיין צדיק וחסיד פון פיעל דורות צוריק האט דאס בשום אופן ניט זוכה געווען, אונ זיין היילינע נשמה האט געהאט אזויא איין גרויסען בעגריף, אז זיא פלעגט וויסען אזעלכע ענינים וואס עס פאסט פיר איין נביא פון דיא

פאריגע

פאריגע דורות, ער האט פערצייכענט חדושים אויף ש"ס אונ האט אויפגעוויזען זעהר שרעקליכע זאכען אין חכמת הקבלה, אין איין קורצע צייט האט מען אין אלע קאנטען וועלט שוין געוואוסט פון איהם אונ דיא גרעסטע חכמי הקבלה פלעגען פרעגען בייא איהם זאכען אין חכמת הקבלה וואס זייא האבען ניט געוואוסט, אונ אלע האבען געזאגט אז עס איז זיין גלייכען ניטא אונ ער זעלבסט פלעגט זעהר שטרייננ בעהאלטען זיין גרויס חכמה אונ זיין חסידות, פון דעסט וועגען דיא שטראלען פון זיינע געטליכע ידיעות האבען דורך געלויכטען פון זיין בעהאלטעניס אונ האבען דיא וועלט פערלויכטען. זיין גרויסקייט אין תורה קדושה אונ חסידות איז אונמעגליך אויסצושרייבען, אונ זיינע מעשים טובים איז שרעקליך צוא דערציילען.

ער האט אלפים ורבבות יהודים אויס געהאלפען מיט צדקות מיט גוטע ראטה. אז מען האט בייא איהם געפרעגט איין עצה איז געוועזען וויא מען וואלט פרעגען בייא איין מלאך פון הימעל, עס האט ניט געפעלט איין ווארט פון דיא רייד וואס ער האט געזאגט, טויזענדער פלעגט ער היילען פון זייער קראנקהייט, וועז רפואות האבען ניט געהאלפען האט געהאלפען זיין ברכה אונ תפלה, אונ ניט גענוג וואס ער האט ניט גענומען בייא קיין ילוד אשה איין פרוטה פלעגט ער נאך צוטיילען פיר אונגליקליכע זעהר פיעל געלד אויף צדקה ביז וואנען אז צעהען טויזענדער מענשען פלעגען ליגען ארום זיין וואהנונג אונ ווארטען אויף זיין הילף, ניט גראדע יהודים נור אלע סארטען מענשען מחמדאנער אונ נוצרים פלעגען פאלען צוא זיינע פיס אז ער זאל זייא העלפען, זיין נאמען איז געוועזען זעהר גרויס, אונ אזויא וויא צוא אלישע הנביא איז געקומען דער פעלדמארשאל נעמן פון ארם היילען זיך, אזו זיינען גיקומען די גרעסטע פירסטען פרעגען בייא איהם עצות אונ רפואות, דורך איהם איז געגריסט געווארען דיא יודישע אמונה (רעליגיאן) אונ יודישער נאציאן. אין דעם דור איז געוועזען פיר אונזערע ברידער אין פיעל לענדער זעהר גוט, אויף אקרענטען פלעגען קומען אלע מאל גרויסע חכמים פון אלע קאנטען וועלט צו הערין זיין היילינע חכמה אונ צוא ערקלערען זייא דיא חכמת הקבלה, וואס דאמאלס האט זיא געלערנט אונ געשיינט צווישען דיא גרעסטע חכמים אויף דער וועלט.

ויהי היום איז צוא ר' יצחק לוריא נתגלה געווארען אליהו הנביא ז"ל, אונ זאגט איהם זעהר גרויסע ענינים, וויא ער וועט געריכטעט

דיא

דיא השגחה פון דער פיהרונג פון דער גאנצער וועלט, אין דעם האט ער איהם מגלה געוועזן אז נים פיל דארף ער לעבען אויף דער וועלט.
אונ דאס איז איינע פון דיא סודות הנשמות אז ער איז נור גיקומען אויף דער וועלט צוא מתקן זיין גרויסע ענינים אונ מגלה זיין דיא סודות פון חכמת הקבלה, וואס ער האט אין איהר גיפעהנט נייע ליכטיגע שטראססען, ער האט וועלטען מתקן געוועזן אונ אין איין קורצע צייט דארף שוין זיין היילינע נשמה קומען צוא השם יתברך זעלבסט פון וואנען זיא איז געקומען אונ דיא וועלט איז נים ווערט אז דיא ליכט זאל מעהר שיינען אין איהר, ע"כ איז ער געשיקט געווארען פון הימעל זאגען איהם אז זיינע צייטען זיינען שוין געצייילטע, זאל ער איבערגעבען זיין גרויסע חכמה צוא איין גרויסען תלמיד חכם איין גדול הדור (פון דיא גרעסטע חסידי ישראל אויף דער וועלט) וואס כמעט צוליעב איהם איז ר' יצחק לוריא גיקומען אויף דער וועלט ענטדעקן איהם דיא געטליכע חכמה (דאמאלס איז ר' יצחק לוריא אלט געוועזן זעקס אונ דרייסיג יאהר) אונ אליהו הנביא האט איהם געזאגט אז ער זאהל קומען אין שטאדט צפת אין ארץ ישראל, דארטען וועט ער זיך אויפטראגין מיט דעם גרויסען מאן ר' חיים וויטאל *) וואס ער איז געוועזן פיעל עלטער פיר ר' יצחק לוריא, פיר איהם זאלסטו עפענען דעם קוואל פון דער טיעפע געטליכע חכמה, אונ ער וועט ממלא זיין דיין שטעלע.
ר' חיים וויטאל האט אין זיך געהאט איין טהייערע נשמה, ער איז פריער געוועזן דער תלמיד פון הגאון ר' משה אלשיך אין פשט פון תורה, אונ ר' יצחק לוריא זאל איהם מגלה זיין סודות התורה כדי פון איהם זאהל זיין איין גרויסע ליכט אויף דער וועלט, אונ השם יתברך וועט אין צפת אויף איהם משפיע זיין איין רוח הקדש (איין היילינע גייסט) טויזענדער מאל מעהר ווי דא אין מצרים, אזוי האט אליהו הנביא מגלה געוועזן ר' יצחק לוריא. ער האט זיך זעהר

ערשראקען

*) דער פאטער פון ר' חיים וויטאל איז געוועזן אויך איין גרויסער צדיק אונ חסיד, ער איז געוועזן איין סופר פון תפלין אונ ספרי תורות, אויף איהם האט געזאגט דער גרעסטער גאון רבי יוסף קרא (דער שולחן ערוך) אז צוא ליעב זיין זכות פון דיא תפלין וואס ער שרייבט מיט גרויס קדושה אונ טבילות לעבט איין האלב וועלט, אונ דיא אנדער האלב וועלט לעבט צוא ליעב אנדערע צדיקים.

ערשראקען פיר דעם שרעקליכען פארשטעללונג אז ער וועט נים קענען בעגרייפען מעהר תורה אונ מצות, נור ער מוז דאך טאהן וואס מען הייסט! ער האט באלד געמאכט דיא רייזע פון מצרים נאך ארץ ישראל אונ איז געקומען אין דער היילינער שטאדט צפת, ער מיט זיין ווייב אונ קינדער, אין דעם יאהר ה׳ אלפים של״א (פינף טויזענד דרייא הונדערט מיט איין אונ דרייסיג) אונ איידער רבי יצחק לוריא איז געקומען אין צפת, האט זיך ר׳ חיים וויטאל געמאטערט פיל יאר, טאג אונ נאכט אהן אויפהערונג צוא פערשטיין חכמת הקבלה, וואס דאמאלס האבען דיא גרעסטע פון דער וועלט איהר געלערנט, אונ וויל זיא איז דאמאלס זעהר מהייער געווען, אונ מען האט ניכט געפונען קיין רבי, האבען אלע געלערנט דיא ספרים פון דעם גרויסען גאון אונ מקובל ר׳ משה קורדיווירי, צום ביישפיל וועל איך ערצייהלען אייך ליעבע לעזער, אז ר׳ עמנואל פון איטאליע (דער מחבר פון ספר כלה הרמון) האט געוואלט נור איבער שרייבען דעם היילינען ספר אור יקר אויף קבלה פון ר׳ משה קורדיווירי, האט ער געשיקט בריף אין ארץ ישראל צום גאון ר׳ יוסף קרא (דער מחבר פון שולחן ערוך) אונ צום גאון ר׳ משה אלשיך מיט זעהר פיל געלד אויף צדקה, אז זייא זאלען זיך משתדל זיין אונד בעטען דער רבנית דיא אלמנה פון ר׳ משה קורדיווירי, אז זיא זאל געבען רשות איבער שרייבען דעם ספר, האט ער גיגעבין דער אלמנה טויזנד רענדליך געלד חוץ וואס איהם האט געקאסט זעהר פיעל דער שרייבען אונ פארמעט*). ר׳ חיים וויטאל האט אויך געלערנט דיא כתבים פון רבי משה קורדיווירי, אונ ער אליין האט אויך געמאכט איין פירוש אויף דעם ספר הזהר, אונ זיין קדושה אונ חסידות איז געווען זעהר גרויס, האט השם יתברך צוגעשיקט

דעם

---

*) נור דיא היילינע כתבים פון ר׳ משה קורדיווירי האט נאך ניט גענוגט דיא דארשטיגע צוא דער חכמה, וויל זייא זיינען געשריבען זעהר קורץ אונ זעהר טיפזיניג. זיין גרויסקייט איז מפורסם פון היילינע ספרים אונ אז ער איז געשטארבען איז ר׳ יצחק לוריא געגאנגען צוא דער לויה (בשנת של״ל לפ״ק) מיט טויזענדער מענשען האט ער געזעהען צווייא גרויסע זיילען פייער ארום זיין ארון, וואס דאס איז איין סימן אז ער איז געוועזן איינער פון דיא גרעסטע אויף דער וועלט.

דעם גרויסען צער פון ר׳ חיים וויטאל, וואס ער האט נאך ניט געהאט דעם אמתן גאנג אין חכמת הקבלה, האט מען פון הימעל ערוועקט דעם היילינען מאן רבי יצחק לוריא ער זאל קומען אין צפת צוא זיין בייא איהם איין רבי אין דער היילינע חכמה. ר׳ יצחק לוריא איז געזעסען זעקס חדשים אין צפת אונ האט געלערענט אין בית מדרש אונ האט זיך ניט ענטדעקט פיר קיינעם (ער האט פון קיינעם ניט געפאדערט שטיצע ווייל ער איז געוועזען אליין רייך).

ר׳ חיים וויטאל האט באלד פערשטאנען אז ער איז איין גייסטליכער מאן, נור ער האט גערעכענט אז ער איז פיעל גרעסער אין קבלה וויא ער, ווייל ער האט זעהר פיעל געהארעוועט אין דעם, אונ ער איז געוועזען פיל עלטער פון איהם. רבי יצחק לוריא האט פיל מאל געוואלט ווייזען גבורות צוא ר׳ חיים וויטאל אין לערנען, נור ער האט זיך אבגעהאלטען, אזויא וויא דיא חכמים ז״ל זאגען דעם פסוק עד שתחפץ, אז מען דארף מאכען אז דער תלמיד זאל זיך אליין בעטען בייא דעם רבי מגלה זיין איהם חכמת התורה, ניט דער רבי זאל איהם אליין דערוועקין כדי דיא ליבשאפט אונ דיא תשוקה צוא דער תורה הקדושה זאל זיין גרעסער בייא דעם תלמיד.

איין מאל האט ר׳ חיים וויטאל אויפגעטאהן איין קינצליכען פירוש אויף איין מאמר פון רבי שמעון בן יוחאי אין זוהר, אונ האט זיך מיט דעם זעהר געפרייט, האט ער זיך מישב געוועזען אז ער וועט פרעגען דעם יונגען מאן ר׳ יצחק לוריא אויב ער פערשטייט עפעס קבלה צוא גיין, וויא ער האט איהם נאר געזאגט דעם מאמר האט ער איהם געוויזען אין יעדער ווארט גבורות הבורא, סודי סודות, ער האט איהם דעם שכל געעפינט, אונ אזויא וויא פון איין קוואל האט זיך געגאסין גאר אן אויפהערונג טהייערע געטליכע געדאנקען אין דער חכמה, ביז וואנען ר׳ חיים וויטאל איז כמעט אויסגעגאנגען פון גרויס מתיקות, דען דאס פאסט גאר פיר איין מלאך פון הימעל. אויף מארגען איז ער געקומען צוא זיינע קרעפטין, האט ער איהם ווייטער געפרעגט איין אנדער מאמר, איז אויך אזויא געוועזען. אויף דעם דריטען טאג האט ער איהם ווייטער געפרעגט איין טיעפען מאמר פון דיא חכמים, האט ער איהם אויך געוויזען גרויס חכמה אין איהם, וואס ער האט דאס גאר אויף זיין לעבען ניט געהערט אונ ניט געזעהען. עס איז זעהר געפעליך זאגט ר׳ יצחק לוריא איך האב נאך פיעל אופנים דיר צוא

זאגען אויף דעם אייגענעם מאמר, נור געגוג ביז דאגען איז איין גרעניץ! מעהר איז ניט כדאי אז מען זאל אייך מגלה זיין, עס איז צוא גרויסע ענינים פיר אייך.

וויא ר׳ חיים וויטאל האט דאס דערהערט איז ער באלד ארויס פון איהם מיט גרויס טרויער, איז געקומען אהיים אונ האט אויסגעטאהן דיא זיידענע קליידער, אונ האט אן געטאהן איין זאק, האט גענומען אש אויפן קאפ, ער האט געוויינט אונ געקלאגט, האט געפאסט אונ האט געבעטין פון השם יתברך אז ער זאל איהם געבען צוא חן אונ חסד אין דיא אויגען פון ר׳ יצחק לוריא אז ער זאל איהם מגלה זיין סתרי תורה אונ היילינע סודות. אויף מארגען איז ר׳ חיים וויטאל געקומען צוא איהם אונ איז געפאלען אויף זיין פנים, האט איהם געקושט דיא הענד אונ דיא פיס, אונ האט געוויינט מיט טרערין אונ זאגט: רבי! צוליעב דעם נאמען פון אלקי ישראל זאלט איהר מיר ניט ענטזאגען חס ושלום אונ איהר זאלט מיך ניט ערווייטערן פון אייך. רופט זיך אב ר׳ יצחק לוריא אונ זאגט: דיא אש אונ דעם זאק וואס דוא האסט געכטין אנ־געטאהן בייא דיר אין הויז דאס האט דיר געהאלפין, אז איך האב שוין רשות דיר מגלה זיין דיא איבעריגע סודות התורה וואס איך האב פון דיר בעהאלטין.

פון דאמאלס אן האט ר׳ חיים וויטאל ניט אב געטראטען פון אים, אונ ר׳ יצחק לוריא האט איהם דיא אויגען גיעפינט אין אלע סודות התורה פון חכמת הקבלה, איין גאנץ יאהר האט ער מיט איהם גילערנט ביז וואנען ער האט איהם אלעס איבער גיגעבען, אונ רבי חיים וויטאל האט עטוואס (וויא איין טראפין פון ים) פערצייכענט אין איין ספר אונ פיר יעדער ווארט וואס עס איז ארויס פון זיין היילינען מויל האט ר׳ חיים וויטאל געציטערט אונ איז כמעט בטל געווארען וויא איין קליין ליכט געגען דער ליכטיגקייט פון דער זאהגע פון הימעל.

איין מאל זאגט ר׳ חיים וויטאל צוא איהם, רבי: צוא געפעלט דאס דען דעם בורא יתברך שמו, אז אזויא איין גרויסע ליכטיגקייט זאל שיינען אויף דער וועלט אונ דיא גרעסטע חכמים פון דער וועלט זאלען דער פון גאר ניט וויסען? זאגט ר׳ יצחק לוריא צוא איהם, פיל גלייכער איז אז דוא זאלסט מיך ניט מגלה זיין פיר קיינעם (ווארום ער האט קיינעם ניט געזאגט אז ער איז דאס ר׳ יצחק לוריא פון מצרים וואס האט געקלונגען אויף דער וועלט) וועט זיין גוט פיר דיר אונ פיר מיר.

נור ר׳ חיים וויטאל האט ניט געקאנט דאס איינהאלטען בשום אופן אונ האט ביסלאכוויים מגלה געווען פיר איניגע צדיקים אז דאס איז ר׳ יצחק לוריא. האבען זיך אויפגעקליבען צעהן גרויסע תלמידי חכמים היילּיגע לייט, וואס זייא האבען געהאט איין גרויסע זכיה אז ר׳ יצחק לוריא האט מיט זייא גילערנט חכמת הקבלה אונ וואונדערבארע למודים, ער האט זייא עטוואס מגלה געווען פון דיא למודים וואס אליהו הנביא ז״ל האט איהם ענטדעקט אין מצרים, אונ דא אין ארץ ישראל איז איהם צוא געקומען פיל מער פון דער געטליכער חכמה. דארטען האבען זיך אין איהם געשטארקט דיא גרויסע הייליגע סודות מסוף העולם ועד סופו פון טאג צוא טאג, ווארום דער וועטער פון ארץ ישראל איז מוסיף (מערט) חכמה אונ קדושה צוא דיא הייליגע לייט, וויא דיא גמרא זאגט; ביז אויף איהם קאן מען זאגען דיא אלטע שיינע שפריכע אז ווען אלע וועלדער וואלטען פעדערס געוועזען, אלע הימלען פארמעט, אונ אלע ימים טינט וואלט מען ניט קאנען אויסשרייבען דיא שרעקליכע סודות אונ בעהאלטענע זאכען וואס איהם איז נתגלה געווארען אלע מאל מעהר וויא איין קוואל וואסער גאר אן אויפהערונג, איהם איז ענטדעקט געווארען דיא טעמים פון יעדער מצוה וואס השם יתברך האט אונז געגעבען אויף דעם בארג סיני, אז איין מענש זאהל לעבען טויזענדער יאהר, איז ער ניט אין שטאנדע צוא אויס לערנען זייא, אונ וויא גרויס איז דיא מתיקות (זיסקייט) פון דיא טעמי המצות, אויך אים איז נתגלה געווארען סודות פון עתידות וואס עס וועט זיין ביז דעם סוף פון דער וועלט, אלס וואס עס וועט זיך אין גלות פאסירען שרעקליכע פארשטעלונגען, אויך דיא געטליכע סודות פון עולם הבא, אונ פון אלס וואס עס וועט זיין נאך תחית המתים אונ דיא גייסטליכע פערגעניגען וואס עס וועט זיין בימות המשיח, אויך דיא סבה וואס עס פערזאמט זיך דיא גאולה אונ מיט וואס קאן מען דיא גאולה מקרב זיין. יעדער מענשען פלעגט ער זאגען בסוד אלע עבירות אונ מצות וואס ער האט געטאהן, אלע רשעים האבען געציטערט פיר זיין בליק ווארום ער האט געלעזען פון זייער געזיכט וויא פון איין ספר אלס וואס זייא האבען געטאהן, וויא ער פלעגט נור עפענען זיין הייליגען מויל זאגען וואונדער פון דער תורה פלעגען זיך אויפקלייבען דיא גערעכטע גאונים אונ צדיקים צוא הערען זיינע זיסע רייד וואס זייא **האבען דאס קיין מאל ניט געהערט אונ ניט געזעהען אין קיין שום ספר,**

זייא פלעגט זיך פארשטעלין וויא זייא הערען דאס פון בארג סיני, אונ דיא שטראלין פון ליכטיגקייט פלעגט זייא דיא אויגען פערלייכטען, ביז זייא האבען שוין ניט געקאנט בעגרייפען אונ פלעגען כמעט אויסגעהן פון גרויס מתיקות (זיסקייט) האט ער שוין אויפגעהערט צוא דרשנן פיר זייא מעהר, פונקט אזויא ווי אטרייע מוטער וואס עס שפארט איהר דיא פיעל מילך פון ברוסט אונ וויל געבען איהר קליין קינד זייגען, נור דאס קינד איז נאך זעהר יונג אונ קאן נאך ניט אויסזייגען אין גאנצען מוז דיא מוטטער מיט גוואלד איינהאלטען דיא מילך, אזויא האבען דיא גרעסטע חכמים אונ צדיקים פון דעם דור ניכט געקאנט בעגרייפען אין גאנצען דיא השפעה פון זיין הייכען לערנען.

פון אלע חכמים וואס האבען איהם געבעטין מיט זייא לערנען חכמת הקבלה האט ער איך איינעם נאך זיין גייסט ניט געפונען, נור פון דיא חסידי עליון האט ר׳ חיים וויטאל מקרב געווען צעהן תלמידים אנשי קדש וואס ר׳ יצחק לוריא פלעגט מיט זייא לערנען אין דיא וועלדער אונ פעלדער וייט פון טומעל פון שטאדט.

דער אויסנאהם פון אלע זיינע תלמידים איז געוועזען ר׳ חיים וויטאל, איהם האט ער מגלה געווען סתרי חכמה מעהר וויא אלע תלמידים, ווייל זיין גייסט איז געווען פיל העכער אונ האט פערשטאנען מעהר וויא אלע, ער איז געווארען וויא איין קוואל וואס שטארקט זיך אלע טאג מעהר.

איהר זאהלט ניט דייגקען אז רבי יצחק לוריא האט מעהר ניט געקאנט וויא חכמת הקבלה, ניין ליעבע לעזער! דער וואונדערבארער מענש האט מענשליכע קענטניסע אויך פיעל געקאנט, איבערהויפט האט ער געוואוסט זעהר פיעל חכמת הטבע (נאטור געשיכטע) אונ פיל חקירה אונ מעטהעפיזיק, היינו זעהער טיעפע למודים וואס איז דער אינהאלט פון מלאכים, אונ וואס איז דיא חיות פון אלע נשמות, פון דאמאלס אן האבען דיא גרעסטע גאונים פון דער וועלט איהם גערופען מיט דעם נאמען האר״י דאס איז דער ראשי תיבות ה׳רב א׳לקי ר׳בינו י׳צחק (דער געטליכער רב) הגם עס איז אונמעגליך אויס צו שרייבין אפילו איין מיליאן חלק פון זיינע הייליגע מעשים טובים אונ זיין גרויסקייט אין תורה אונ חכמה, נאר איניגע זאכען וועלען מיר ערצייהלען פיר אונזערע לייזער [illegible]

אונזער פאלק יהודים, האבען זיך געפונען גרויסע מענשען. איך האפפע אז דיא לעזער וועלין פערגעניגען האבען.

# א.

איין מאל איז געוועסין האר״י (יעצט זאלין דיא לעזער געדיינקען אז זיין טהייערער נאמען איז שוין האר״י) זכרונו לברכה מיט זיינע צעהען תלמידים אונ האבען געלערנט סודות התורה, אין מיטען לערנען זאגט ער צוא זייא, ליעבע חברים! איך הער יעצט איין כרוז (אויסרוף) אין הימעל פון בית דין של מעלה, דער קול גייט דורך אלע הימלען אונ דורך אלע מלאכים אז עס וועט קומען איין שרעקליכער הייששעריק אין דעם גבול (גרעניץ) דער שטאט צפת אונ ארום, ער וועט אבעסין יעדער גראז אונ גאר דאס פרוכט, עס וועט ניט בלייבען קיין שפייז ערנערונג פיר דיא איינוואהנער בשום אופן, צוליעב דיא ביטערע טרערען וואס דער גרויסער תלמיד חכם ר׳ יעקב אלתרין האט געוויינט ניט ווילענדיג אויף זיין ביטערען דלות, אונ הקדוש ברוך הוא קאן שוין כביכול ניט זעהען דיא גרויסע אונרעכט וואס דיא איינוואהנער פון צפת האבען געטאהן, אז זייא לעבין נור צוליעב דעם גרויסען זכות פון דעם תלמיד חכם, אונ זייא גיבען איהם ניט אפילו עטוואס אויף זיין בעדערפטיגקייט; דארום האט דער האר״י הקדוש ז״ל איין געשרייא געטאהן, קינדער! קינדער! לאמיר זעהען וואס צום גיכסטען אויפקלייבין אביסעל געלד אוועקשיקען דעם תלמיד חכם, ער זאל חס ושלום מעהר זיך ניט בעקלאגען אויף דיא יהודים פון צפת, וועט געווים השם יתברך מבטל זיין דיא שווערע גזרה.

ער האט באלד אליין גיגעבען דיא ערשטע נדבה אונ זייא האבין תיכף ומיד אויפגעקליבען פופציג טאהלער, אונ האבין דאס אוועקגעשיקט דורך איינעם פון דיא תלמידים הרב ר׳ יצחק הכהן.

ער איז געקומען צוא דעם תלמיד חכם אין הויז, האט ער נאך איהם געפונען וויינענדיג, ווארום זיין ארימקייט איז אזויא גרויס געוועזען אז עס האט זיך בייא איהם צובראכען איין ליימענע פאס וואס מען האלט דארטען וואסער האט ער ניט געהאט קיין געלד אב צוא קויפין איין אנדערע, זייענען זייא כמעט אויסגעגאנגען פון פיין (אין אזיא שפילט

וואסער דיא גרעסטע ראליע) האט ער געוויינט פון צער. ר׳ יצחק האט איהם גיגעבען דיא געלד אונ האט איהם גיבעטין ער זאל מתפלל זיין בייא השם יתברך אז דיא גזרה זאל בטל ווערין, אונ זאל מוחל זיין דיא יהודים וואס האבען אויף איהם ניט אכטונג געגעבען. רבי יצחק הכהן האט זיך תיכף צוריק גיקעהרט צום האר״י הקדוש, אונ האט ערציילט פיר דיא תלמידים דיא גאנצע געשיכטע, האט דער האר״י געזאגט געלויבט איז השם יתברך אז מיר האבען מיט דער צדקה אלעס פעררכט, אונ אלס זייא האבען ווייטער געלערנט, האבען זייא גיזעהן אז איין היישעריק גייט אזויא וויא איין וואלקען שווארץ, האבען זיך דיא תלמידים שטארק דערשראקין, זאגט האר״י הקדוש איהר זאלט זיך ניט שרעקין, דיא גזרה איז שוין ברוך השם בטל געווארין.

אין דעם איז געקומען איין גרויסער ווינט אונ האט אוועק געטריבען דיא גרויסע מחנה היישעריקען אין ים הגדול. פון דעם טאג אן אונ ווייטער האבען דיא יהודים פון צפת אכטונג געגעבען אויף דעם גרויסין חסיד וצדיק אונ אויף אלע תלמידי חכמים.

# ב.

ויהי היום האט דער האר״י הקדוש געלערנט תורה מיט דיא תלמידים, פלוצלונג איז אריין געגאנגען רבי שמואל די אוזידא (דער מחבר פון מדרש שמואל) פרעגען עטוואס אין לערנען בייא דעם האר״י, אונ רבי שמואל איז דאמאלס געווען נאך איין יונג קינד, וויא דער האר״י האט איהם דערזעהען פון ווייטען האט ער זיך געשטעלט געגען איהם וויא זיין הויך איז אונ האט איין געשרייא געטאהן ברוך הבא, האט איהם גענומען פיר זיין האנד אונ האט איהם געזעצט בייא איהם, זייא האבען גערעט סודות התורה, אונ דער נאך וויא ר׳ שמואל איז ארויס געגאנגען פרעגט ר׳ חיים וויטאל (דער גרעסטער תלמיד) דעם האר״י אונ זאגט הייליגער רבי! זאגט מיר וואס איז דיא מעשה וואס איהר זייט אזויא מיט שרעק אויפגעשטאנען פיר דעם יונגען בחור, וואס אלע מאל פלעגט איהר זיך ניט שטעלען פיר איהם? ענטפערט דער האר״י הקדוש: מיין ליעבער תלמיד איך וועל דיר זאגען אז ניט פיר איהם האב איך געזאגט ברוך הבא נור פיר דעם גרויסען תנא

רבי

רבי פנחס בן יאיר וואס זיין גרויסע היילגע נשמה האט געלויכטען וויא איין זייל פייער אויף דאס קאפ פון דעם יונגען בחור, ווייל היינט האט ער געטאהן איין גרויסע מצוה פון פקוח נפשות מיט איין גרויסין פייערדיגען געפיל האט ער צוא געטראפין די אייגענע כונה פון ר׳ פנחס בן יאיר, דערום האט איהם זיין היילגע נשמה בעגלייט, איז צוליעב איהם בין איך ערשראקין געווארען.

ר׳ חיים וויטאל, וויא ער האט דאס ערהערט איז ער באלד ארויס געלאפען נאך דעם בחור ר׳ שמואל אוזידא פרעגען איהם וואס פיר איין מצוה האט ער היינט געטאהן, וויא ער האט איהם אנגעזאגט האט ער אים משביע געווען ער זאל איהם דעם אמת מגלה זיין, האט איהם ר׳ שמואל געמוזט דערציילען די מעשה, דער יונגער ר׳ שמואל איז געגאנגען פיר טאג אין בית המדרש, גייענדיג האט ער פלוצלונג געהערט איין גרויס יאמער אונד געוויין אין איין יודישע הויז, ער איז אריין געגאנגען הערען דאס געשרייא, האט ער געזעהען אז די גאנצע הויז געזינד געהען נאקעט אונ בארפוס אונ ברעכין מיט די הענד אז זייא האבען פשוט ניט אין וואס ארויס צוא געהען, ווארום גנבים אונ מערדער האבען צוא ראבירט אלס וואס איז געווען אין הויז, אונ האבין די קליידער פון זייא אראב געצויגען, האט ער תיכף אראב געצויגין זייגע בגדים פון זיך אונ האט אלעמען בעקלייט, אונ פיעל מאל האט ער זיך אום גיקערט צוא הויזע (ער איז געווען ניט פון קיין ארימע עלטערן) אונ האט אן געקליידעט אויף זיך בגדים אונ אלס צוטיילט די אונגליקליכע לייט ביז וואנען ער זעלבסט האט אן געקליידעט אויף זיך די לעצטע בגדי שבת אונ אין זייא איז ער יעצט אויך געגאנגען, האט איהם ר׳ חיים וויטאל זעהר ליבליך געקושט אונ געהאלזט אונ דער נאך האט ער דאס ערציילט די תלמידים די שרעקליכע געשיכטע השגה פון הארי׳ הקדוש*).

איין

*) (רבי שמואל די אוזידא, איז דער נאך געווארען איין גרויסער גאון אונ מקבל, האט גילערינט בייא ר׳ חיים וויטאל צוא זאמען חכמת הקבלה מיט אלע תלמידים פון האר״י הקדוש נאך דעם וויא ער איז נסתלק געווארען) אז ער האט דאס באלד געוואוסט ברוח הקדש.

## ג.

איין מאל האט דער האר״י ז״ל געלערנט אין איין וואלד מיט די תלמידים די מדה פון בטחון וויא איין מענש דארף האבען די האפנונג צוא השם יתברך מיט גרויס בטחון אז ער וועט העלפען צוא דיא וואס האפען צוא איהם באמת, אונ דעם מענשענס לעבען איז נור בהשגחה פון גאט ברוך הוא, אלס ער האט זיך פערטיעפט אין למוד הבטחון מיט גרויס התלהבות, איז געשטאנען פון ווייטין איין יהודי וואס האט געגראבען ליים אונ האט געפירט אין שטאט פערקויפין, דער מענטש איז געוועזן איין ארימאן אונ איין פראסטער אונוויסענדער מענש נור זעהר איין פרומער, אלס ער איז אהיים גיקומען האט ער געזאגט צוא זיין פרויא, הער נאר צוא, איך האב געהערט איין הייליגין געשפרעך פון איין געטליכען מאן, אז דיא מעלה פון בטחון איז גרעסער וויא אלעס, דערום איז ביא מיר געבליעבען אז איך זאל אנ׳געהמען דיא מדה פון בטחון זעהר שטארק אונ איך וועל שוין מעהר ניט פערברינגען דעם גאנצען טאג אין ארבייט, נור איך וועל בעסער זיצען אונ לויבען השם יתברך אונ זאגען תהלים אונ הערען לערנען, נור איין שעה אין טאג וועל איך הארעוועען אויף חיונה, אונ איך האב איין שטארקין בטחון אז איך וועל אזויא אויך געשפייזט ווערען, ביא השי״ת איז אלס מיגלאך. אנטווארטעט איהם דיא פרויא, מיין מאן טוהע וויא דוא ווילסט, נור השי״ת זאל אונז העלפען מיר זאלען דאס אויספיהרען. דער ליים פיהרער האט אזויא געטאהן, מעהר וויא איין שעה אין טאג פלעגט ער ניט ארבייטען אונ דעם גאנצען טאג איז ער געזעסען אין בית המדרש אין טלית אונ תפילין אונ האט געלערנט אונ געדאווענט זעהר פרום, איין טאג נאך איין טאג איז אוועק אונ דער מענש מיט זיין ווייב אונ קינדער האבען ניט געהאט פון וואס צוא לעבען, זייא האבען פערקויפט דיא ארעמע הייזעל אונ דיא בעטגעוואנט, נאכהער דעם פערד אונ וואגען, ביז וואגען ער אונ דיא ווייב אונ קינדער זיינען כמעט אויסגעגאנגען פון הונגער, נור זייא האבען חס ושלום איין ווארט ניט גערעט, אונ זייער בטחון איז נאך אלע מאל שטארקער געווארען.

איין מאל אין מיטען נאכט האט איינער געקלאפט אין טהיר, איז ער געגאנגען עפענען נור ער האט קיין מענשען געזעהען דיא

צווייטע נאכט וואר אויך אזויא, אויף דער דריטער נאכט קלאפט ווייטער. גייט ער ארויס זעהט ער איין אייזעל שטייט אונ קלאפט אין טיהר, אונ אויף איהם ליגט איין זאטעל מיט פיעל געלד אונ דימענטען, ער האט אים אריין געפיהרט אין הויז, אונ אויף מארגען האט ער געפרעגט דעם רב וואס ער זאל מיט איהם טאן, דער רב האט גיהייסין אויסרופען וויא דער דין איז, נור קיינער האט זיך ניט אבגערופען, האט ער גענומען דעם זאטעל מיט דיא גאלד צוא זיך אונ דער אייזעל איז באלד געלם געווארען, דער ליים פיהרער איז איין גרויסער עשיר געווארען, אונ האט זעהר פיעל צדקות אונ גמילות חסדים געטאהן, האט געשטיצט דיא וואס לערנען די הייליגע תורה.

ויהי היום האט זיך דער פון דערוואוסט איינער פון דיא גרויסע תלמידים פון האר״י הקדוש האט ער געזאגט דאס ער וועט זיך אויך אנהייבען פיהרען וויא דער ליים פיהרער, ער וועט אלס אוועק ווארפען נור מיט דעם בטחון וועט ער לעבען, האט דער האר״י אויף איהם אנגעשריען אונ האט געזאגט, דער ליים פיהרער האט נור געמיינט לשם שמים פון גאטעס וועגען, איז איהם מצליח געווען, נור דוא מיינסט דאך גאר פון דעם גליקליך ווערען, דארום טויג דאס ניט.

## ד.

דער גרויסער גאון והחסיד ר׳ אברהם הלוי, וואס איז געווען אין דער צייט פון האר״י הקדוש אין צפת, האט ער עדות געזאגט אז איין מאהל שבת קודש פרשה בלק איז ער אריין צום האר״י, אונ האט געפונען דאס ער שלאפט (ווארום אזויא האט ער פערזאגט אלע תלמידים, דאס אזויא וויא עס איז איין מצוה איין גאנצע וואך פערווייניגען דעם שלאף, כדי מען זאהל קאנען מעהר טאן אין עבודת ה׳, אזויא איז איין גרויסע מצוה צוא שלאפען שבת קודש נאך דער סעודה שניה), אין שלאף האבען זיינע ליפען גערעט, האט ר׳ אברהם הלוי צוגעלייגט דעם אויער הערען וואס ער רעט, אין דעם האט זיך דער האר״י הקדוש אויפגעוואכט אונ האט געפרעגט ר׳ אברהם הלוי וואס ער פערלאנגט, ענטפערט ער: איך וויל וויסען וואס האבען אייערע הייליגע ליפען אין שלאף גערעט, זייט מיר מגלה דיא סודות

התורה וואס איהר האט דערגאנגען אין דער קורצער צייט וואס איך געפין זיך דא, האט דער הארי הקדוש איין שמייכעל געטאן אונ זאגט: ליעבער פריינד! איך שטעל עדות דיא הימעל אונ דיא ערד, אז ווען איך זאל אכטציג יאהר נאכאנאנד דרשנן אהן איין שום גוזמא, וואלט איך ניט געקאנט ענדיגען וואס מיין נשמה האט יעצט געלערנט דיא סודות פון דער היליגער תורה אין היינטיגער פרשה וועגען דעם געשפרעך פון בלעמן מיט זיין אייזעל, דער הארי הקדוש האט איהם מגלה געווען וויא זיין נשמה קומט אין הימעל אונד מלאכי השרת פיהרען איהר דורך היליגע שטראסען אונ שטעגען אונ ווייזען איהר אלע נשמות פון צדיקים פון אונזערע היליגע עלטערן, דארט ענטדעקט מען איהר אזעלכע געטליכע טהייערע סודות אז איין מענש זאל לעבען צעהען טויזענטער יאהר אונ האבען אלע מענשליכע פערגעניגען איז גאר ניט גערעכענט געגען איין רגע פון דעם גייסטליכען פערגעניגען וואס דיא נשמה זעהט דארט אין הימעל, אונד דיא גאנצע וועלט איז בטל געגען איין סעקונדע געטליכע פרייד, וואס דיא זעלע פון מענשין געניסט פון עולם העליון.

דיא גרעסטע חכמים פון פראנקרייך אלס זייא האבען געהערט דיא שבחים פון הארי הקדוש, האבען זייא פיל צייטען חוקר ודורש געווען אויף איהם, צו דאס איז אלס אמת וואס מען זאגט אויף איהם, אז פון פיעל דורות איז אזויא איין ליכטיגער שטערן ניט געווען, וואס האט פערלויכטען דיא וועלט מיט זיין טיעפע חכמה אונ האט מחזק געוועזען טויזענדער יהודים צוא עבודת ה׳ מיט זיינע סודות התורה אונ טעמים פון מצות וואס ער האט אלעמען דיא אויגען גיעפענט, אונ אלס זייא האבען דערגאנגען אז אלע שבחים וואס מען האט אויף איהם געזאגט איז וויא איין טראפין אין ים געגען זיין געטליכע חכמה, האבען זייא איהם געבעטין מיט כריעות והשתחויות אז ער זאל זייא שרייבען איין ספר אונ עפענען דיא אויגען אין חכמת הקבלה אונ אין טעמים פון מצות, אויך זאל ער זייא געבין צוא וויסען תשובות אויף דיא שאלות פון אפיקורסים וואס זייא פרעגען וועגען דער השגחה, האט ער זייא גיענטפערט דאס ווען אלע ימים זאלען זיין טינט אונ אלע הימלען פארמעט, אונ אלע וועלדער פענעס, זיינען זייא ניט אין שטאנדע אויס צוא שרייבען אפילו דיא סודות פון איין פרשה פון דער תורה הקדושה, אונ בייא איהם איז אלע ווילע נתרבה געווארען דיא

קוועלע

קוועלע פון דער חכמה, זא דאס ווען ער האט געוואלט מגלה זיין זיינע תלמידים איין טיעפען ענין, האט ער זיך פיל געמאטערט צוא קריגען איין דרך וויא ער זאהל זייא קאנען ארויסגעבען, דערום פיר דיא וואס זיינען ראוי קאן ער עטוואס מגלה זיין נור מונדליך אבער שרייבען אין איין ספר איז אונמעגליך.

# ה.

דער זעלטענער מענש האט ניט לאנג געלעבט, נור ער האט פיל אויפגעטאהן אויף דער וועלט, ער האט געוויזען איין טהייערן געשמאק אין דער אידעשער אמונה אונ אין גאטעס דיענסט, דען עס געפינען זיך פיעל מענשען וואס אין דער וואהרהייט זיינען זייא מעהר ניט וויא בהמות, אונ זייא שטעלען זיך אונטער צוא פרעגען קשיות אויף גאטטעס פיהרונגען, פיר וואס איז פאראן צדיקים, פרומע לייט וואס לעבען דעם גאנצען לעבען אין פיין אונ דחקות, אונ פערקעהרט רשעים לעבען איין גליקליכען לעבען, אויך ווארום ליידעט דיא אידעשע פאלק בכלל זא פיעל, ווערענד אנדערע פעלקער לעבען רוהיג אונ גליקליך, אויף אזעלכע פראגען פלעגט ער אויפווייזען דיא השגחת הבורא יתברך שמו, אונ פלעגט געבען צוא וויסען דיא סודות פון יעדער זאך, ביז טויזענטער האבען זיך אומגעקעהרט פון זייער שלעכטער וועג. בעת ער פלעגט זאגען דרשות אונ קבלה פלעגען טויזענטער מענשען קומען הערען אונ פלעגען אויסגעהען פון מתיקות, דען הערען זיינע היילינע אונ זיסע רייד איז גלייך געווען וויא מען וואלט זייא הערין פון בארג סיני, ער פלעגט פארשטעלען הונדערטער דורות מיט זייערע גרעסטע לייט אונ האט מגלה געווען דיא קוועלע פון זייערע נשמות אונ אלע סבות וואס מיט זייא האט געטראפען אויך וואס עס וועט טרעפען.

איין מאהל האט איהם געשיקט רופען דער רדב"ז (דער גרעסטער גאון אויף דער וועלט אין דער צייט אונ אויך דער גרעסטער זקן, ער איז אלט געווען הונדערט מיט צעהען יאהר) אונ זאגט צוא איהם טהייער קינד! פון דיינע דרשות האב איך געהערט אז דוא ביסט מגלה סודות התורה פיר דעם גאנצען עולם, אונזערע חכמים ז"ל האבען פערזאגט

אז מען טאר דאס ניט מגלה זיין נור בסודי סודות, על כן בין איך אויף דיר גוזר, אז דוא מיין קינד זאלסט דאס ווייטער ניט זאגען פיר דעם גאנצען עולם. זאגט דער האר"י הקדוש, איך מיין דאס נאר צו הייליגען מיט דעם שם שמים (גאטעס נאמען), נור ווען איהר רבי (ווארום דער רדב"ז איז געוועזען זיין רבים איין רבי) פערזאגט מיר איך זאל דאס ניט טאהן, וועל איך אייך פאלגען. דער נאך האט געזעהן אחלום דער רדב"ז זכרונו לברכה אונ האט איהם געזאגט, אז אזויא איין מענש וויא דער האר"י הקדוש, מאג מגלה זיין סודות התורה, ווייל ער ווייס וואס צוא זאגען, אונ ער איז נור מגלה אזיינע שטראלין פון ליכטיגקייט וואס זיינען נאהענט צום פשט, ווארום פיר דעם גאנצין עולם האט ער ניט געזאגט טיעפע סודות הקבלה, אונ זיינע רייד זיינען מקרב די הערצער פון אונזערע יודען צום פאטער פון הימעל.

דער רדב"ז האט געשיקט רופען דעם האר"י הקדוש אונ האט איהם זעהר גרויס כבוד אבגעגעבען, ער האט איהם געקושט אין קאפ אונ האט געזאגט: וואהל איז דיר געטליכער מענש, אז דוא האסט אזויא איין זכיה אז אין פמליא של מעלה האסטו אזויא איין גרויסען בערוף, אונ וויא גליקליך בין איך אז פון מיינע תלמידים זאל אזויא איין טהייערע צווייג ארויס, וואס מיט זיין פרוכט ערפרייט ער גאט אונ לייטען, דערום מיין קינד יישר כחך פיר דיינע הייליגע דרשות, אונ גייא ווייטער מיט דעם קראפט אונ זייא מקדש השם ברבים, פון דאמאלס אן איז דער האר"י הקדוש ערוואוכסט געווארען אויף דער וועלט.

# ו.

ביי דער צייט פון האר"י הקדוש איז געוועזען הונדערטער קברים אין ארץ ישראל (וואס די הייליגע לאנד איז די וויגעלע וואס זיא האט געוויגט אונזערע הייליגע אבות, נביאים, תנאים, אונ אמוראים, גאונים צדיקים אונ חכמים) אונ צוא ליעב די גרויסע סבות אונ גזרות איז ניט געבליבען קיין שום אנדיינקונג פון זייערע מצבות, פלעגט דער האר"י הקדוש זאגען ווער עס ליעגט אין יעדער קבר, אונ די גרעסטע גאונים האבען נאך דעם חוקר ודורש געווען, אונ

געפארשט דורך די פנקסאות וואס די היליגע לייט זיינען דארט פערשריבען האבען זייא געזעהען וויא ריכטיג ער פלעגט אלס טרעפין דורך זיין געטליכען קראפט.

---

# ז.

איין מאל האט ער פיר די תלמידים געלערנט אין פעלד די סודות פון גלות מצרים, וויא עס איז געקומען צוא פרשה פינחס אין זוהר וועגען דעם ענין פון די צייכענס פון דער האנד אונ דעם שלאנג וואס גאט האט געוויזען דורך זיין נביא משה, האט ער ניט געוואלט בשום אופן מגלה זיין פיר די תלמידים די טיפע סודות אונ כונות פון זייא, אונ האט געזאגט אז משה רבנו אונ ר׳ שמעון בן יוחאי האבען מורא געהאט דאס צוא ענטדעקין, האט ר׳ חיים וויטאל זעהר פיל געקלאגט אונ געוויינט ביז ער האט איהם מגלה געווען, אונ באלד נאך דעם האט דער האר״י הקדוש געגעבען איין געשרייא: ברוך דיין האמת! פרעגען איהם די תלמידים, רבנו, וואס איז דאס? זאגט דער האר״י הקדוש, יעצט איז נגזר געווארען פון הימעל, אז מיין טהייער קינד משה זאל שטארבען אין זיעבען טעג ארום, ווייל איך האב אייך מגלה געווען די שרעקליכע סודות פון קבלה, פרייטאג איז דער האר״י מיט די תלמידים געקומען פון פעלד אהיים, הערט ר׳ חיים וויטאל וויא דער האר״י הקדוש פרעגט דער רבנית, וואו איז אונזער קינד משה, זאגט די רבנית עס איז שוין צווייא שעה וויא ער איז געקומען פון חדר אונ זאגט די קאפ טהוט מיר ווייא, האב איך איהם געלייגט אויפין בעט, זעהט דער האר״י אונ ר׳ חיים וויטאל אז ער ברענט וויא איין פייער, אונ צום סוף זיעבען טעג איז דאס קינד געשטארבען, וויא דער געטליכער מענש האר״י האט געזאגט.

אלע תלמידים האבען מורא געהאט צוא קומען לערנען ווייל צוליעב זייא האט ער אנגעווארען זעהר איין טהייער קינד, נור נאך די זיעבען טעג פון אבלות האט ער זייא גערופען אונ זאגט ליעבע תלמידים, איהר זאלט ניט מיינען אז איך וועל מעהר מיט אייך ניט לערנען, ניין, וועון חס ושלום עס זאל נגזר ווערין אז אלע מיינע קינדער אונ איך אויך מיט זייא זאלען שטארבען צוליעב דעם לערנען, וועל

איך

איך ניט פערמיידען איין שעה פון צוא לערנען די געטליכע סודות פון דער תורה הקדושה, וואס דורך דעם וועל איך אייערע נשמות מתקן זיין, אז איהר זאלט פערלייכטען די וועלט מיט אייער חכמה.

די תלמידים האבען געקושט זיינע הענד אונ טייכען טרערען האבען זייא פערגאסען פון גרויס פרייד, אז זיין היילינגער לערנען וועט ווייטער ערקוויקען זייערע נפשות; ניט אלע האבען געהאט איין זכיה פערשטעהען זיינע סודות, ווייל ניט אלע נשמות זיינען מסוגל צוא פערשטיין די וואָרע חכמת הקבלה, דערום אפט פלעגען קומען די גרעסטע צדיקים, גאונים הערען זיינע היילינגע חדושים, פלעגען זייא באלד אנפאנגען צוא דרעמלען, אונ בשום אופן האבין זייא ניט געקאנט הערען די טיעפע סודות הקבלה.

דער האר״י הקדוש האט געהאט איין טאכטער זעהר איין טהייערע קינד, האט איהר גענומען דער גרעסטער גאון אויף דער וועלט אונ דער גרויסער מקובל ר׳ יוסף קרא (דער מחבר פון שלחן ערוך) פיר איין שנור, ווייל ער האט אויך געהאט איין טהייערן זאהן.

ויהי היום איז רבי יוסף קרא אויך געקומען הערען סודות התורה פון זיין מחותן האר״י הקדוש, דער נאך האט ער ערציילט פיר דער רבנית: דוא זאלסט וויסען אז מיר האבין אליין ניט געוואוסט וואס אונזער מחותן איז, איך האב פון איהם געהערט סודות התורה וואס עס איז ניט נתגלה געווארען צוא קיין מענשען, איין פחד פאלט צוא הערען אז איין ילוד אשה זאל וויסען אזוינע שרעקליכע ענינים, זיין נשמה איז נור איינע פון די ערשטע נביאים, נור איך האב מורא חס ושלום אז ער וועט פיל ניט זיין מיט אונז, ווייל דער דור איז ניט ווערט האבען אזויא איין פייערדיגען ליכטיגען שטערען וואס פערלייכט די וועלט מיט זיין תורה קדושה אונ חכמה.

---

## ח.

דער האר״י הקדוש פלעגט מזהיר זיין די גרעסטע לייט פון שטאט אין חודש אדר, אז מען זאל זיך מקדים זיין בעציימען אהום זעהען די אלע געמיינע לייט וואס האבען ניט קיין מיטעל אויף פסח. זייא זאלען ניט קומען ח״ו צוא איין מכשול פון חמץ בפסח, אונ ער

פְּלֶעגְט אַלֵיין גֶעבֶּען דִיא גְרֶעסְטֶע נְדָבָה, אוּנ אוֹיפְקְלַייבֶּען מָעוֹת חִטִים צוּא הֶעלְפִין דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע מִשׁוּם מעשה שהיה. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין ירושלים אַזוֹיא אַיין גֶעשִׁיכְטֶע, דֶער רָב פוּן שְׁטָאט פְּלֶעגְט מְהַיילֶען גֶעלְד אוֹיף פֶּסַח צוּא דִיא אָרֶעמֶע לַייט, אִין דֶער צַייט אִיז גֶעוֶוען אִין ירושלים אַיין פֶערְבָּארְגֶענֶער צַדִיק, חָסִיד, קָדוֹשׁ וְטָהוֹר זֶעהר אַיין אָרִימֶער מֶענְשׁ, אוּנ פוּן זַיין לֶעצְטֶען בִּיסֶען פְּלֶעגְט עֶר נָאךְ גֶעבֶּען אַנְדֶערֶע אָרֶעמֶע לַייט, וְוִיא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער חֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז עֶר גֶעוָוארֶען זֶעהר גֶעדְרִיקְט, עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט פוּן וַואנֶען צוּא לֶעבֶּען מִיט זַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער, אַיין טָאג נָאךְ אַיין טָאג אַלְס עֶרְגֶער, זֵייא זַיינֶען מַמָשׁ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הוּנְגֶער, נוּר מֶעהר וַויא אַלְס הָאבֶּען זֵייא גֶעוַויינְט אוּנ גֶעקְלָאגְט וָואס וֶועט זַיין מִיט פֶּסַח, אוּנ דֶער צַדִיק פְּלֶעגְט זֵייא אַלְס טְרֵייסְטֶען, השי״ת וֶועט אוּנְז נִיט לָאזֶען עֶסֶען חָמֵץ בְּפֶּסַח, בִּיז וַואנֶען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען אַיין טָאג פִיר עֶרֶב פֶּסַח אוּנ זֵייא הָאבֶּען נָאךְ נִיט גֶעהַאט קַיין שׁוּם אָנְפַאנְג אוֹיף פֶּסַח.

דִיא נַאכְט וָואס מֶען דַארְף שׁוֹין מְבַעֵר חָמֵץ זַיין, אִיז גֶעוָוארִין אִין שְׁטוּבּ אַיין גֶעוַויין וִויא יוֹם הַכִּפּוּרִים, בִּיז דֶער צַדִיק אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְק פֶערְוַויינְט אוּנ אַיין גַאנְצֶע נַאכְט הָאט עֶר פֶערְבְּרַאכְט אִין תְּפִלוֹת אוּנ בַּקָשׁוֹת צוּא השי״ת, אוֹיבִּין הִימֶעל אִיז גֶעוָוארֶען אַיין גְרוֹיסֶער קִטְרוּג וִויא פֶערְגֶעסְט מֶען אָהן אַזוֹיא אַיין צַדִיק וְקָדוֹשׁ, אוּנ זַיינֶע תְּפִלוֹת אוּנ גֶעוַויינֶען הָאבֶּען דִיא הִימְלֶען גֶעשְׁפָּאלְטִין, אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בַּייא פַּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה מֶען זָאל שִׁיקֶען אַיין גְזֵירָה רָעָה אוֹיף דֶער שְׁטָאט אוּנ פֶערְדַארְבֶּען זִיא, בִּיז אליהו הנביא זכור לטוב הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט פִיר אַיין מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּנ הָאט גֶעזָאגְט, אַז נוּר וַוייל דֶער חָסִיד אִיז זֶעהר פֶערְבָּארְגֶען (נעלם) הָאט מֶען זִיךְ אַרוּם אִיהם נִיט בֶּעטְרַאכְט, אִיךְ וֶועל אַרָאבּ אוּנ בֶּעוַוייזֶען זִיךְ פִיר אִיהם בְּסֵתֶר אוּנ עֶר וֶועט פֶערְגֶעסֶען זַיינֶע צָרוֹת.

עֶרֶב פֶּסַח אִיז דֶער חָסִיד וְצַדִיק אַרוֹיס אִין גַאס אַרוֹיסְשְׁלָאגֶען זִיךְ פוּן צַעַר, הָאט אִיהם בֶּעגֶעגֶענְט אליהו הנביא, דֶער חָסִיד הָאט אִיהם שָׁלוֹם גֶעגֶעבֶּען אוּנ פְרֶעגְט אִיהם וָואס זוּכְט אִיהר דָא אִין גַאס? עֶנְטְפֶערְט אִיהם אליהו, אִיךְ בִּין אַיין אוֹרַח, אוּנ אַיין אוֹרַח עֶרֶב פֶּסַח זוּכְט אַיין אָרְט וואו צוּא זַיין יו״ט בְּהֶכְשֵׁר, זָאגְט צוּא אִיהם דֶער חָסִיד אִיהר וֶועט זַיין מִיט מִיר צוּזַאמֶען יוֹם טוֹב, אוּנ וַוייזְט אִיהם פוּן וַוייטִין וואו זַיין דִירָה אִיז, זָאגְט דֶער חָסִיד וִויא רוּפְט מֶען אַייךְ, לֵיעבֶּער אוֹרַח.

מיין

מיין נאמען איז רבי נסים המצרי ענטפערט ער, דערוויילע נעהמט דעם בינדעל געלד אונ מאכט יו"ט אויפען שיינעם אופן. דער חסיד איז באלד אהיים געלאפען אונ האט געגעבען דער ווייב דיא געלד, זייא האבען געמאכט פסח אויף דער גרעסטער מדרגה, אונ דיא הויזלייטע האבין אויפגעפוצט דיא הויז, ווייל דער חסיד האט זייא פארגעשטעלט, אז דער אורח ווייזט אויס וויא איין מלאך פון הימעל, זיין געשטאלט איז שרעקליך שיין.

וויא עס איז געקומען ערב פסח פאר נאכט, זוכט דער חסיד דעם אורח אין אלע גאסען אונ פרעגט בייא דיא שטאט לייט, פיליכט האט איהר געזעהען איין אורח מיט דעם נאמען רבי נסים המצרי אין אזויא איין געשטאלט, האבען אלע גיענטפערט דאס זייא האבען ניט געזעהען אונ ניט געהערט דעם נאמען, ער איז אויסגעגאנגען פון צער, ער איז געקומען פון שול אונ דער אורח איז אלם ניט געקומען, דאן האט ער שוין פערשטאנען אז דאס איז געווען דער געטליכער שליח אליהו הנביא, וואס ער ברייננט איין ישועה צוא דיא גרויסע צדיקים ווען זייא איז גאר שלעכט אונ דיא קרעפטין פון דער נאטור ענדיגען זיך שוין, אונ זיין נאמען ר' נסים המצרי ווייזט דאס ער האט איהם געטאהן איין נס וויא צוא יהודים אין מצרים.

אין דער נאכט פון פסח האט זיך געוויזען אין חלום צום רב פון ירושלים איין שרעקליכע תמונה וויא איין מלאך פון הימעל, אונ האט איהם געוואלט פערברענען מיט כעס אונ זאגט: דוא לעבסט רוהיג דעם היילינען פסח, אונ וויא אזויא פערגעסטו אהן אזויא איין צדיק וקדוש אז ער זאל אויסגעהען פון הונגער, אז ווען ניט אליהו הנביא, וואלט פמליא של מעלה גוזר געווען פערדארבען דיא גאנצע שטאט, זיינע טרערין האבען ערגרייכט ביז דעם כסא הכבוד.

אין דער פריא איז דער רב אויפגעשטאנען ממש וויא איין גע־שטארבענר פון שרעק, אונ האט באלד גערופען דעם היילינען צדיק, אונ האט געוויינט אונ געקלאגט אז ער זאל איהם מוחל זיין וואס ער האט וועגען איהם ניט געדיינקט, אונ ער זאגט איהם צוא, אז ווייטער וועט ער זעהען איהם זאל קיין זאך ניט פעהלען. זאגט דער צדיק, מיר פעהלט שוין ניט, דען דער איבעריגער מטמון וואס עס איז געבליבען פון רבי נסים המצרי, וועל איך קענען לעבען מיט מיין הויז געזינד ביז זיבעציג יאהר, נור איהר רב פון ירושלים דארפט זיך

ארומזעהען

ארומזעהען וועגען אנדערע נאטהבעדארפטיגע מענשען וואס זייא געהען אוים פון הונגער אונ קיינער ווייס ניט, אונ בפרט אויף דעם יו״ט פסח, אז מען גרייט ניט צוא פריהער איז נאכהער שווער צוא בעקומען. דער רב האט אויף זיך אלס גענומען, אונ איז געווארען איין גרויסער אפטרופום אויף ארעמע לייט, אונ בפרט אין דעם חודש ניסן אויף מעות חטים!

## ט.

ווייל אין דיא געשיכטעס פון האר״י הקדוש געפינט זיך פיל מעשיות מיט אליהו הנביא ז״ל וועל איך ערציילען איין שרעקליכע געשיכטע וואס איך האב געפונען אין דעם היילגען ספר „זכור לאברהם" וואס ער שרייבט וויא עס האט זיך געטראפען אין לובלין פיר איניגע הונדערט יאהר צוריק איין מעשה פון התגלות אליהו הנביא ז״ל צוא איין גרויסין צדיק: אין לובלין איז געוועזן דער מנהג, אז איידער דער רב פון שטאט פלעגט שטארבען, פלעגען זיך אויפקלייבען צוא איהם דיא גרעסטע פיהרער פון שטאט, ער זאל זייא זאגען וועמען צוא נעהמען פיר איין רב אויב ער וועט ח״ו נפטר ווערען.

ויהי היום איז דארט געוועזן איין אלטער רב איין גאון עולם (דען אלע לובלינער רבנים האבען געהאט איין גרויסען נאמען אויף דער וועלט וויא דער מהרש״ל, ב״ח, מהרש״א, מהר״ם וכדומה) אונ אלס ער איז קראנק געווארען, זיינען געקומען דיא גרעסטע לייט פון שטאט צוא איהם פרעגען וועגען איין רב, האט זייא דער רב געענטפערט דאס ער קאן זייא בשום אופן ניכט זאגען, נור דער ערשטער מענש וואס וועט נאך זיין טויט שטארבען וועט זייא מגלה זיין וועמען זייא זאלען נעמען פאר איין רב אין שטאט, וויא ער האט דיזע ווערטער גיענדיגט, האט ער געגעבען איין געשרייא: שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד, אונ זיין היילגע נשמה איז ארויף אויף דעם הימעל.

זיין ענטפער איז בייא אלעמען איין פליאה געוועזן, אונ מען האט אין שטאט געפארשט ווער עס איז שטארק קראנק, האט מען זיך ערוואוסט אז איין ארעמער שניידער, וועלכער וואהנט חוץ דער שטאט איז איין ניעדעריגע ארעמע שטיבעלע איז פלוצלונג שטערבליך קראנק

געווארען

געוואָרען, פון דעם שניידער האט מען אין שטאט גאר ווייניג געוואוסט, דיא שכנים האבען איהם געהאלטען פיר איין אָרעמאן אונ אויך פיר איין גרויסען עם הארץ, דיא גרעסטע לייט פון שטאט האבען געמאכט איין אסיפה אונ בייא זייא איז געבליבען, זייא זאלען געהן צוא איהם אונ פרעגען וועגען איין רב, זייא זיינען געקומען צוא דעם קראנקען שניידער, פרעגט ער זייא וואס זייא דארפען, אונ ווער זייא זיינען? האבען זייא איהם ערצייהלט דיא גאנצע געשיכטע, דאס זייא זיינען געקומען פרעגען בייא איהם וועמען צוא נעהמען פיר איין רב אנשטאט דעם רב וואס איז נפטר געווארען, קוקט ער זייא אן אין דיא אויגען וואס זייא ריידען, אונ פרעגט וואס איז רב אונ האט מיט זייא גערעט אלס אזעלבע רייד וואס ווייזט אויס אז איהם פערדריסט וואס מען קומט גאר ריידען מיט איהם וועגען איין רב, אלס זייא האבען געזעהן דאס זייא קאנען מיט איהם גאר ניט מאכען, האבען זייא איהם געבעטען ער זאל זייא אונווייניגסטען דאס טאן, זייא וועלען פיר איהם אויס־רעכענען אלע גרויסע רבנים וואס זייא זעהעט אויס דאס זייא פאסטען פיר לובלינער כסא הרבנות, אונ וועלכער רב עס וועט איהם געפעלען זאל ער זייא זאגען. זייא האבען אויסגערעכענט אלע גרויסע רבנים אונ וויא זייא האבען דערמאנט דעם רב פון אוסטראה זאגט דער חולה דעם אוסטראהר רב זאלט איהר למען השם נעהמען פיר איין רב.

וויא זייא האבען דיזע ווערטער פון איהם געהערט האט זיך זייא דיא אויגען גיעפינט פון גרוים שמחה וששון, זייא האבען דעם חולה געדאנקט אונ זיינען אוועקגעגאנגען, זייא זיינען נאך ניט געווען וויט פון איהם שיקט דער חולה זייא רופען, אלס זייא זיינען געקומען זאגט צוא זייא דער חולה, וויא איך ווייס וועט דער אוסטראהר רב בשום אופן ניט וועלען פאהרען צוא אייך, ווייל זיינע אבות אבותיו זיינען דארט געווען רבנים, נור אז איהר וועט איהם זאגען אין מיין נאמען אז איך האב אזויא געהייסען פיר מיין טויט וועט ער אייך באלד פאלגען. אין איין קורצע צייט נאכדעם איז דער שניידער געשטארבען, מען האט איום זעהר פיל כבוד געטאהן, דען זייא האבען ערקענט אז ער איז געווען איין גרויסער צדיק אונ איין הייליגער מענש.

אין איינינע טעג ארום האט לובלין ארויסגעשיקט צווייא תלמידי חכמים זעהר גרויסע לייט צום אוסטראהר רב מיט איין כתב רבנות אונ האבען איהם צוא געזאגט גרויסע שכירות (געהאלט) בכדי ער זאל

האבען

האבען חיונה מיט גרויס כבוד , וויא דיא שלוחים זיינען צוא איהם געקומען , אונ האבען איהם דיא זאך פארגעלייגט האט ער זייא אבגעזאגט , דען ער האט ניט געוואלט אוועקלאזען דיא שטאט אוסטראה אין וועלכער זיינע אבות אבותיו זיינען געוועזן רבנים אונ ער וויל אז נאך זיין אריכות ימים זאל מען איהם אויך מקבר זיין ביא זיינע היילינגע עלטערן הרבנים הגאונים. זייא האבען נאך שכירות איהם מוסיף גיוועזן, נור דאס האט אויך ניט געהאלפין , האבען זייא געזאגט צוא איהם : ליעבער רבי , מיר וועלען אייך ערציילען דיא געשיכטע וואס עס האט אונז געפאסירט מיט דעם הרב הגאון וואס איז געשטארבען , אונ אויך מיט דעם שניידער , וואס פיר זיין טויט האט ער אונז אנגעזאגט , מען זאל אייך זאגען אין זיין נאמען , אז איהר מוזט זיין אין לובלין רב . וויא דער רב האט דערהערט אז דער שניידער איז געשטארבין , האט ער קריעה געריסען אונ האט שרעקליך געוויינט , אונ האט געזאגט : יעצט מוז איך שוין פאהרען מיט אייך , עס קאן שוין אנדערש ניט זיין , עס האט לאנג ניט גערויערט איז דער רב נאך לובלין געפאהרען , אונ אלס ער איז געוועזען איינינע ווארסט פיר לובלין , זיינען ארויס דיא גרעסטע אונ רייכסטע לייט פון שטאט איהם מקבל פנים זיין .

דעם ערשטען שבת נאך דער דרשה וואס ער האט געזאגט אין דער גרויסער שול מיט גרויס חכמה אונ מוסר , זיינען צוא איהם געקומען צוא שלש סעודות דיא גרעסטע מופלגי תורה פון שטאט , זייא האבען צוא איהם געזאגט : ליבער רבי , אז מיר האבען אזויא איין גרויסע זכיה אז איהר זייט געווארען ביא אונז רב , אונ דאס איז נור געוועזען צוליב דעם אלטען שניידער , וואס יעצט פערשטייט מען אז דער רב הגאון וואס איז נפטר געווארען האט פון איהם געוואוסט , אונ מיר האבען ניט געהערט אונ ניט געזעהן קיין וואונדער פון איהם פיר זיין לעבין בעטען מיר אייך , היילינגער רב , איהר זאלט אונז מגלה זיין דעם סוד פון דעם פערבארגענעם צדיק . דער רב האט זייא ניט געוואלט זאגען , נור אלס זייא האבען איהם זעהר פיל געבעטען האט ער זייא ניט געקאנט אבזאגען , אונ האט געזאגט : איהר זאלט וויסין מורי ורבותי , אז דעם צדיק האב איך מעהר וויא איין מאל אויף מיין לעבען ניט געזעהן , נור דער איין מאל אליין איז גענוג , עס פאלט אויף מיר איין שרעק אלס איך דערמאן זיך אהן איהם .

דיא געשיכטע איז זא געוועזן , מיין שטיינער איז געוועזן אז אלע

טאג פלעג איך זיצען אונ לערנען ביז האלבע טאג אין טלית אונ תפילין, ווען דער עולם איז אוועק פון שול פלעג איך דיא שול פער־שליסען אונ דעם שליסעל נעהמען צוא זיך, בכדי איך זאל קאנען רוהיג לערנען, ויהי היום איין טאג וויא איך בין געזעסין אונ גילערינט פערשלאפען, זעה איך איין מענש שטעהט נעבען מיר, איך האב זיך זעהר ערשראקען, דען דער שליסעל איז בייא מיר, דיא פענסטער זיינען געוועזען זעהר הויך אונ צוגעמאכט, האב איך דעם מענשען געפרעגט ווער זייט איהר? רופט ער זיך אב צוא מיר, רבי! שרעקט זיך ניט איך בין אויך נור איין מענש. האב איך איהם געפרעגט, זאגט מיר וויא קומט איהר אהער, אונ וואס איז אייער פערלאנג? האט ער גיענטפערט: אליהו הנביא זכור לטוב האט מיר געשיקט צוא אייך, איהר זאלט זעהען מתקן זיין (פערריכטען) דיא חטאים וואס עס געפינען זיך אין שטאט, ווארום עס איז וועגען דעם איין גרויסער קטרוג אויפין הימעל, אונ צוליב דעם קאן חלילה זיין גרויסע שטראפען אונ אונגליקין אין שטאט. האב איך איהם געפרעגט ווער ער איז, וויא הייסט זיין שטאט אונ וואס איז זיין ארבייט. ער האט מיר אויף אלע מיינע פראגען געאנטווארטעט, נאכהער האב איך געזאגט צוא איהם, וויא באלד אליהו הנביא ז"ל האט אייך געשיקט צוא מיר, וויל איך איהר זאלט מיר ווייזען אויף ריכטיג זיין היילינע געשטאלט אונ ווען ניט נעהם איך ניט אהן אייערע רייד. זאגט ער צוא מיר: איהר וועט זיך אבער זעהר פיעל שרעקין. זאג איך צוא איהם, עס מאג זיין וואס דאס איז, איך וויל האבען איין זכיה איהם צוא זעהען.

אין דעם האט ער איבערגעפירט זיינע איין פאציילקע איבער מיין געזיכט האב איך איהם געזעהען, אונ עס איז אויף מיר געפאלין איין שרעקליכער פחד, אז פון גרויס אימה בין איך צוא דער ערד געפאלען אונ בין חלש געבליעבען, פון ציטערניש האב איך געהאלטין ביים שטארבען נור מען האט מיר אויפגעשטעלט אונ איך בין צום לעבען געקומען. זאגט ער צוא מיר: זעהט רבי איך האב אייך געזאגט אז איהר וועט זיך ערשרעקין, אונ יעצט זאלט איהר רבי זעהען מקיים זיין אלעס וויא איך זאג אייך, אין דעם איז דער היילינער שניידער נעלם געווארען אונ איך האב איהם שוין מעהר ניט געזעהן, הלואי זאל איך זוכה זיין איהם צוא זעהן איבער הונדערט יאהר אין גן עדן — אמן !

## י.

וויא עס איז נתגלה געווארען דיא געטליכע מעשים פון האר"י הקדוש, אז פון איהם קאן מען זיך ניט בעהאלטען, ער ערקאנט אהן דעם צלם אלקים (געשטאלט) פון מענשען וויא זיינע מעשים זיינען, אויב ער איז צוגעבונדען צוא עבודת ה', אדער ח"ו פערקעהרט, ער פלעגט זעהען דעם פרצוף פנים אונ לעזען פון איהם וויא פון איין ספר. ויהי היום איז געוועזען איין גביר איין גרויסער אפיקורס, ער האט געלאכט פון דעם אונ האט געזאגט צוא אלע מענשען וואס האבען געציטערט פיר דעם האר"י הקדוש וויא פיר איין מלאך, איך וועל אייך ניט גלויבען בשום אופן, נור איך וועל אליין געהן פראבירען. דער גביר איז געקומען צוא איהם, האט דער האר"י הקדוש איהם געזאגט אלע זיינע מעשים רעים וואס ער האט געטאהן, אין דעם רעכענט ער איהם דיא עבירה וואס ער האט מזנה געוועזען מיט זיין דינסט איין גויה, האט ער אויף אלע עבירות מודה געוועזען, גאר אויף דעם האט ער געלייקענט, אונ האט בשום אופן ניט געוואלט מודה זיין, האט דער האר"י הקדוש אויסגעשטרעקט זיין הייליגע האנד איז ארוים איין תמונה פון דער זונה אונ פארגעשטעלט פיר איהם וויא זיא וויל איהם אומבריינגען אונ צורייסען וויא איין בייזער הונד. דער גביר איז פון שרעק שיער געשטארבען אונ האט געשריען, הייליגער רבי, רעטעט מיר פון אזויא איין שענדליכע טויט, איהר אליין קאנט מאכען פון מיר וואס איהר ווילט. זאגט דער האר"י הקדוש, דאס איז דער סוד פון דער הייליגער גמרא אז איינער איז מזנה מיט איין גויה איז זיא אנגעבונדען אהן איהם אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט וויא איין הונד, אונ זיין נשמה ווערד געריכטעט דורך איהר שרעקליך, אונ זיא ווענדעט זיך ניט אב פון דעם מענשען, נור דורך איין גרויסע תשובה אונ תקונים (פערבעסערונג פון גוטע מעשים) אויב דער מענש איז זוכה ארום זעהען זיך פיר זיין לעבען.

זאגט דער גביר, איך בין אויף מיר מקבל אלע מיתות בית דין (וויא פערצייטען האט עקזעקוטירט). זאגט האר"י הקדוש, דיין מיתה איז שריפה (פערברענען דיר). נעהמט דער גביר ארויס געלד אונ שיקט קויפען האלץ איהם צוא פערברענען, זאגט דער האר"י, ביי אונז איז דער דין אז מען ברענט ניט אויף דעם פייער, נור מען ווארפט אריין אין

(תוהו"ה)

האלז

האלז איין ברענענדיגע בלייענע קנייטיל, זאגט דער גביר, רבי! וויא איהר פערשטייט אזויא זאלט איהר מיט מיר טאהן, איך זעה אז איך בין גוועזן ביז יעצט פעראירט. זאגט דר האר״י, זאג וידוי אונ זייא זיך מתודה אויף אלע דיינע עבירות פיר השי״ת, ער האט שטארק געוויינט אונ האט זיך מתודה געווען, דער ווייזע האט מען גענומען בלייא צוא לאזען אויף דעם פייער, איהם אין האלז אריינגיסען, דער נאך זאגט דער האר״י הקדוש, לייג זיך אויף דער ערד, פערמאך דיא אויגען אונ עפען דעם מויל, דער האר״י האט איין געשרייא געגעבען גיסט איהם אריין אין האלז, דער גביר האט איין געשרייא געטאהן איך בין מקבל אויף זיך דעם טויט, אונ דאס זאל זיין איין כפרה אויף אלע מיינע עבירות, שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד. דער האר״י הקדוש האט איהם אריין געגאסען איין לעפעל זיסע פאטיקע, אונ האט גע־זאגט וויא באלד דוא האסט אויף זיך מקבל געווען דיא מיתה, וועט השי״ת דיר מוחל זיין אויף אלע זינד.

נאכהער איז ער געווארען איין גרויסער צדיק איין בעל תשובה אונ האט פיל מצות אונ מעשים טובים געטאהן, פונקט וויא דיא געשיכטע האט זיך געטראפען בייא הגאון ר״מ דיליאן ז״ל מיט איין בעל תשובה, נור דארט שטייט (תה״י ח״ד), אז ווען ר״מ דיליאן איזט געשטארבען, האט דער בעל תשובה געוויינט אונ געשריען, אז ער וויל אויך שטארבין, ווייל ער איז געבליעבען אהן איין רבי איין מדריך, איז ער קראנק געווארען, ער האט געזאגט פיר זיין טויט, ברייגגט איין שטול פון דעם גאון מיין רבי ר״מ דיליאן, וואס איז געקומען פיהרען מיין נשמה אין ג״ע, וכך הוה, אז גרויסע גאונים האבען געזעהען אין חלום, וויא דער בעל תשובה איז געזעסען אין גן עדן העליון מיט ר״מ דיליאן צוזאמען!

# יא.

דער האר״י הקדוש האט מזהיר געווען אז אפילו דיא וואס לערנען ש״ס אונ פוסקים, זאלען שעצען דעם היילינען תהלים, אונ זאגען פיל ווייניג אלע טאג מיט גרויס געפיהל, דען דער הייליגער ספר תהלים האט קראפט צוא רעטען דיא אונגליקליכע, וויא עס האט זיך

נעט־אפען

געטראפען אין דעם יאהר קי"ב אין אלף הששי (כמובא בס' עמק המלך) אז אין איין שטאט ערפורט האט געוואוינט איין גרויסער זקן וחסיד, וואס ער איז ניט געוועזען קיין גרויסער למדן, אונ אלס ער איז געשטארבען איז ער געקומען אין חלום אין שלשים צוא זיין חבר אויך איין צדיק וחסיד, אונ האט זיך בעוויזען פיר איהם אין תכריכים אונ האלט איין קליין ספר אין האנד. פרעגט איהם דער חבר וואס טוהסט דוא דא, ליעבער חבר, דוא ביסט דאך שוין גע־שטארבען, אונ וואס פיר איין ספר איז אין דיין האנד? זאגט איהם דער חסיד, ווייל איך האב רחמנות אויף דער שטאט ערפורט וואס איך האב אין איהר מיין גאנצען לעבען געוואוינט, בין איך געקומען מודיע זיין, אז ביז אהער כל זמן איך האב געלעבט פלעג איך זאגען תהלים מיט גרוים התלהבות (גייסט) האט דער זכות מגין געוועזען אויף דער שטאט, נור יעצט הערט זיך איין גזרה אז איבער מארגען דארף פלוצלונג איין חיל קוממען אונ די שטאט צוא ראבירען, על כן זאלסטו מודיע זיין אז מען זאל זיך אויסקלייבען פון שטאט, אונ דער ספר וואס איז אין מיין האנד איז דער תהלים וואס האט אייך שטענדיג מציל געוועזען; כך הוה, אזוי איז געוועזען, די אלע וואס האבען געהערט דעם חלום אונ געגלויבט זיינען זייא אליין צולאפען אונ זייער רייכטונג בעהאלטען אויף דעם בית הקברות, זיינען זייא נצול געווארען, אונ די וואס האבען ניט געגלויבט זיינען צוראבירט געווארען אונ פיל זיינען געפאנגען געווארען בידי גוים, דאס איז דער שכר פון תהלים זאגען מיט גייסט אונ דער זכות איז מגין אונ מציל פון פורעניות וגזירות קשות, ר"ל.

## יב.

אין דער צייט איז געוועזען איין גרויסער תלמיד חכם (מתלמידי האריז"ל) אונ איין גרויסער משורר: הרב רבי ישראל נאגארה ז"ל, זיינע היילינע שירים אונ חרוזים פלעגען הימלען שפאלטען, איינער פון די יעלטענע שירים איז יה רבון עלם, זמירות פון שבת קדש, וואס יעדער מבין קאן אויסגעפינען פון מתיקות (זיסקייט), ער איז דורך געטליך אונ אי דורך מיט ברילאנטען געשעצט, צום ביישפיל די פערזען

אלהא

אלהא די ליה יקר ורבותא, דָאס הֵייסְט , גָאט ! וָואס צוּא דִיר אִיז אַלֶערְלֵייא גְרוֹיסְקַייט ! עֶרְלֵייז דַיינֶע שָׁאף פוּן צֵיין פוּן דִיא לֶעוֶוען , אוּנ גֶעהם אַרוֹיס דַיין פָאלְק פוּן שְׁווֶערֶען גָלוּת. אָה ! דַיין פָאלְק וָואס דוּא הָאסְט אוֹיסְעֶרְוֵוייְלְט פוּן אַלֶע נַאצְיָאנֶען (אִין עֶבְרֵייעֶשׁ קְלִינְגְט דָאס זֶעהר אִין פֶערְזֶען). למקדשך תוב , צוּא דַיין הֵיילִיגְטְהוּם קֶעהר זִיךְ צוּרִיק אוּנ צוּם קדשי קדשים , צוּם גֶעטְלִיכֶען אָרְט וָואס אִין אִיהם פְרֵייעֶן זִיךְ דִיא אִידֶעשֶׁע גַייסְטֶען אוּנ זֶעעלֶע , דָארְטֶען וֶועלֶען מִיר דִיר זִינְגֶען לֵייבֶּען גֶעטְלִיכֶע לִידֶער , אִין ירושלים דִיא שֵׁיינְהַייט פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ נָאךְ דָאס זֶעלְבֶּע. אַלֶע זַיינֶע שִׁירִים, זַיינֶען גְרָאסְשֶׁעצִיג , אַז וִויא דֶער פֶערְשְׁטֶענְדִיגֶער מֶענְשׁ פַאנְגְט נָאר אָן צוּא לֶעזֶען , עֶפֶּענְט זִיךְ בַּייא אִיהם אַיין טַייךְ טְרֶערֶען , זֵייא זַיינֶען זֶעהר מוּרַאלִישׁ אוּנ אַנְגֶע־גֶעהם. דֶער האר"י הקדוש הָאט אוֹיף אִיהם גֶעזָאגְט אַז זַיין נְשָׁמָה אִיז אַיין נִיצוֹץ (אַיין פוּנְק) פוּן דוד המלך עה"ש , דֶערוּם הָאבֶּען זַיינֶע שִׁירִים אַזוֹיא אַיין הֵיילִיגֶען גֶעשְׁמַאק .

ויהי היום עֶס וַואר אַיין מָאל שַׁבָּת קֹדֶשׁ בַּייא נַאכְט , הָאט הָרַב ר' ישראל נאגארה ז"ל גֶעזוּנְגֶען זַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׁירִים מִיט גְרוֹיס גַייסְט, הָאט האר"י הקדוש גֶעזֶעהֶען וִויא דִיא הוֹיז אִיז פוֹל מִיט צֶעהן טוֹיזֶענְטֶער הֵיילִיגֶע פוּנְקֶען פַייעֶר , וַוייל דִיא מַלְאָכִים פוּן הִימֶעל זַיינֶען גֶעקוּמֶען הֶערֶען זַיינֶע טְהֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע שִׁירִים וָואס עֶר הָאט זֵייא גֶעזוּנְגֶען מִיט רוח הקודש , אוּנ עֶר הָאט אַלֵיין נִיט גֶעוואוּסְט. אִין אַיין וַויילֶע אַרוּם זֶעהט האר"י ז"ל אַז דִיא מַלְאָכִים זַיינֶען נֶעלָם גֶעוָוארֶען , אוּנ מָען זֶעהט זֵיי שׁוֹין מֶעהר נִיט , וַוייל בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעזוּנְגֶען דִיא שִׁירוֹת וּזְמִירוֹת אִיז עֶר גֶעוֶוען זֶעהר פֶערְטְרַאכְט , הָאט עֶר נִיט גֶעפִיהלְט דָאס דִיא הִיטֶעל אִיז בַּייא אִיהם אַרָאפְּגֶעפַאלֶען , אוּנ עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען מִיט אַיין הֵיילֶע קָאפּ , הָאט דֶער האר"י ז"ל צוּא אִיהם גֶעשִׁיקְט צְוֵוייא תַּלְמִידִים , אִיהם זָאגֶען עֶר זָאל זִיךְ הִיטֶען אוּנ פֶערְדֶעקִין דִיא קָאפּ , כְּדֵי דִיא מלאכי השרת זָאלֶען זִיךְ פוּן אִיהם נִיט עֶרְוַוייטֶערְן , וִויא עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז אוֹיף אִיהם גֶעפַאלֶען אַיין אֵימָה וּפַחַד , אוּנ הָאט דָאס בַּאלְד פֶּרְרִיכְט , זַיינֶען דִיא הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וִוידֶער גֶעקוּמֶען צוּא הֶערֶען פוּן אִיהם שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת וָואס עֶר זִינְגְט למלך ה' צבאות .

## יג.

דער הארי ז"ל האט אזויא פיל געווירקט מיט זיינע דרשות, וואס ער פלעגט מגלה זיין סודות התורה, פון עולם הנשמות אונ פון דעם אינהאלט פון דיא מלאכים, אונ נאך וויכטיגע ענינים, אז מען האט איהם גערופען אין זיין דור רופא נפשות, דען ער פלעגט היילען טויזענטער נפשות פון גיהנם, מענשען האבען פערלאסען זייער קערפערליכען לעבען אונ האבען זיך גענומען צום גייסטליכען לעבען, אונ פיל גאטלאזער (רשעים) זיינען געווארין גרויסע בעלי תשובה, איין מאל איז געקומען איין מענש נאך האלבע נאכט (אין דעם בית המדרש פון הארי הקדוש) אונ איין זאק אנגעטאהן איבערן קאפ, האט זיך גע-שטעלט מיט דעם פנים בייא איין וואנד אונ האט מתפלל געוועזן מיט גרויס געוויין, איין גאנצען מעת לעת ביז צוועלף אין דער אנדער נאכט, אונ דיא גאנצע צייט איז ער געשטאנען אויף דיא פיס, אונ דעם פנים האט מען ניט געזעהן בשום אופן, צוועלף בייא נאכט ווען אלע האבען שוין געשלאפין איז ער אוועק אהיים, דארטין האט ער זיך עטוואס געזאמט, אונ איז געקומען אין בית המדרש אונ איז ווידער געשטאנען איין מעת לעת, אזויא האט ער געטאהן איין לאנגע צייט אונ מען האט ניט געוואוסט ווער אונ וואס ער איז, האט דער הארי הקדוש אויף איהם געזאגט, אז ער איז פון דיא גרויסע מדרגות בעלי תשובה, ער האט זיך אלס פערבארגין, אונ מען האט ניט געוואוסט פון איהם ביז וואנען ער איז נעלם געווארען.

צוא דעם הייליגען פיהרונג פון הארי הקדוש איז גאר ניטא קיין ספר ער זאל קאנען אלעס אויסשרייבען, פון ראש השנה ביז יוכ"פ פלעגט ער פאסטען אונ ניט עסען אפילו נאך דעם תענית, זיין עסין איז געוועזן נזר חולין בטהרה, אויף אזויא איין ארט וויא דיא צדיקים אונ הייליגע פרושים פלעגען זיך פיהרען ווען דער בית המקדש איז געשטאנען.

## יד.

דער הארי הקדוש האט מגלה געוועזן גרויסע סודות אונ געטליכע

טעמים

טעמים אין אונזערע סדרי התפלות אונ אין אלע מצות, אונ בפרט אין דעם וויכטיגען ענין פון תקיעת שופר. אנב וועלען מיר אייך דער־ציילען איין שיינע געשיכטע וואס דיא מקובלים ברייגגען, וויא וויט גרויס אונ טיעף זיינען דיא טעמי המצות, דער פסוק זאגט: אשרי העם יודעי תרועה, וואהל איז דעם פאלק וואס וויסען צוא בלאזען שופר מיט דעם נגון פון תרועה, איז דאך איין קשיא, צוא דיא אומות העולם קאנען ניט נעהמען איין שופר אונ בלאזען? וואס זאגט דער פסוק אז נור יודישע פאלק קאן בלאזען תרועה? נאר דער פשט איז, אז יעדער מצוה האט איהר סגולה, אונ דיא מצוה בלאזען תרועה מיט דעם שופר, איז נור איין סגולה אז יהודים זאלען מיט דעם איבער בעטין השי"ת, ער זאל אונז מוחל זיין דיא זינד בראש השנה אונ פיר איין אנדער אומה איז דאס קיין סגולה ניט.

איין מאל איז געוועזען איין געשיכטע, אין דיא צייטען פון הגאון ר' אברהם היכיני (דער מחבר פון דעם ספר הוד מלכות) האט זיך איין בעל תקיעה געטויפט (אויף טירקישען גלויבען) אונ מען האט איהם צוגענומען צוא דיא מוזיקר וואס שפילען פיר דעם סולטאן, וויל ער האט גיקאנט דיא חכמה פון מוזיק זעהר גוט, ויהי היום זאגט ער צוא דיא שרים אונ פחות פון טערקייא איך וועל אייך שפיעלען באלד אויף איין הארען, וויא דיא יהודים בלאזען שופר ביא זייא אין דיא שולען אום ראש השנה, דיא אלע שרים זיינען געוועזען נייגיעריג צוא הערען דאס, כדי זייא זאלען אבלאכען פון יודישע מנהגים, דער משומד איז געלאפען אונ האט געבראכט זיין שופר פון הויז, ער האט אנגעפאנגען צוא בלאזען, ער מאכט איין נגון תקיעה, ער מאכט איין נגון שברים איז אלס גוט, וויא ער וויל מאכען איין תרועה, קאן ער בשום אופן ניט, ער האט דיא קעל צוריסען אונ איז נאר געווארין צוא שפאט אונ געלעכטער ביא דיא שרים.

ער לייפט אוועק צוא זיך אהיים, ער פראבירט דארטען נור ער קאן דארט אויך ניט, האט ער גיזאגט ער וועט ניט רוהען אונ שווייגען ביז ער מוז דערגיין דעם ענין, דען ער איז געוועזען איין גרויסער בעל תקיעה, אונ יעצט וויא ער האט זיך געטויפט, קאן ער ניט, איז ער אוועקגעלאפען צוא דעם רב ר' אברהם היכיני ז"ל אונ פרעגט איהם, ער האט מיט איהם ניט געוואלט ריידען, נור אז ער

דאס

האט איהם דערמאנט דאס ער איז איין קרוב למלכות אונ ער קאן טאהן יהודים איין רעה, האט ער איהם אריינגערופען חדר לפנים מחדר אונ זאגט צוא איהם: דוא מיינסט אז דיא מצות פון יהודים זיינען גאר אהן איין טעם, נאר וויא מענשען מאכען זיך נייע תורות אונ מצות וויא זייער לוסט איז. ניין! אונזער תורה איז פון הימעל, זיא איז זעהר געטליך, אונ איהרע סודות זיינען טיעפע אונ היילינע, אין דעם טאג ראש השנה ווערט גמשפט דיא וועלט, קלייבען זיך אויף אלע מקטרגים שרים פון אומות אויף אונז יהודים צוא מקטרג זיין, בלאזין יהודים שופר צוא שטערן אלע מקטרגים, ווען זייא מאכען תקיעה דערוועקין זייא דעם זכות פון אברהם אבינו, איז בייא דעם פאראן איין זכות אויך אויף דיא ישמעאלים טערקען, ווייל זייא שטאמען אויך פון אברהם אבינו; ווען דיא יהודים בלאזען שברים זיינען זייא מעורר דעם זכות פון יצחק'ן, איז בייא דעם פאראן איין זכות אויך אויף דיא בני עשו, ווייל עשו איז דאך פון יצחק אבינו, נור ווען דיא יהודים בלאזען מיט דעם שופר דעם נגון תרועה, זיינען זייא מעורר דעם זכות פון יעקב'ן, דאס איז נאר מגין אויף דיא יהודים אליין, אונ דיא בני ישמעאל ועשו האבען אין דעם קיין זכות, דערום שטייט יום תרועה דער טאג פון תרועה (ניט תקיעה אונ שברים) יהי' לכם, וועט זיין נאר צוא אייך אידעשע היילינע פאלק, ניט צוא איין אנדער אומה, דארום וויא דוא ביסט שוין ניט איין יהודי, איז דיא תרועה ניט פיר דיר. אונ נאך פיעל זאכען האט ער איהם מגלה געווען אין סודות הקבלה, איז דער משומד אויף געציטערט געווארען אונ זאגט, איך האב גאר ניט געוואוסט וואס פיר איין היילינע אמונה האב איך פערלאסען, איז ער באלד אנטלאפען אין איין ווייטע מדינה, אונ איז געווארען איין גרויסער בעל תשובה אונ דארטען איז ער געווארין ווידער איין בעל תקיעה וויא מען דארף, אונ וויא ער האט געבלאזין ראש השנה שופר, פלעגט ער צוא תרועה שטארק וויינען אונ איז געשטארבען איין גרויסער צדיק.

# מו.

איין מאל איז געקומען צוא דעם האר"י הקדוש דער גרויסער גאון ר'

ר׳ אברהם גאלאנטי ז״ל, ער איז געוועזען איין גרויסער צדיק איין געטליכער מאן, אונ איז געווען פיל עלטער פיר דעם האר״י ז״ל, אונ פרעגט איהם אזויא: וויא איך האב געהערט אז איהר, געטליכער מאן, דערקאנט אהן דעם פרצוף פנים (פיזיאגאמיע) פון מענשען אויב זיין נשמה איז בקדושה וטהרה (הייליג אונ ריין) אדער ניין! דערום בעט איך אייך האר״י הקדוש, איהר זאלט מיר ארויסגעבען איין תיקון הנפש, האט זיך דער האר״י ז״ל ערשראקען, וויא קאן ער זוכן ביא אזויא איין גרויסען גאון אונ צדיק אויף דעם שטערן, צוא זיין נשמה איז ריין? זאגט הגאון גאלאנטי, אויב איהר ווילט ניט, וועל איך אייך בעשווערען מיט דעם הייליגען שם, וועט איהר מוזען מיר פאלגען. געהט אונטער דער האר״י הקדוש, אונ בעמערקט ביא איהם אויף דעם שטערן, אונ זאגט: מיין ליעבער הערר אונ רבי, ביא אייך איז יעצט פאראן איין ספק גזלה, וואס איהר ווייסט אליין ניט, האט זיך דער גאון גאלאנטי זעהר ערשראקין אונ זאגט: וויא איז צוא מיר, אז ביא מיר איז פאראן איין ספק גזלה (אונ צוליעב דעם וועט מען אויפען הימעל ניט צוא נעהמען מיינע תפלות) איז ער באלד אוועקגעלאפען אהיים, פרריכטען דעם פלעק.

דער גאלאנטי איז געוועזען חוץ זיין גרויס חכמה אונ תורה, איין גדול הדור אונ איין גרויסער בעל קבלה, דער צוא איז ער געוועזען איין גרויסער עשיר, ער האט ניט געוואלט זיין איין רב בשום אופן, נור ער האט געלעבט פון זיין כשרן געשעפט, ביא איהם איז געווען איין שפינערייא פאבריק פון פערשיידענע סארטען פעדים אויף אלערלייא בגדים, ער האט פעררופען אלע בעלי-מלאכות אונ זאגט: ליעבע ברידער, פילייכט האב איך געגזלת איינעם פון אייך מיט עטוואס, ער האט גענומען איין בינדעל געלד, האט אויסגעשאטען אויפין טיש, אונ זאגט צוא זייא געהמט וויא פיעל יעדערער פיהלט ביא זיך, אז איך האב איהם פערפעהלט איינצאהלען, אונ שעמט זיך ניט, האבען דיא בעלי מלאכות געזאגט, הייליגער רבי, אונז קומט ניט איין פרוטה אחת, אלע טאג נעהמען מיר אב דיא שכירות, השי״ת זאל אייך העלפען, דען אייער געלד איז אונז זעהר מצליח אונ איין ברכה רוהט אויף זייא. זאגט גאלאנטי, ליעבע פריינד, איך וויל ניט חס ושלום אז מיין נשמה זאל קומען אין גיהנם, דערום אויב איהר זייט מקבל אויף זיך נעהמען ביא מיר געלד מיט איין ריכטיגען חשבון

איז

איז גוט, אונ אויב איהר ווילט ניט נעהמען ווייל איהר שעמט זיך פיר מיר אונ איהר לאזט איבערגיין אייערע פרוטות, קאן איך אייך ניט העלפען ביי מיר, הכלל נעהמט וויא פיעל נאך אייער חשבון קומט אייך. ניין רבי, מיר ווילען אויך ניט זיין אין איין גזלה ח״ו, דען אונז קומט גאר ניט.

אין דעם קומט אריין איין ארעמע פרויא, איין בעלת מלאכה פון זיין פאבריק אונ נעהמט צווייא מטבעות פון דיא געלד, אונ זאגט גאר ניט פיר וואס; נאך דעם איז גאלאנטי געגאנגען מיט שמחה אין בית המדרש פון האר״י ז״ל, איז דער האר״י הקדוש ארויס פריהער מקבל פנים זיין גאלאנטין, פרעגט ער דעם האר״י הקדוש וואס זעהט איהר יעצט אויף מיין שטערן? זאגט ער יעצט איז שוין ריין, אזויא זאהל שיינען אויף יעדער יהודי דער צלם אלקים (גאטטעס געזיכט) וויא אויף אייך יעצט, וואלטען מיר שוין לאנג ניט געווען אין איין פרעמדע לאנד, אונ מיר וואלטען געוועזען אין דער גרעסטע בעסטע שטופע (מדרגה). ער האט אים מגלה געווען אז דיא ארעמע פרויא וואס האט גענומען דיא צווייא מטבעות פון איהר איז דאס געווען דער ספק גזלה, ווייל זיא איז געבטין אויפגעשטאנען גאנץ פריא אונ האט געארבייט מעהר וויא אלע, אנב האט זיא געשפינען זעהר דין דיא פעדים וויא זייד, קומט איהר מיט צווייא מטבעות מעהר, זיא האט זיך געשעמט בעטען אונ איז געוועזען זעהר געדריקט, נור יעצט וויא איהר האט געליגט דיא געלד האט זיא אבגענומען דיא צווייא מטבעות וואס איהר קומט. זאגט גאלאנטי, וויא באלד אז עס קאן טרעפען בייא מיר ניט וויסענדיג אזויא איין ספק גזלה, מוז איך מאכען איין צרכי רבים (וואס דיא וועלט דארף האבען) פון מיינע געלד, ווארום אזויא איז דער דין אז אייגער וייס ניט וועמען אוועק געבען איין גזלה זאל ער מאכין דער פון איין זאך וואס אלע דארפען דאס ניצין, האט ער זיך ערוואוסט אז אויף דיא קברים פון דיא היילינע תנאים רבי שמעון בן יוחאי, רבי אליעזר אונ רבי יצחק זכרונם לברכה אין מירון איז ניטא קיין צאם ארום, האט הגאון גאלאנטי געבויט איין הויף ארום לכבוד דיא תנאים, אונ איהם האט דאס געקאסט זעהר פיל געלד, כדי יהודים זאלען דארט קומען מתפלל זיין, זכותם יגן עלינו.

# מז.

ויהי היום, עס וואר איין טאג, דער האר״י הקדוש זיצט מיט דיא תלמידים אונ לערנען תורה, קומט אריין איין מענש אין בית המדרש מיט איין געשרייא, גוואלד! עס איז גרויסע סכנות אין שטאט. וואס איז דאס? פרעגען דיא תלמידים. ערציילט ער זייא איין געשיכטע דאס ביא דעם מענשען פלוני ··· האט זיך איין געוואנט איין ווילדער אונ גרויסער הונד, אונ שטענדיג שטעהט ער געבען דער טיהר פון הויז אונ וויל זיך אריין חאפען אין הויז, נור דער מענש שרעקט זיך זעהר אונ טרייבט איהם מיט שטעקענס, נור עס העלפט ניט קיין שלאגין, דיא גאנצע עצה איז, אז מען היט דיא טהיר צוא פערשליסען ער זאל ניט קענען אריין, נור הייטע האט זיך פלוני פערגעסען גוט צוא פערשליסען, האט זיך דער הונד אריינגעחאפט אונ איז געלאפען פון צימער צוא צימער ביז וואנען ער איז אריין געלאפען אין דעם שלאף צימער, וואו דיא פרויא פון פלוני שלאפט, ער איז אריין אין בעט אונ האט צוביסען דיא אשה אויף שטיקער, צוא בלוטיגט, צוריסען אונ דער נאך איז ער אנטלאפען, יעצט איז איין רעש אונ איין סכנה אין שטאט, ווער ווייס וויא פיל מענשען וועט ער צוריסען, זאגט הייליגער רבי וואס טוהט מען? זאגט דער האר״י הקדוש, זייט רוהיג, דער הונד דער מזיק וועט קיין מענשען ניט מזיק זיין ח״ו, נור דא איז פאראן איין בעהאלטענער סוד, דיא אשה דיא פרויא פון פלוני, האט מזנה געוועזן מיט איין שכן, וואס ער איז ניט לאנג געשטארבען, האט מען זיין נשמה ניט אריינגעלאזען אין קיין מחיצה וויל ער האט מזנה געוועזן מיט איין אשת איש, פערשטייט מען דיא עונשין אונ דיא יסורין וואס דיא זינדיגע נשמה האט, ביז וואנען זיא איז מגולגל געווארען אין דעם הונד וויל ער זיך נוקם זיין אהן דער זינדיגע אשה, וויל זיא האט איהם צוא דער גרויסער עבירה אנגערעט, דערום האט ער איהר מזיק געוועזן, אונ קיינעם וועט ער ניט אנרירען.

וויא דער מענש האט געהערט וואס דער האר״י הקדוש האט ערציילט פיר דיא תלמידים, איז ער גלייך אוועק געלאפען צוא דעם פלוני, אונ האט דאס איהם מגלה געוועזן. דיא אשה האט נאך געאטהעמט, האבען זייא איהר געפרעגט, פיליכט חיים זיא פון איין

גרויסען

גרויסען זינד געגען דעם בורא יתברך שמו, האט זיא ניט געוואלט מגלה זיין, נור אז גרויסע לייט האבען איהר משביע געוועזן (בע־שווארען) האט זיא אליין ערצייהלט דעם גרויסען חטא, וויא דער האר״י הקדוש האט ערצייהלט.

# יז.

אין ספר תה״י ווערט געבראכט איין קורצע געשיכטע אויך אויף דעם אופן, אז אין דער הויפט שטאט קאשטאליע האבין דיא שרים פון פערשיידענע אומות געמאכט איין שטהיר טאנץ*) (איין אקס זאל טאנצען). דאמאלס פלעגט מען אויס גראבען איין טיעפע גרוב, אונ דעם אקס פלעגט מען פערבינדען דיא אויגען, אונ מיט איין צוואק דורך לעכערן בלוט אין איינינע ערטער פון קערפער, אונ מען פלעגט ארויפטרייבען איין גאיער פויגעל, וואס זיין שנאביל איז לאנג אונ שטעכט וויא איין מעסער, וויא דער גאיער פלעגט דערשמעקין דיא בלוט, פלעגט ער אריינלאזען דעם שארפען שנאבעל, אונ ציען דיא בלוט וויא איין ליווער, פלעגט דער אקס אנהויבען פליען וויא איין משוגענער ביז ער פלעגט אריינפאלען אין דער גרוב אונ דער גאיער אויף איהם, פלעגען לויפען דיא שרים מיט איין שטיף, אונ פלעגען פערשיטען דעם אקס מיט דעם גאיער מיט זאמד אונ שטיינער.

איין מאל איז געקומען איינער צוא חלום צוא זיין זאהן אין דער שטאט אונ זאגט ליעב קינד, דוא ווייסט דאך וויא פיעל איך האב מיין לעבען פערבראכט פיר דיר, אונ יעצט צוליעב מיינע זינד האב איך גיט קיין מנוחה אויף דער אמתער וועלט, אויף מיר איז נגזר געווארען אז מיין נשמה זאל אריין אין איין אקס, אונ דאס איז דער אקס וואס מארגען וועט מען איהם פייניגען אויף דעם שטיף.

על כן, ליעבע קינד, וויא דוא ביסט מיר טרייא, זאלסטו זעהן וויא מעגליך איז אויסלייזען דעם אקס מיט געלד ביא דיא שרים, דיא

וואס

---

*) אין דיא צייטין פון דער גמרא ווערט שוין אויך געבראכט, שור האיצטדין, וואס דיא אומות פלעגען דאמאלס שוין אויך מאכען געשעפטין מיט איין אקס.

וואס וועלען נעהמען בייא דיר מתנות וועלען איהם לאזען אנטלויפען, אונ ער וועט אנטלויפען אין יענעם ארט··· זאלסטו איהם דארטין נעהמען אונ שעכטין כדת ישראל, אונ דיא פלייש זאלסטו געבען עסין תלמידי חכמים, אלמנות ויתומים אויף שבת קדש, דיא וואס היטען מאכען איין ברכה, לויבען השי"ת, אונ אנשטאט דעם אקס זאל מען נעהמען איין אנדערן אויף זייער מערדערשין שטיף, אונ מיט דעם זכות וואס מען וועט דעם אקס קוילענען לשם שמים וועט מיין נשמה מתוקן ווערען. זעה, מיין קינד, זייא מקיים כבוד אב נאך מיין טויט ווייא דער דין איז, אונ אז איך וועל קומען צוא איין שטיקעל מנוחה וועל איך פיר דיר איין מליץ יושר זיין.

דער טהייערער זאהן האט דאס אלס געטאהן מיט גרויס מסירת נפש (דען אין יענער צייט אז דיא גלחים יעזואיטים וואלטין זיך דער פון ערוויסן, וואלט ער געהאט אגרויסן עונש ר"ל) אונ מיט סייעתא דשמיא (גאטעס הילף) האט איהם זעהר גוט געגאלטין, נאך דעם האט דעם זאהן מצליח געווען אונ האט געלעבט לאנגע אונ גליקליכע יאהרען, זא וויא דער שכר פון כבוד אב איז גרויס.

# יח.

אין דיא הייליגע כתבים וואס מען האט געפונען אין מצרים שטייט געשריעבען וועגען דעם האר"י הקדוש אזויא איין געשיכטע: בעת דער האר"י האט געוואוינט אין צפת, איז געקומען דער גרויסער מאן החכם רבי יעקב אבולעפייא צוא איהם, האט דער האר"י געזאגט: איך ווייס וואס איהר זייט געקומען, בעטין בייא מיר איין כתב, ווייל איהר ווילט רייזען נאך מצרים. ענטפערט רבי יעקב, יא, אזויא איז דאס. זאגט דער האר"י הקדוש איך גיב אייך איין כתב אונ רייזט אין מצרים וואס צום שנעלסטען, ווארום דער פון וועט זיין איין תועלת (אהילפע) צוא פיעל נפשות, וויא איהר וועט זעהן אלס איהר וועט זיך צוריק קעהרין. דער האר"י האט איהם געבענצט אונ ער איז בשלום געקומען אין מצרים, מען האט איהם גרויס כבוד אבגעגעבען, דען ער האט געהאט איין כתב פון האר"י הקדוש, מיט דעם כתב האט ער אויס־געפיהרט וואס ער האט פערלאנגט, דער נאך איז ער צוריק געפאהרין

נאך

נאך צפת מיט איין גאנצע שיירא (קאמפאניע), געוועהנליך האט ער גערוהט ווען זייא רוהען אונ גערייזט ווען זייא האבען גערייזט.

ויהי היום, וויא ער איז אראב פון דעם אייזעל צוא רוהען מיט דער קאמפאניע, איז אויף איהם געפאלען איין שרעקליכער שלאף, אונ אז דיא קאמפאניע האט געדארפט אבריייזען האבען זייא איהם קוים ערוועקט, ער איז אויפגעשטאנען, האט אבגעבונדען דעם אייזעל אונ האט זיך געוואלט זעצען אויף איהם צוא רייטען ווייטער, נור פלוצלונג איז ווידער אויף איהם אנגעפאלען איין שטארקער שלאף, דער אייזעל איז אוועק נאך דער קאמפאניע, אונ ער איז געבליבען שלאפען אליין אין דער וויסטע. אין איין צייט ארום איז געווארען איין שרעקליכער שטורם אונ האט איהם אויפגעוועקט פון שלאף, אויפשטעהענדיג זעט ער וויא שרעקליכע רוחות מזיקים וואס האבען זיך פערשטעלט אין געשטאלט פון אקסען, טרעטען מיט דיא פיס אונ הענער איבער דרייא מענשען, איבער זייערע קעפ, בערד אונ פאות. דיא אונגליקליכע שרייען מיט משונה קולות אז דיא ערד האט געציטערט פון זייערע גוואלטען. רבי יעקב האט ניט געקאנט ערהאלטען פון גרויס צער אונ האט געוואלט אנטלייפען, נור וואו זאל ער לויפען? דיא אויגען זיינען איהם פינסטער געוואָרען, נור וויא עס איז געווארען נאכט, איז שטילער געווארען דער צארן אויף דיא אונגליקליכע אונד זייא זיינען רוהיגער געווארען, דאן זיינען זייא צוגעגאנגען צוא ר' יעקב'ן אונ האבען געזאגט, ליעבער רבי, איהר קומט דאך יעצט פון מצרים, אונ רייזט נאך צפת וואו דער געטליכער מאן: האר"י הקדוש וואהנט? ענטפערט ער זייא, יא. זיינען זייא איהם צוא דיא פיס געפאלען, אונ האבען געוויינט מיט איין ביטערע שטימע (אונ ער האט מיט זייא אויך געוויינט) אונ זאגען, ליעבער רבי, איהר האט דאך געזעהען אונזער פיין אונ צער, האט רחמנות פון גאטעס נאמען וועגען, אונ פון אונזערע פערשטויסענע נשמות וועגען, אונ זאגט אונז צו, אז איהר וועט ממלא זיין אונזער בקשה: מיר זיינען אידעשע קינדער נור זינדיגע, ווען אונזערע ברידער (בני ישראל) וואלטען וויסען דעם גרויסען שכר פון דיא וואס היטען דיא הייליגע תורה, אונ דעם שרעקליכען עונש וואס דיא פערברעכער האבען אויף דער אמתער וועלט, וואלטען זייא געהיט דיא תורה וויא דיא אויג אין קאפ, אונ וואלטען ניט פערבראכט זייערע יאהרען אין הבלי עולם הזה, מיר האבען קיין רשות

ניט

ניט איך אלס צוא ערציילען, נור וואס איהר האט אליין געזעהען איז שוין אויך גענוג, על כן, ליעבער רבי, רייזט שנעל נאך צפת אונד בעט דעם האר"י הקדוש, ער זאל מתפלל זיין אונ מתקן זיין (פערריכטען) אונזערע פערשטויסענע נשמות, וואורום אונז איז זעהר ביטער ערגער וויא דער יום המיתה. ר' יעקב האט זייא צוגעזאגט, אונ זייא האבען איהם פערשווארען מיט איין שבועה חמורה, אונ געזאגט, דאס עס איז מוטל אויף איך צוא טאן פיר אונז אלעס וואס דער האר"י הקדוש וועט איך פערזאגען, ער האט מיט גרויס געוויין זייא צוגעזאגט אלעס צוא טאן, אונ זייא האבען אים כהרף עין (ווי איין אויגענבליק) געבראכט צוא דער קאמפאניע.

אלס ער איז געקומען אין צפת איז ער גלייך געגאנגען צום האר"י הקדוש. דער האר"י האט איהם גלייך געזאגט: איהר זייט געקומען בעטען פיר דיא אונגליקליכע נשמות, וואס דיא מחבלים מיט דעם געשטאלט פון אקסען פייניגען זייא, קומט צוא מיר מארגען. אויף מארגען זאגט צוא איהם דער האר"י הקדוש: אויף איך איזט איין חיוב זייא צוא מתקן זיין, וויל איהר זייט איין שורש פון זייערע נשמות, אונ האט איהם געזאגט ווער דיא דרייא מענשען זיינען מיט זייערע נעמען. פרעגט רבי יעקב, וואס איז געוועזען זייער זינד? אונ וואו איז זייער עונש אנגעוויזען אין דער תורה? איך האב ב"ה געלערנט ש"ס, מדרשים אונ תנ"ך אונ האב ניט געפונען אזויא איין עונש. זאגט דער האר"י הקדוש: מען דארף וויסען רמזים אונ סודות התורה, עס שטייט א פסוק: לא תקיפו פ'את ר'אשכם ו'לא ת'שחיתו פאת זקנכם (דאס הייסט איהר זאלט ניט גאלען דיא פאות אונ דיא באָרד) אונ דער ראשי תיבות (אנפאנג פון דיא ווערטער) איז פ'ר'ו'ת' (קיא, וואס פערשטעלען זיך רוחות אונ מזיקים אין דער תמונה פון בהמות, אונ זיינען דן דיא מענשען וואס גאלען דיא בערד מיט איין גאל*) מעססער) אונ דיא מענשען זיינען געוועזען רשעים, זייא האבען געגאלט דיא בערד מיט דיא פאות, אונ פון זייא האבען זיך געלערנט

אנדערע

---

*) נור דער וואס איז איין קרוב למלכות, אדער ער האט איין שטעלע בייא מלוכה וכדומה, אז ער מיינט ניט ח"ו זיין דערוויידער השי"ת, איז פיר איהם ניט אזויא גרויס דער עונש. אדער דער וואס גאלט ניט מיט איין גאל מעססער גאהענט צום לייב, איז אויך אנדערש זיין דין.

אַנדערע דערום האָט איהר געזעהען די שרעקליכע מראה, און איר דאַרפֿט מתקן זיין זייערע נשמות, דען אייער נשמה איז פֿון דעם שורש פֿון זייערע נשמות.

זאָגט רבי יעקב, וואָס איהר וועט מיר אַרויסגעבען תקונים און סגופים וועל איך אַלעס טאָהן. דער האר״י הקדוש האָט איהם אויפֿגעגעבען וואָס ער זאָהל טאָהן, און ער האָט אַלעס מקיים געווען, זיינען געקומען די דרייא מענשען צו רבי יעקב אין חלום און האָבען איהם געבענשט און גידאַנקט, און האָבען גיזאָגט: מיט דעם ערשטען תיקון וואָס איהר האָט געטאָהן (נאָך דעם סדר פֿון האר״י הקדוש) האָט מען אונזערע נשמות בעפֿרייט פֿון אונזער שרעקליכען עונש וואָס איהר האָט געזעהען און מען האָט אונז אַריינגעבראַכט אין גיהנם. דורך די צווייטע תקונים אייערע האָט מען אונז אַריינגעפֿיהרט אין אונזער מחיצה בגן עדן. רבי יעקב האָט זיך כל ימיו געפֿרייט אַז ער האָט מתקן נפֿשות געווען, און זיין זכות איז גרויס. פֿון דער געשיכטע איז ער געוואָרען איין גרויסער מוכיח, און האָט אויך געוויזען אַז וויא באַלד עס איז זאָ שרעקליך דער שטראָף אויף די עבירות וואָס בין אדם למקום, וויא גרויס איז דער שטראָף אויף די עבירות וואָס בין אדם לחברו וויא גנבה, גזלה, וואָס אויף דעם העלפֿט אויך קיין תיקון ניט און יום הכפורים איז אויך ניט מכפר, סיידען ער גיט אָב די גזלה. השי״ת זאָל העלפֿען אַלע יודען האָבען פּרנסה בכשרות, מען זאָל קענען היטען די תורה הקדושה.

## יח.

אין דעם דור פֿון האר״י הקדוש, איז גיוועזן אין צפֿת איין גרויסער צדיק, איין גאון וחסיד און אויך איין גרויסער בעל קבלה מיט דעם נאָמען ר׳ אברהם הלוי ברוכים ז״ל, ער איז געווען אָבגעזונדערט פֿון דער גאַנצער וועלט, ער איז געווען איין גרויסער אַפּיטראָפּוס (משגיח) אויף שבת, ער פֿלעגט אָן זאָגען מאַנספּערזאָהן און ווייבספּערזאָן אויף שמירת שבת. פֿרייטאָג איין גאַנצען טאָג איז ער אַרום גיגאַנגען אין אַלע גאַסען און האָט פֿערזאָגט מען זאָל היטען דעם הייליגען טאָג שבת וויא דעם לעבין, דען אויף אים בעשטייט די וועלט, און פֿלעגט

לערנען

לערנען דעם פראסטען נארד (דעם פעביל) דיא דינים פון שבת. פיר נאכט איז ער געגאנגען איבער דיא קראמען מען זאהל זייא צומאכין, ער פלעגט זאגען דעם עולם זעהר ליעבע מוסר, אלע פלעגען איהם גרויס כבוד אבגעבען, אלע האלבע נאכט פלעגט ער אויפשטעהען מעורר זיין דעם עולם זייא זאלען אויפשטעהען פיר טאג אבריכטען חצות, אויך האט ער געגרינדעט פיל חברות, מען זאהל לערנען דיא תורה הקדושה, אונ האלבע נאכט פלעגט ער געהן איבער דיא גאסען אונ שרייען מיט איין גרויס גיוויין: ליבע הייליגע ברידער! וויא קאנט איהר געבען איין שלאף צוא אייערע אויגען, אז אונזער הייליגטהום (בית המקדש) איז וויסט געווארען, דיא קרוין פון אונזער קאפ איז אראפגעפאלען, דיא הייליגע שכינה (גאטטעס עהרע) איז פערטריבען מיט אונז אין גלות, אונזערע ברידער אין פרעמדע לענדער ליידען זעהר פיל צרות, פיל פון זייא געהן אויף מסירת נפש, אונ ליידען גזרות רעות (בארצות הקדם), היינט וויא קאנט איהר שלאפען גאר רוהיג אונ פערגעסען אהן אלעם. שטעהט אויף, ליבע הייליגע ברידער, קומט אין דיא בתי מדרשים אונ אין דיא שולען, בעטין השי"ת פיר דיא ביטעלע ארעמע שאף זייא זאלען ניט אויסגיין פון צרות, וועט השי"ת אונז געווים העלפין אונ מיר וועלען זעהן גוטעס.

אזויא פלעגט ער וויינען מיט איין זיסע שטימע אין דיא גאסען, ביז אלע פלעגען אויפשטעהען לערנען אונ זאגען שירים ותשבחות צוא הקב"ה, אלע שולען פלעגען באלד ווערען פול, אונ דעם קול פון תורה לערנען פלעגט מען הערען אין גאנץ צפת; דער האר"י הקדוש האט אויף איהם געזאגט, אז זיין נשמה איז זעהר פון איין הויכע מדרגה, זיא שטאמט פון ירמיהו הנביא ז"ל.

ויהי היום איז דער גרויסער צדיק שטארק קראנק געווארען אונ האט געהאלטען ביים שטארבען, איז דער האר"י הקדוש געקומען צוא איהם מבקר חולה זיין, זאגט דער האר"י צום צדיק, עס איז נגזר געווארען אז מען דארף אייער נשמה שוין נעהמען אויפען הימעל, נור וייל איהר נוצט זעהר פיעל דא בעולם השפל, דארום איז מיין עצה, איהר זאלט אויף זיך נעהמען מיט איין נדר, אז איהר וועט געזונד ווערען וועט איהר געהן תפלה טאהן בייא דעם כותל מערבי אין ירושלים, דארט וועט איהר מיט אייערע גרויסע בכיות (געוויין) אונ בקשות זעהען דיא הייליגע שכינה, וואו ירמיהו הנביא האט איהר

נעזעהען

געזעהען, אונ מען וועט אייך מוסיף זיין צוויא אונ צוואנציג יאהר לעבען, בזכות התורה הקדושה וואס זיא איז געגרינדעט אויף צוויא אונ צוואנציג אותיות. ער האט דאס תיכף אויף זיך מקבל געוועזען אונ איז באלד געזונד געווארין, ער איז געוועזען שרעקליך ארעם האט ער פערקויפט אלע זיינע זאכען אונ איז אוועק אין ירושלים, ער איז געקומען צום כותל מערבי, האט ער קריעה געריסען וויא דער דין איז אז מען זעהט דעם בית המקדש חרב, מיט דער קריעה האט ער צוריסין דיא הארץ וויינענדיג, האט ער תיכף ערזעהן דיא היילינע שכינה וויא זיא גייט אויף דעם ארט פון קדשי קדשים מיט איין שרעקליכע געטליכע ליכטיגע פארשטעלונג, וואס קיין פעדער קען ניט פארשטעלען, אונ זיא גייט פערבראכען מיט דיא הענד, דיא קאפ איינגעבויגען אונ קלאגט אויף דעם חרבן בית המקדש אונ אויף דעם גלות פון איהרע קינדער ישראל.

וויא ער האט דאס דערזעהן איז אויף איהם געפאלען איין אימה ופחד, אונ איז געלאפין צוריק מיט איין שרעקליכען ביטערן געוויין, ביז ער איז געקומען צוא איין וואנד אונ האט אנגעהויבען שלאגען קאפ אהן וואנד פון צער, האט דיא שכינה הקדושה גענומען זיין קאפ אויף דיא הענד (וויא איין מוטטער איין ליעב קינד) אונ האט איהם אבגע־ווישט דיא טרערען, אונ זאגט: רבי אברהם, מיין אויסערוויילטער קינד, טרייסט זיך עס וועט נאך זיין איין צייט פון גרויסע ישועות ונחמות אונ גרויס פרייד אויף מיינע קינדער ישראל, ושבו בנים לגבולם. נאך דעם איז ער געקומען צוריק אין צפת, האט דער האר״י הקדוש איהם געזאגט פריהער אלס וואס ער האט דארט געזעהן, אונ נאך דער וואונדערבארע געטליכע פארשטעלונג האט דער צדיק געלעבט צוויא אונ צוואנציג יאהר אין גרויס תשובה ומעשים טובים אונ האט מזכה רבים געוועזען, וויא דער האר״י הקדוש האט איהם פריהער געזאגט.

## כ.

דער האר״י הקדוש האט זיינע תלמידים שטרייננ פערזאגט אויף תוספת שבת, דאס הייסט זייא זאלען צונעמען דעם היילינען טאג שבת ווען עס איז נאך וואך. פרייטאג איינינע שעות פאר נאכט

פלעגען זייא שוין גרויס הכנה מאכען (צוא גרייטען זיך) וויא פיר איין מלכה, מיט גרויס קדושה אונ טהרה, וייל שבת איז געוועזען אונ געגליכען וויא גאנץ תרי"ג מצות, איז געוועזען דער שטייגער פון האר"י הקדוש אז ער פלעגט פרייטאג בעצייטען מקבל שבת זיין מיט גרויס התלהבות (גייסטליכקייט), איין מאל איז ער ארויס מיט זיינע תלמידים פון צפת מקבל שבת זיין אין פעלד (דארטען האבען זייא שוין גיהאט איין בעזונדער אהל מועד) אנגעקליידעט אין בגדי לבן (ווייסען), האט ער אנגעפאנגען צוא זינגען דעם קאפיטעל מזמור שיר ליום השבת מיט איין געטליכען געזאנג ביז וואגען דיא תלמידים וואס האבען מיט אים מתפלל גיוועזען האבען גאר פערגעסין אז זייא זיינען נור מענשען אויף דער ערד, זייא האבען זיך פארגעשטעלט אז זייא זיינען מלאכים אונ זייא זאגען שירה אויפען הימעל צו השם יתברך מיט ברענענדיגע גייסטליכע געפיהלע.

אין דעם וויא זייא זיינען דא אלע געוועזען פערגעטטערט, זאגט צוא זייא דער האר"י הקדוש, מיינע חברים! איהר ווילט מיר זאלין יעצט געהען גלייך אין ירושלים עיר הקודש מתפלל זיין בייא דעם כותל מערבי מיט דעם אייגענעם ווארעמען געפיהל, צוא בעטען אויף גלות השכינה אונ בעטען רחמים פיר אונזערע ברידער בני הגולה, אונ דארט וועלען מיר פערבלייבען שבת קודש (דאס איז געוועזען מעהר וויא 25 מייל פון צפת, נור דורך קפיצת הדרך קאן מען אלעס). זאגט מיינע ליבע חברים! האבין איינינע מיט גרויס פרייד גיענטפערט מיר וועלין געוויס געהן מיט אייך גלייך אונ איינינע האבען געזאגט מיר וועלין פריהער געהן צוא הויז מעלדען דאס וייב אונ קינדער, נאכהער וועלען מיר געהן. דער האר"י הקדוש איז אויפגעציטערט געווארען אונ האט געגעבען איין פאץ מיט דיא הענד אונ זאגט: וויא אונ וויא איז צוא אונז, מיר האבען ניט קיין זכות ערלייזט ווערען פון גלות ישמעאל, אהה! ווען איהר וואלט אלע מיט איין הארץ, איין געפיהל גיענטפערט מיט שמחה (וואָרום דיא שכינה הקדושה רוהט אויף דיא מענשען וואס פריהען זיך צוא דער מצוה וואס זייא טוהען) מיר וועלען געהן אין ירושלים, וואלט געקומען איין וואהרע גאולה אויף דעם כלל ישראל, ווארום יעצט האט זיך מתעורר געוועזען (ערוועקט) איין שעה פון גרויס רחמים וואס פון פיל הונדערטער יאהר צוריק איז ניכט געוועזען, ובעונותינו הרבים האבען מיר יעטצט פערלארען

אויך

אַזוֹיא אַיין הַיילִיגֶע זַאךְ, השם יתברך זָאהל אוּנְז עֶרְפְרֵייעֶן מִיט זַיין גְאוּלָה בְּקָרוֹב.

# כא.

דֶער האר"י הקדוש פְּלֶעגְט זֶעהר אַיינְזָאגֶען דיא הויז לַייטֶע אויף קִידוּשׁ פוּן שַׁבָּת, זַייא זָאלֶען הֶערֶען מִיט כַּוָּנָה, אוּנ פִיר דיא תַּלְמִידִים הָאט עֶר מְגַלֶּה גֶעוֶועזֶען פִיל גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת פוּן קִידוּשׁ, אַז דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶער נְשָׁמָה. אִין דֶער גְמָרָא שְׁטֵייט, אַז אֲפִילוּ פִיר דֶעם קֶערְפֶּער בְּרֵיינְגְט דֶער קִידוּשׁ אַיין לִיכְטִיגְקֵייט, אַז אֵיינֶער גֶעהט שְׁנֶעלל מִיט גְרוֹיסֶע טְרִיט, נֶעהמְט דָאס צוּא פוּן אִיהם אַיין גְרוֹיסֶען מְהַייל פוּן זַיין לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דיא אוֹיגֶען, אוּנ עֶס קֶערְט זִיךְ אוּם דיא לִיכְטִיגְקֵייט נוּר דוּרךְ קִידוּשׁ פוּן שַׁבָּת מִיט כַּוָּנָה.

ויהי היום, אִיז רבי חיים וויטאל זַיין תַּלְמִיד קְרַאנְק גֶעוָוארֶען אויף דיא אוֹיגֶען, אוּנ צְוֵוייא חֲדָשִׁים הָאט עֶר נִיט גֶעקָאנְט זֶעהן, נִיט לֵיעֶרְנֶען, אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען אִין גְרוֹיס צַעַר, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט בַּייא דֶער האר"י הקדוש אויף דֶעם, הָאט עֶר אִיהם גֶעזָאגְט, צוּלִיב צְוֵוייא זַאכֶען אִיז בַּייא דִיר קְרַאנְק אוּנ פִינְסְטֶער דיא אוֹיגֶען, א) ווייל דוּא הָאסְט נִיט גֶעמַאכְט קִידוּשׁ מִיט דֶער כַּוָּנָה אוּנ סוֹדוֹת וִויא אִיךְ הָאבּ דִיר מְגַלֶּה גֶעוֶועזֶען, ב) וַוייל דוּא הָאסְט זִיךְ שְׁטַארְק אַיינְגֶעקוּקְט (גֶעזֶעהן) אִין פָּנִים וֶוען אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל קריאת שמע אוּנ שמונה עשרה (ווייל אִין תְּפִלּוֹת הָאט דֶער האר"י פִיל גְרוֹיסֶע כַּוָּנוֹת פֶערְבְּרַאכְט, הָאט אויף אִיהם דיא הַיילִיגֶע שְׁכִינָה גֶערוּהט, אוּנ קֵיין מֶענְשׁ טָאר דַאמָאלְס שְׁטַארְק נִיט זֶעהן). רבי חיים וויטאל הָאט דיא בֵּיידֶע זַאכֶען פֶּערְרִיכְט, זַיינֶען זַיינֶע אוֹיגֶען לִיכְטִיג גֶעוָוארֶען וִויא פְרִיהֶער.

# כב.

אִין דיא פָארִיגֶע דוֹרוֹת הָאט גֶעטְרָאפֶען דָאס אִין גַאנְץ ארץ ישראל אִיז פִיעל חֲדָשִׁים אַיין טְרָאפֶען רֶעגֶען נִיט גֶעגַאנְגֶען, דיא יְהוּדִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט תפלות ותחנונים אויף קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּנ זַיינֶען נִיט

געהאלפען

געהאלפין געווארען, דער פאשא האט געשיקט צוא דיא יודען, זיא זאלען אראפברייענגען דעם רעגען, אונ ווען ניט וועט ער זייא ארויס טרייבען פון גאנץ ארץ ישראל, האבען זייא איהם געענטפערט, אויב ער וועט זייא לאזען אריינגיין אין דער מערת המכפלה וואס איז אין חברון, בעטען אונזערע היילינגע אבות, וועט געוויס זיין רעגען. האט דער פאשא געשיקט צוא דעם גרויסען קאדי אין דמשק וואס ביא אים ליגט דער שליסעל פון דער מערת המכפלה, דער קאדי האט תיכף געשיקט דעם שליסעל צום פאשא ער זאל אריינלאזען דיא יודען אין דער מערה, כדי אלע זאהלען ניכט צוא שטארבען פון שרעק אונ פון הונגער.

דיא יהודים האבען אויסגעקליבען צעהן תלמידי חכמים, צדיקים וואס ווייסען קבלה מעשיות פון האר"י הקדוש אונ זייא זיינען גיגאנגען אין חברון, אונ זיינען אריין אין דער מערה. זייא זיינען אראבגע גאנגען פינף טרעפ אונ האבען געזאגט דעם ערשטין ספר תהלים מיט גרויס געוויין אונ מיט איין ביטערע הארץ, נאך דעם האבען זייא גע שיקט דעם שמש ער זאהל זעהן אויב דיא הימעל איז פערוואלקענט, איז ער געקומען אונ האט געענטפערט, דיא זאנע ברענט שרעקליך, זיינען זייא נאך פינף טרעפ אראפגעגאנגען אונ האבען געזאגט דעם צווייטין ספר תהלים מיט גרויס כונה, אונ האבען ווייטער געשיקט דעם שמש זעהען, איז ער געקומען אונ האט געזאגט דאס דיא זון שיינט נאך אלס, זייא זיינען נאך פינף טרעפ אראפ אונ האבען געזאגט דעם דריטען ספר תהלים אונ האבען איהם ווידער געשיקט זעהן האט ער זייא געזאגט אז דער הימעל איז פול מיט וואלקענס אונ דער רעגען האט אנגעהויבען געהן זעהר שטארק, דער רעגין איז געגאנגען איניגע טעג, ביזז זייא זיינען געקאמען קיין ירושלים לשלום, אונ האבען געזייט דעם יאהר אונ האבען געהאט גרויס ברכה והצלחה, דאס איז געוועזען איין גרויסער קידוש השם.

## כג.

בימי האר"י הקדוש בשנת שין לאלף הששי, נאכדעם ווי דער סולטאן האט איינגענאמען ירושלים האט ער געוואלט מאכען איין בית

משפט

מִשְׁפָּט אִין מַעֲרָב זַייט פוּן דֶעם בית המקדש, אִין דֶעם אָרְט וואוּ אַיין מָאל אִיז גֶעוֶועֶן דֶער לִשְׁכַּת הגזית וָואס דָארְט זַיינֶען גֶעזֶעסֶען דִיא סַנְהֶדְרִין; דִיא טֶערְקִין רוּפֶען דֶעם אָרְט (מַאחְכִּימֶע) קְלוּגֶע מֶענְשֶׁען, אַיין מָאל הָאט דֶער סולטאן עֶרְזֶעהֶן וִויא אַיין אַלְטֶע גויה הָאט גֶעבְּרַאכְט אַיין זֶעקִיל מִיט מִיסְט אוּנ הָאט אוֹיסְגֶעשָׁאטִין בַּייא זַיין פַּאלַאץ. הָאט אִיהם זֶעהר דֶערְצַארִינְט דָאס, הָאט דֶער סולטאן אִיהר גֶעהֵייסֶען בְּרֵיינְגֶען אוּנ פְרֶעגֶען אוֹיף דֶער שֶׁענְדְלִיכְקֵייט, הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ שְׁטַאם פוּן דִיא רוֹמִים, אוּנ אִיךְ זִיצְט וַוייט פוּן ירושלים צְוֵוייא טֶעג גַאנְג, אִיךְ פִיר זִיךְ וִויא מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבֶּען מִיר פֶערְזָאגְט, דֶען דִיא רוֹמִים הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַיין גֶעזֶעטְץ, אַז יֶעדֶערֶער וָואס זִיצְט אִין ירושלים זָאל בְּרֵיינְגֶען אַלֶע טָאג מִיסְט אוֹיף דֶעם אָרְט, אוּנ דֶער וָואס זִיצְט אִין דִיא דֶערְפֶער זָאל בְּרֵיינְגֶען מִיסְט צְוֵוייא מָאל אִין וָואךְ, אוּנ דֶער וָואס זִיצְט דְרַייא טֶעג גַאנְג פוּן ירושלים זָאל בְּרֵיינְגֶען אֵיין מָאל אִין חֹדֶשׁ, וָוארוּם אוֹיף דֶעם אָרְט אִיז גֶעוֶועֶן דָאס בית המקדש פוּן דִיא יְהוּדִים, וַוייל דִיא רוֹמִים הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט צוּא שְׁטֶערְן דֶעם גְרוּנְד פוּן בית המקדש בְּשַׁעַת חָרְבָּן, הָאבֶּען זֵייא אוֹיף אוּנְז גוֹזֵר גֶעוֶועֶן מֶען זָאל אִיהם צוּדֶעקִין מִיט מִיסְט, עֶס זָאל פוּן אִיהם נִיט בְּלַייבֶּען קֵיין גֶעדֶעכֶענִישׁ.

וִויא זִיא הָאט גִיעֶנְדִיגְט צוּא רֵיידֶען הָאט גֶעהֵייסִין דֶער סולטאן אִיהר אַיינְזֶעצִין אִין תְּפִיסָה, עֶר זָאל גוּט עֶרְקְלֶערֶען דִיא זַאךְ אוֹיב עֶס אִיז אֱמֶת, אוּנ הָאט פֶערְזָאגְט זַיינֶע קְנֶעכְט זֵייא זָאלֶען שְׁטֶעהֶן פוּן וַוייטֶען, אוּנ וֶוער עֶס וֶועט בְּרֵיינְגֶען מִיסְט אוֹיף דֶעם אָרְט, זָאהלֶען זֵייא אִיהם אָנְנֶעהמֶען. דִיא אַלֶע וָואס מֶען הָאט גֶעחַאפְּט מִיט מִיסְט הָאבֶּען גֶעזָאגְט דִיא אֵייגֶענֶע רֵייד וִויא דִיא גויה. וִויא דֶער סולטאן הָאט גֶעזֶעהֶן אַז עֶס אִיז אֱמֶת, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען אַיין בֶּעפֶעהל, דֶער וָואס וִויל זַיין חָשׁוּב בַּייא דֶעם סולטאן זָאהל קוּמֶען זֶעהֶן וָואס עֶר וֶועט טָאהן, דֶער סולטאן הָאט גֶענוּמֶען מַטְבֵּעוֹת גָאלְד מִיט זִילְבֶּער אוּנ הָאט אַרוֹיף גֶעשָׁאטִין אוֹיף דֶעם בַּארְג מִיט דִיא מִיסְט, כְּדֵי דִיא אָרֶעמֶע לַייט זָאהלֶען אוֹיפְקְלַייבֶּען דָאס גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער, וֶועלֶען זֵייא דָאס מִיסְט אוֹיךְ צוּנֶעהמֶען פוּן דֶעם אָרְט.

דֶער סולטאן אִיז דֶערְבַּייא אַלֵיין גֶעשְׁטַאנֶען, זֵייא זָאהלֶען גֶעשְׁווינְד טָאהן, אוֹיךְ עֶר מִיט זַיינֶע קְנֶעכְט הָאבֶּען אַוֶועק גֶעשַׁארְט דָאס מִיסְט, אַזוֹיא הָאבֶּען זֵייא אַלֶע טָאג גֶעטָאהן, בִּיז אִין אַיין חֹדֶשׁ אַרוּם אִיז

דער ארט געווארען ריין , האט מען ערזעהן דעם כותל מערבי פון בית המקדש מיט דיא פונדאמענטען וואס היינט זעהט יעדערער , אונ דיא מענשען וואס האבען ווייטער געווארפען מיסט אויף דעם ארט , האט מען איינגעזעצט אין תפיסה , דרייא ווייבער פון זייא האט מען אויף שטיקער צושניטען , אונ מען האט זייא צוגעשלאגען מיט צוועקעם צוא דיא ווייטער אזויא ניט טאהן אונ דער זיילען פון שטאט , מען זאל ווייטער אזויא ניט טאהן אונ דער סולטאן האט בעפעהלט אויסרופען אין דער גאנצער מדינה אז קיין מענש זאל ניט מטמא זיין אונ אויך ניט א שפייא טאהן אויף דעם היילינען ארט , דער נאך האט ער גערופען דיא גרויסע לייט פון יהודים אונ האט זייא געבעטען זייא זאלען בויען דעם בית המקדש אונ ער וועט זייא געבען געלד , האבען זייא געענטפערט מיט א גרויס געוויין , מיר דאנקען דיר זעהר , גנעדיגער קעניג , פיר דיין גרויסען חסד וואס דוא טוהסט מיט אונז אונ מיט דעם היילינען ארט , נור מיר האבען בקבלה פון אונזערע עלטערן מיר זאלען ניכט בויען דעם בית המקדש ביז דער גואל צדק וועט קומען , זייא זיינען אוועק פון איהם זעהר צופרידען אונ ער האט זייא גיגעבען גרויס פרייהייט .

# כד.

אין ספר נגיד ומצוה פון איינעם מתלמידי האר"י הקדוש ז"ל הגאון יעקב צמח ז"ל ווערד געבראכט איין שרעקליכע געשיכטע : בשנת תל"ב נאך דעם חרבן בית שני , איז געוועזן אין דעם דור איין זעלטענער צדיק א געטליכער חסיד בעוואוסט מיט דעם נאמען רבי פנחס , ער האט געוואוסט דעם סוד פון שם המפורש אונ האט געקאנט ווייזען גרויסע מופתים מיט דעם היילינען שם , נור ער האט ניט געוואלט ניצען מיט דעם שם המפורש ב"ה , ער האט געקאנט ברייננען דיא גאולת ישראל , אונ חרוב מאכען מלכות רומא מיט דעם שרעקליכען שם נור ער האט זיך בעטראכט אונ געזאגט : איך בשר ודם עפר רמה ותולעה (ערד אונווירמע) וויא קאן איך זיך שטעלען געגען דעם בורא יתברך שמו , אונ בענוצען זיין גרויסען נאמען , אז ער וויל נאך ניט ברייננען דיא גאולה איז נאך ניט געקומען דיא צייט , אונ ווען עס וועט דארפען

זיין

זיין דיא גאולה וועט ער מיט זיין גרויס פארכטיגע האנד צושטערן דעם גלות אונ ער וועט ברייגגען משיח צדקנו.

דער צדיק ר׳ פנחס האט געהאט איין ווייב איין גרויסע צנועה אונ חסידה, מען האט איהר גערופען רחל דיא חסידה, זיא איז געוועזען איין צניעות אונ שיינהייט דיא צווייטע רחל פון דיא אמהות, דיא גרויס שעציגע לייט האט מען געקאנט רעכענען פיר גרויסע צדיקים אויך אין דיא דורות פון דיא היילינע נביאים, זייא האבען איינע דיא אנדערע זעהר געשעצט, זיא האט איהם גערעכענט וויא איין מלאך פון הימעל אונ ער האט איהר געשעצט וויא איין טהייערע מוטטער, רחל האט שטענדיג געוויינט אונ געקלאגט ווייל זיא איז געוועזען איין עקרה (אונפרוכטבארע), זיא האט שטענדיג געפרעגט אונ געזוכט סגולות אונ מיטלען כדי זיא זאהל מעוברת ווערען, עס האט אבער גאר ניט געהאלפען, האט זיא שטענדיג מתפלל געוועזען צוא השי״ת מיט שרעקליכע תפלות אונ בקשות, אונ פלעגט בעטין איהר מאן ער זאהל אויך מתפלל זיין, נור ער פלעגט איהר ניט ענטפערן וועגען דעם גלייך וויא ער האט געוואוסט אז עס איז נגזר געוואָרען מן השמים אז ער זאהל ניט לאזען איין דור נאך זיין טויט. רחל האט זיך מסגף געוועזען (אבגעקומען) אונ האט מעהר ניט געגעסען וויא טרוקענע ברויט איין מאל אין טאג.

איין מאהל האט ער געהערט בייא נאכט וויא רחל החסידה וויינט אונ קלאגט מיט שרעקליכע טענות צום בורא ית״ש, אז ער זאל איהר געבען איין קינד, איהרע תחנות ובקשות האבען איהם דיא הארץ צוריסען, האט זיך ר׳ פנחס געשטעלט מתפלל זיין מיט גרויס כונה אונ זאגט: רבש״ע! הער צוא דיא בקשה פון רחל דיא צדקנית, דען זיא וויל דאך האבען איין קינד, ער זאהל זיין איין צדיק עובד השי״ת. רחל האט דאס געהערט, האט זיא איהם משביע געוועזען אז היינטיגען מאהל מוז ער ניצען מיט דעם שם המפורש, אונ געבען איהר איין סגלה זיא זאל ניט זיין איין עקרה, ביז וואנען השי״ת האט געטאהן זייער בקשה, אונ רחל דיא חסידה האט געבארען איין זאהן אום ראש השנה שנת ת״כ לחרבן בית שני, זייא האבען איהם איין נאמען גע-געבען נחמן צוא ווייזען אז ער וועט זיין זייער נחמה. איז באלד געוועזען איין שרעקליכע פליאה, אז וויא ער איז געבארען געוואָרען האט ער באלד אנגעפאנגען ערציילען געטליכע זאכען וואס עס טוהט זיך

אויך

אויף דעם הימעל, אלע וועלטען אונ מלאכים, שרפים ואופנים, אונ פון דער היילגע מרכבה ביז דעם שרעקליכען היילגען כסא הכבוד (דער געטליכער טראהן) וואס כביכול השי"ת ווייזט דארט זיין געט־ליכקייט, אונ נאך אזעלכע וויכטיגע שרעקליכע ענינים, ווער עס האט געהערט איז כמעט אין אונמאכט געבליבען צו הערין גאטעס וואונדער פון איין קינד וואס איז יעצט געבארען. וויא זיין פאטער ר' פנחס האט דאס ערהערט, האט ער איין געשרייא געגעבען, שטיל! איז דאס קינד באלד שטום געווארען.

צוועלף יאהר האט דאס היילגע קינד גאר ניט גערעט קיין שום ווארט! רחל האט יעצט נאך מעהר געוויינט, אונ האט געזאגט, הלואי וואלט איך בעסער גאר ניט געהאט איין קינד, וואס האב איך דאס גאר בעדארפט בעטען, גראדע איז דאס קינד געווען איין זעלטענער בילד, זיין בליק איז געווען שרעקליך, אונ ער זעהט אונ הערט אלעס, נור ער מוז שווייגען.

ויהי היום רבי פנחס איז געקומען פון בית המדרש, רחל האט איהם ארום געוואשען דיא פיס וויא איהר שטייגער איז געווען אונ האט גענומען דאס היילגע קינד נחמן אונ האט איהם אריינגעלייגט בייא איהם אין שוים, אונ אליין איז זיא געפאלען מיט דעם פנים צוא דער ערד, האט שרעקליך אנגעהויבען צוא וויינען אונ זאגט: איך בעט דיר היילגער מאן, דוא זאלסט אים געבען רשות צוא ריידען, אדער ער זאהל אוועק פון דער וועלט. האט רבי פנחס אבגעדעקט דאס געזיכט פון דעם קינד וואס האט געלויכטען וויא דיא זאנע אונ האט איהם דרייא מאל געקושט מיט ליבשאפט, זאגט צוא איהר ר' פנחס שטייא אויף רחל, וואס פאלסטו אויף דיין געזיכט, וואס איז דיין וואונש. זאגט רחל זעה מאך מיט דאס קינד וויא עס זאהל זיין איין נחת רוח פיר השי"ת. זאגט ר' פנחס זעה אז מען האט ניט געטארט ציפיל מטריח זיין כביכול השי"ת בעטען אויף קינדער, ווייא איז צוא דאס קינד, אז זיין הארץ איז פיל מיט הימעל חכמות וויא דער ים, נור ער קאן פיל ניט לעבען, ווייל ער ענדעקט סודות עליונים וואס איין ילוד אשה איז ניכט אין שטאנד צוא הערען בעולם הזה. האט רחל שטארק געבעטען ר' פנחס'ן, ער זאל מתפלל זיין אז דאס קינד זאל אנפאנגען ריידען, נור דיא פערבארגענע סודות זאל ער ריידען מיט רמזים וואס קיינער זאהל ניט פערשטיין.

ר' פנחס האט אזויא געטאן, ער האט מתפלל געוועזן און פלוטצלונג האט דאס קינד אנגעפאנגען ריידען מיט גרויס התלהבות (פייערדיגע געפיהלע), ער האט גערעט סודות פון עולמות עליונים, אלע חכמים האבען זיך שרעקליך געשראקען צו הערען דיא סודות התורה אויף תרגום לשון אלס וואס עס וועט זיך טרעפען מסוף העולם ועד סופו, און אלע סבות וואס עס וועט זיך טרעפען מיט דער אומה הישראלית בימי גלותם. און דער נאך האט ער אנגעפאנגען מגלה זיין גאנ'ן ימות המשיח, האט ר' פנחס איין מאך געטאהן מיט דער פאציילקע צו וויזען אז ניט אלע זיינען כדאי צו וויסען דאס, האט ער זיך געזעגנט מיט דיא היילינע עלטערן, און זיין נשמה הקדושה איז באלד ארויף אויף דעם הימעל מיט רעש מיט איין זייל פייער. זיינע רייד האט מען פערשריבען מיט דעם נאמען „נבואת הילד" (דיא נביאות פון דאס קינד) און זיין היילינער נאמען איז געבליבען ביי דיא חכמי הקבלה „נחמן קטופא" (דער נחמן וואס בעוה"ר איז ער אבגעהאקט געווארען פון דער וועלט) און הגאון ר' אברהם הלחמי האט גימאכט איין פרוש אויף זיינע נביאות.

## כה.

ווען דער האר"י הקדוש פלעגט זאגען זיינע דרשות און כתרי תורה, זיינען גיקומען הערען דיא גרעסטע לייט, נור ניט אלע האבין פערשטאנען זיינע היילינע רייד, אויף פיל גאונים האט ער געזאגט אז הגם זייא זיינען זעהר גרויס אין לערנען זייא זיינען פון דיא גדולי הדור אין נגלה, דאס הייסט אין דיא עפענטליכע תורה, נור אין חכמת הקבלה האט זייער נשמה איין קליינעם טהייל, דערום וויא ער פלעגט זאגען זייער טיפע ענינים סודי סודות התורה, פלעגט זייא חאפין דרעמלען, און אזויא שרייבען דיא ספרים, אז הגאון רבי יוסף קרא ז"ל (ער איז געוועזן איין מחותן מיט דעם האר"י הקדוש) דער מחבר בית יוסף ושלחן ערוך, וואס ער איז געוועזן פון דיא גרעסטע גאונים אין זיין דור, נור ווען ער האט געהערט דיא טיפע סודות פון האר"י הקדוש, פלעגט אים חאפען דרעמלען.

דיא ליבע לעזער ווילען וויסען דיא גדלות פון בית יוסף, וועלין

מיר

מיר דא איך ערצײלען  ין זאך , דער פון קאן מען פערשטײן אויף דיא איבעריגע . דער גאון בית יוסף איז פריער געװען אײן רב אין אדרינפול אין טערקיא , דער נאך איז ער געװארען רב אין צפת עיר הקדושה (אין ארץ ישראל), ויהי היום איז פארגעקומען אײן שאלה צוא איהם אויף בהמות , װאס נאך דער שחיטה האט מען געפונען אײן געלען קלאפ אויף דיא גידערים , האט הגאון רבי יוסף קרא געמאכט זײא פיר אײן טרפה , קצבים האבען דאס ערהערט , זײנען אלע אנגעפאלען אויף דעם , עס איז אנגעקומען אײן נײער רב , אײן יונגער מאן אונ האט אײן עזות צוא מאכען דאס פיר אײן טרפה , זײנען דיא קצבים אװעקגעפאהרען אין אײן אנדער שטאט מיט דער שאלה, האט דער רב געזאגט ער װײס ניט קײן שום מקור פון ש״ס מען זאל מאכען דאס פיר אײן טרפה, אונ האט געמאכט כשר.

דיא קצבים האבען דאס ערהערט האבען זײא געמאכט אײן גװאלד אונ דיא פלײש האבען זײא תומ״י פערקױפט בעלי בתים , טאהן להכעיס דעם בית יוסף (דאס איז הגאון קארו ז״ל) , איז געװארען אײן רעש , דער יונגער רב טוהט אויף נײעס , מאכען כשר פיר טרפה , נור דער פון איז אבער געװארען אײן פלא , אלע װאס האבען געגעסען דיא פלײש , זײנען געפעהרליך קראנק געװארען אין דעם טאג , אונ צעהן מענשען זײנען תומ״י געשטארבען , עס איז באלד געװארען אײן גרויסער רעש אין שטאט צפת , אלע האבען געזעהען אז ער איז אײן געטליכער מאן , האבען אלע שוין פיר איהם געציטערט, אונ דער רב װאס האט מכשיר געװען , האט יעצט שוין אלײן געזאגט אז דיא סמנים אין אײן בהמה איז א טרפה.

אויך דער גרויסער גאון הרדב״ז ז״ל האט מסכים געװען צום פסק פון ר׳ יוסף קארו, פון דער געשיכטע איז זײן נאמען גרויס געװארען אויף דער װעלט , דער גאון האט אויף דער עלטער געהאט אײן מגיד פון הימעל אײן מלאך װאס האט מיט איהם געלערענט סתרי תורה, (עיין שו״ת אבקת רוכל סי׳ רי״ג) , נור דער האר״י הקדוש האט ניט געדארפט קײן מלאך משמים , ער איז אלײן געװען שרעקליך גרויס אין חכמת קבלה, גאר אהן אײן שיער.

# כו.

דער הארי הקדוש האט מגלה געווען ענינים וואס פיר איהם האט מען גאר ניט געוואוסט. אין זיינע היילינע כתבים געפינט זיך וועגען איין געשיכטע מיט איין יונג קינד (אין זוהר הקדוש ווערט אויך געבראכט מיט איין ינוקא) וואס ער איז אלט געווען זיבען יאהר, ער איז געווען אין דער צייט פון גזרת שמד פיר דעם חרבן הבית, האט מען גוזר געווען אז מען וועט געפינען איין יהודי עוסק בתורה וועט מען איהם דן זיין מיט איין מיתה משונה ר״ל. דאס קינד איז געוועזען איין גרויסער תנא אין לערנען אונ אין אלע חכמות, האט ער זיך בעהאלטען אין איין מערה, אונ האט געלערנט תורה מיט גרויס קדושה וטהרה טאג אונ נאכט, אונ ער האט פערשפרייט פון דארט פיל תורה אויף דער וועלט.

צום סוף האט מען איהם געהאפט וויא ער לערנט אין דער מערה, האבען דיא עכו״ם איהם געוואלט מכריח זיין דורך גרויסע יסורין ער זאל כופר זיין ח״ו, האט ער זיך מוסר נפש געווען אונ האט מקדש השם געווען מיט גרויס פייער, דיא עכו״ם האבען זיין היילינען קערפער צושניטען אויף שטיקער אונ זיין היילינע נשמה איז ארויס מיט דעם פסוק שמע ישראל וגו׳ ה׳ אחד. (דיא עכו״ם האבען אלע געהאט זייער פינסטערן עונש).

וויא זיין היילינע נשמה איז ארויף אויפען הימעל, האט השי״ת פון גרויס ליבשאפט צוא איהם געשווארען, אז אים וועט ער איבער געבען דעם היכל נוגה, אונ צו אלע מלאכים אונ צדיקים אין גן עדן וועט נתגלה ווערען אלע סודות אונ געטליכע ענינים אלין דורך איהם, אונ ווען ער בריינגט ארויס דעם שם המפורש ערשיינען אלע אותיות איבער איהם מיט גרויס וואונדערליכע ליכטינקייט, אונ אלע צדיקים געלוסטען צוא וויסען סודות התורה דורך איהם אונ פרייען זיך מיט איהם, אונ ניט אלע צדיקים האבען איין זכיה צוא וויסען וואו ער איז, דער גרויסער תנא רבן יוהנן בן זכאי האט געפאסט זיבעציג תעניתים אונ האט זיך זעהר געהייליגט ער זאל זוכה זיין איהם זעהן, האט מען איהם געוויזען אין חלום זיבען הימלען, צום סוף דיא הימלען האט ער איהם געזעהען אז ער שיינט מעהר וויא אלע מלאכים, אונ דיא שליסלען פון דיא געטליכע סודות האט הקב״ה איהם איבערגעגעבין

צוא

צוא מגלה זיין דיא צדיקים, אונ מעהר האט ריותב"ז ניט געהאט רשות צוא זעהן.

האבען דיא גרעסטע חכמים געקלערט וויא אזויא האט געהאט זיין פאטער איין זכיה צוא האבען אזויא איין קינד איין קדוש עליון, האבען זייא דערגאנגען אז דער פאטער פון דאס הייליגע קינד האט קיין מאל ניט שטארק אנגעקוקט אין פנים פון איין רשע, דיא האגד האט ער קיין מאל ניט מטמא געוועזן אונ האט ניט מפסיק געוועזן אין מיטען לערנען צוא דברי חול אונ האט זיך שטענדיג מצער געוועזן אין דעם צער פון צדיקים, אונ האט קיין מאל ניט גערעט דברים בטלים, נור ער איז געוועזן צוגעבונדען מיט זיינע אלע געדאנקען צוא עבודת השי"ת, האט ער געבארין דאס קינד דעם צדיק, אונ איז געשטארבין אונ נאך דעם קימפעט איז זיין מוטער דיא צדקת אויך געשטארבען אונ דאס קינד האט זיך ערצויגען אין גרויס צער, נור ער איז געוועזן דבוק אן דער הייליגער תורה ומצות מיט איין פייערדיגען געפיהל, זיין נשמה איז געוועזן זעהר פון איין גרויסע מדרגה, ביז וואנען ער איז געגאנגען אויף קדוש השם, איז ער געקומען צוא אזויא איין גרויסע מדרגה נאך דעם וואס קיין מלאך אונ צדיק איז צוא דעם ניט געקומען, זכותו יגן עלינו ועל כל ב"י.

# כז.

אין ס' מצמיח ישועה ברייננט ער איין געשיכטע וואס האט זיך גע-טראפען בימי האר"י הקדוש, וואס ער האט מבטל געוועזן איין שרעקליכע גזרה פון דיא ישראל. אין דער צייט איז געווארען איין נייער מושל אין מדינת סוריא איין גרויס פחה, האט ער זיך בעקלערט איין נייעס וויא צוא חאפען אידעשע געלד, ער האט געשיקט אויפרופען אלע גרעסטע לייט יהודים פון דער מדינה אונ זאגט צוא זייא, דאס ער שטאמט פון המן בן המדתא, דערום מאנט ער יעצט צעהען טויזענד צענטנער זילבער וואס המן האט געוואלט געבען צוא אחשורוש אונ דער נאך וויא מרדכי ואסתר האבען אלס פון איהם צוגענומען (וויא מען האט איהם מיט זיינע קינדער געהאנגען) איז דיא געלד געבליבען בייא דיא יהודים, מוזען זייא איהם יעצט אוועק געבען, אונ ווען ניט וועט

ער

ער בעניייען דיא גזרה להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים פון זיין מדינה. ומי יאמר לו מה תעשה? ווער קאן איהם זאגען איין דעה, זייא זיינען דאך ביא איהם אין דער האנד.

דיא גרעסטע לייט פון יהודים האבען געוויינט אונ געקלאגט, געבעטין רחמים ותחנונים, ער זאל אין וויינגסטען קלענער מאכען דיא סומע געלד אונ געבען זייא הרחבת הזמן (אפ לייגען אויף איין לאנגע צייט), נור ביא דעם אכזר איז ניטא קיין שום רחמים אויף יהודים, וויא איין וואלף איז ער געוועזען געגרייט צוריסען דיא אידישע געמיינדע וואס זיינען געגליכען וויא איין שעפס, ער האט זייא ארויסגעגעבען איין בעשטימטע צייט, אונ זייא האבען זיך געמוזט אונטער שרייבען צושטעלען דיא געלד ביז דער בעשטימטער צייט, זייא האבען זייער לעבען פערבארגט אין גרויס סכנה, דען זייא זיינען דיא ערשטע געגרייט צוא איין מיתה משונה ח"ו אויב זייא וועלען ניכט ערפילען זיין בעפעהל.

דיא גרעסטע לייט וויא זייא זיינען געקאמען יעדער צוא זיין שטאט אונ האבען ערציילט דיא געשיכטע זיינען זייא אומגעגאנגען שווארץ וויא דיא ערד, זייא האבען געקלאגט אונ געוויינט וויא צוא דער גזרה פון המן הראשון, דען אזויא איין סומע געלד איז גאר אונמעגליך צוא פערזאמלען פון דער מדינה, האבען זייא געמוזט ארויס=שיקען גרויסע לייט אין ווייטע מדינות וואו עס געפינען זיך יהודים, כדי מען זאל מציל זיין זייא ממות לחיים אונ אזויא איז געבליבען איין הסכם, איז וויא דיא שלוחים זיינען געקומען אין אלכסנדריא של מצרים זיינען זייא גלייך געגאנגען צוא דעם גרעסטין גביר צום שווער פון האר"י הקדוש, האט ער זייא געגעבען איין גרויסע נדבה אויף פדיון שבוים, אונ זאגט צוא זייא: עס איז אומזאנסט אייער מיהע אונ אייער טרחה, דען אזויא איין גרויסע סומע געלד וועט איר בשום אופן ניט קאנען פערזאמלען פון נדבות אונ בפרט דער טערמין פון דער צייט איז קורץ, על כן, קאן מעהר ניט זיין איין ישועה נור דורך מעשה נסים, אבער מיט דער נאטור איז אונמעגליך, השי"ת טוט אלע טאג מיט אונז נסים. ענטווערן דיא משולחים נאר נסים נגלים עפענטליכע נסים וויא אין דיא אלטע דורות אין מצרים, אדער בימי מרדכי ואסתר וכדומה, דארף מען דער צוא האבען גאר גרויסע לייט היכעל מענשען וויא דיא פאריגע צדיקים.

זאגט דער גביר רעדעט זיך דורך מיט מיין איידים רבי יצחק לוריא, זאהל לעבען, אזויא ענטווערט ער ניט נור אין איין כלל ישראל, פדיון שבוים וועט ער געוויס ענטווערין, אונ איה איהר וועט געהאלפין ווערען, אונ אזויא איז געוועזען, דיא משולחים האבען געהאט ב"יף פון דיא גרעסטע רבנים, אז וואו זייא וועלען קומען זאהל מען זייא ענטווערין ברחמים רבים, ווייל אלע יהודים אין מדינת סוריא זייגען אין טויט סכנה.

זאגט דער האר"י הקדוש, איהר זאלט זיך אויף מיר ניכט פערלאסען, איך בין דאך ניכט מעהר וויא איין בשר ודם, איין ישועה איז נור ביא השי"ת אין האנד, נור איין עצה וועל איך אייך געבין, אז דיא געלד וואס איהר קלייבט, זאלט איהר קלייבען צוא שטיצען ארעמע לייט, ארעמע תלמידי חכמים, ארעמע כלות, מאכען בתי תלמוד תורה וכדומה, אונ ניט געבען דעם רשע שר הצורר, אונ האט זייא מגלה געווען דעם סוד פיר וואס איז געקומען דיא גזירה מן השמים, אונ מיט וואס קאן מען זיא פערריכטען, ער האט זייא ארויסגעגעבען תקוני תשובה, וואו זייא וועלין קומען זאלן זייא איבערגעבין צוא דיא רבנים וצדיקים פון יעדער שטאט מען זאל תשובה טאן, אונ איינינע טעג זאל מען גוזר תענית זיין מיט סליחות אונ גרויסע בכיות וועט השי"ת געוויס העלפען, אונ האט זייא אנגעזאגט אז צוא דעם טאג זאהלען זייא צוא איהם קומען וועט ער זייא געבען איין בריעף. כך הוה, זייא האבען שוין געזעהען אז ער איז איין איש אלקים.

דער האר"י הקדוש האט זיך איינינע טעג צוגעריכט מיט גרויס קדושה וטהרה מעהר וויא אלע מאל, אונ האט אנגעפאנגען בענוצען מיט קבלה מעשיות, הגם ער האט ניט געוואלט ניצין מיט דעם, ווייל דאס איז סכנות, נור צו טובת הכלל האט ער זיך מתיר געוועזען צוא בענוצען מיט גרויס קדושה, דיא געשיכטע אין גאנצען מפני כמה טעמים קאן מען דא ניט אויס דריקען, נור בקיצור דער האר"י הקדוש האט געמאכט פלאי פלאים, אז אלע נאכט האט מען פון הימעל דעם פחה דעם צורר היהודים פון סוריא ערשראקען מיט שרעקליכע חלומות, מען האט איהם געפייניגט מיט אלערלייא יסורים מרים וקשים, פיל נעכט איינע נאך דיא אנדערע, ער פלעגט אויפשטעהן איין צוואונדעטער, דיא לייב צוריסען, ער האט געשטעלט וויא פיל וואכען, נור עס האט גאר ניט געהאלפען, וואס מען האט איהם מעהר געהיט האט מען איהם מעהר

געפייניגט

געפייניגט אונ בעשטראפט אונ מיט טויט שרעק האט מען איהם גע-שראקען, מען האט איהם אלס געוויזען וויא אזויא מאכט ער דאס אזויא איין גזרה אויף יהודים, ביז וואנען מען האט געדריקט איהם ער זאהל זיך חתמנן, אז ער האט שוין מקבל געוועזען בייא דיא יהודים צעהען טויזענד צענטנער זילבער, אונ קיין וואך האט ניט געזעהען אונ ניט געהערט.

אין דער פריא פלעגט ער אלעס פערגעסען אונ פלעגט אליין ריידען ווען וועט מען איהם שוין ברייננען דיא געלד, ביז וואנען עס איז שוין געקומען דער טערמין, האט ער געשיקט רופען דיא גרויסע לייט פון דיא יהודים, זייא זאלען ברייננען דיא סומע געלד, האבען זייא איהם דערלאנגט דעם פאפיר מיט זיין חתימה אז ער האט דיא געלד מקבל געוועזען אין גאנצען פון דיא יהודים (דער האר"י הקדוש האט דאס דורך דיא משולחים געשיקט צו די גרויסע לייט פון יהודים דעם כתב הקבלה פון פחה), וויא דער פחה האט דאס געזעהען, האט ער שוין פער-שטאנען דיא גאנצע זאך פון זיינע פינסטערע נעכט, האט ער דיא יהודים בעפרייט, אונ האט זייא נאך געטאהן גרויסע טובות אונ האט געזאגט, אז דער גאט פון יהודים טוט מיט זייא נסים דארף איך זייא שעצען לטובה.

---

# כח.

דער האר"י הקדוש פלעגט שטענדיג פערזאגען אז מען זאל זיך זעהר היטען צוא ענטפערן אמן, ווייל דאס איז זעהר איין גרויסע זאך ובפרט אמן אויף איין ברכה פון איין קליין קינד וואס זיין מויל איז ריין אהן זינד, וויא מיר געפינען איין שרעקליכע היסטאריע מיט הגאון הלבוש ז"ל וועלען מיר דא מעתיק זיין מס' נהורא השלם, דער גאון רבי מרדכי יפה ז"ל דער מחבר הלבושים איז געוועזען רב אין הוראדנא, דער גאון איז געוועזען אין זיין דור זעהר גרויס אין תורה אונ אין אלע חכמות ישראל, אין דער צייט איז גראדע אין דער גרויסער שטאט פוזנע ניט געוועזען קיין רב, האבען זייא איהם אריינגעשיקט איין כתב רבנות, ווייל זייא האבען געזעהען זיין גדלות פון דיא צעהן ספרים וואס ער האט געמאכט היינו עשרה לבושים, דעם זכות צוא

מאכען

מאכען צעהן ספרים מיט דעם נאמען עשרה לבושים איז אויך געווען איין זעלטענע זאך.

דער גאון ר' מרדכי יפה איז איין מאל געפארען אין וועג אין איין גרויסע דבר מצוה, איז ער דורך געפאהרען דורך איין הויף, וואס דארטען איז געווען איין אידעשע גאסטהויז, ביא נאכט איז ער אהין פערפאהרען, ער איז אריין, האט זיך אנגעקליידעט אין זיינע זיידענע קליידער אונ האט זיך געזעצט לערנען, דער געזיכט האט אויף איהם געשיינט, דען ער איז געווען דאמאלס נאך גאנץ יונג אונ זעהר שיין אונ דיא זיידענע קליידער מיט דער שיינער מין האבען איהם נאך צוגעגעבען פיל חן, דארטען איז גראדע געזעסען דיא גרעפין פון דעם הויף, איין וויטווע (אלמנה) האט זיא איהם גוט בעמערקט.

ויהי בחצות הלילה האלבע נאכט קומט איין פקיד פון דער גרעפין צום יהודי פון גאסטהויז אונ זאגט אז דיא גרעפין דארף נייטיג דעם רב, מישב זיך זיין וועגען איין זאך, אונ דער רב זאהל שוין פאהרען מיט איהם אין איהר קארעטע, דער רב האט בשום אופן ניט געוואלט פאהרען, נור דער יהודי האט איהם זעהר פיל געבעטין, אונ זיין גאנצע הויז געזינד האבען געוויינט אונ געקלאגט אז אויב חו"ז ער וועט ניט פאהרען, וועט דיא גרעפין זייא אונ נאך יהודים ארויס-טרייבען פון הויף, אונ בפרט אז דער רב האט געקאנט גוט ריידין פויליש וועט ער נאך קאנען טובות טאהן דיא יהודים, ער איז גע-פאהרען בעל כרחו.

דיא גרעפין האט איהם גרויס כבוד אבגעגעבען אונ מיט איהם פערבראכט אין פיל חכמות, צום ענדע האט זיא פערשלאסען דעם פאלאין אונ זאגט ער מוז מיט איהר זיין, זאגט ער וויא קאן איך טאהן אזויא איין פערברעך געגען גאט, עס העלפט גאר ניט, זיא האט אויף איהם גרויס מורא געווארפען, ער איז דאך יעצט אין סכנה דעם לעבען פערשפיעלען אין איין ווייל, זאגט ער צוא דער גרעפין איך געה באלד אריין אונ לאזט דעם אבערמאנטעל, מיט נאך טהייערע זאכען אלס אין פאלאין, דיא גרעפין האט אנדערש ניכט גערעכענט אז ער וועט איהר וואונש ערפילען דאך האט זיא געשיקט דעם דינער זעהן וואו ער געהט, ער איז געגאנגען אין בית הכסא, אונ פון דארטין האט ער זיך דורך גרויס סכנות נפשות ארויסגעדרייט אונ אנטלאפען געווארען, אונ איז געקומען שוואך אונ מיעד אין איין ישוב, אונ

האט

האט ארומגעוואשען די אלע בגדים וואס זייא זיינען שענדליך פערשמוצט געווארען.

וויא ער האט איין דרעמיל געטאהן האט ער געזעהן איין ליבליכן חלום אז מען האט אויף דעם הימעל אלס געזעהן זיין שיינע אידעשע געשיכטע, איז געבליבען, אז פיר די צעהן בגדים וואס ער האט זייא פערשמוצט, וועט ער זוכה זיין מאכען צעהן ספרים מיט דעם נאמען עשרה לבושים (צעהן היילינע קליידער), אונ פיר דעם וואס ער האט זיך מתגבר געוועזען אויף דעם יצר הרע אונ האט זיך ניט מטמא געוועזען וועט זיין היילינע נשמה שיינען צווישען די גרעסטע צדיקים אין דער וועלט, אין גן עדן העליון. פערשטייט מען דאך אז וויא דער גאון האט געמאכט די ספרים, זיינען זייא מפורסם געווארען אויף דער וועלט.

וויא זייא זיינען אנגעקומען אין פוזנא, האבען זייא איהם אריינגעשיקט דורך שלוחים תלמידי חכמים איין כתב רבנות אויף פוזנא, האט דער גאון בעל הלבושים צוגענומען דעם כתב אויף דעם אופן אז זייא זאהלען ווארטען אויף איהם ביז וואנען ער וועט פריהער אויסלערנען די חכמת התכונה (אסטראנאמיע) וואס מען דארף די חכמה נייטיג האבען צוא קידוש החדש אונ צוא נאך נייטיגע דינים פון ש"ס, נור וויל אין דער צייט איז ניט געוועזען וואו צוא לערנען זיך די חכמה איז דער לבוש געפאהרען אין איטאליע, דארטען אין ווענעציא איז ער געקומען להגאון החכם ר' יצחק אבוהב הספרדי צוא לערנען זיך בייא איהם די חכמה.

דער אבוהב האט איהם זעהר שון אויפגענומען, ער האט געזעהן זיינע ספרים די צעהן לבושים, האט ער איהם געלערנט די חכמה אונ האבען זיך ביידע משתעשע געוועזען אין חכמת התורה, וויא געוועהנליך אז עס קומען אויף צווייא געטליכע לעווין גדולי עולם, אין דעם האט איין קליין קינד פון הגאון אבוהב געמאכט איין ברכה אויף איין פרי, האבען אלע געענטפערט אמן אונ מיט גרויס התלהבות, דער גאון הלבוש איז דארטען אויך געזעסען אונ איז געוועזען פערטראכט אין לערנען, האט ער ניט געענטפערט אמן נאך דער ברכה, איז פלוצלונג הגאון אבוהב געווארען אין כעס אויף הגאון הלבוש, אונ האט איהם מחרים געוועזען מיט גרויס נזיפה, אונ דער לבוש האט גאר ניט בעמערקט פיר וואס, איז באלד דער לבוש ארויס מיט

בזיון

בזיך אונ דרייסיג טעג געזעססען אין חרם ר"ל, אבגעזונדערט פון מענטשין.

נאך דרייסיג טעג איז ער געקומן צוא הגאון אבוהב איבערבעטען איהם ער זאל איהם מוחל זיין, ווייל ער ווייס גאר ניט פיר וואס איז דער חרם, האט איהם הגאון אבוהב ניט געוואלט מוחל זיין בשום אופן נור אויף איין פונקט אז ער זאל דאס מפרסם זיין אין זיינע דרשות, אז יעדער מענש זאל זיך היטען אונ ענטפערן אמן אויף אלע ברכות אונ דער הויפט אויף איין קליין קינדס, זאגט אבוהב צוא הגאון הלבוש, דוא זאהלסט וויסען אז איך האב דיר זעהר ליעב מעהר וויא איין אויגען קינד כוחמת דיין פיל לערנען אונ צדקות וחכמות, נור ווייל דוא האסט ניט גיענטפערט אמן נאך דער ברכה פון דאס קינד ביסטו כמעט מחויב מיתה, נור ווייל דוא ביסט מקבל אויף זיך צוא פרדיכטען דאס אין דרשנן ברבים, בין איך דיר מוחל, אונ איך וועל דיר, ליעב קינד, גאון עולם ערצייהלען איין שרעקליכע געשיכטע:

אין מדינת ספרד (שפאניע) איז געווען מיט פיעל דורות פיר גרוש שפאניע (בשנת רנ"ב) פיל עשירים ושרים פון יהודים, פיל קהלות ישראל זיינען גליקליך געווען. ויהי היום איז דארט געווען איין קליף (קעניג) האט ער אנגעפאנגען מאכען אויף דיא יהודים גרויסע גזרות, איז דארט געווען איין גרויסער רב, איין גאון וחסיד אונ איין גרויסער עשיר וקרוב למלכות, האט ער אלע גזרות מבטל געווען, וויא ער פלעגט קומען צום קליף, האט ער בייא איהם פועל געוועזן אלעס גוטעס פיר דיא יהודים, איין מאל האבען דיא שפאנישע גלחים זעהר פיל בייז אנגערעט אויף דיא יהודים האט דער קליף ווידער געמאכט גרויסע גזרות אויף יהודים, זיינען זייא געקומען צום חסיד, ער זאהל געהען צום קליף וויא אלע מאל, האט ער זיך געבעטען בייא דיא יהודים זייא זאהלען איהם לאזען מתפלל זיין תפלת מנחה אונ דער נאך וועט ער גיין. ניין ניין, האבען זייא געבעטען, גייט שוין, הייליגער רבי, דען מציל זיין איין כלל ישראל איז מעהר מצוה וויא תפלת מנחה אונ יעצט איז דיא רעכטע צייט, ער האט אזויא געטאן אונ איז אוועק צום קליף.

וויא ער איז געקומען האט דער קליף איהם געקושט אונ גרויס כבוד געגעבען, ווייל ער האט איהם געליעבט פיר זיין חכמה אונ חסידות, דער חסיד האט גערעכענט אז ער וועט דא געווים פועל זיין,

דער

דער ווייל האט ער מיט איהם פערבראכט אין אנדערע געשפרעך, אז
דעם איז אריין איין גרויסער כומר (גלח) צום קליף, איז געפאלען אויף
דער ערד אונ האט אנגעפאנגען צוא זאגען איין גרויסע ברכה פיר
דעם קליף אויף לייטין, דער חסיד האט דיא שפראך ניט פערשטאנען
אונ עס איז שוין שפעט געוועזען, גייט דער חסיד אין איין ווינקעל פון
פאלאץ אונ האט זיך געשטעלט מתפלל זיין תפלת מנחה, ער האט
גערעכענט אז ער וועט נאך ענדיגען איידער דער כומר וועט ענדיגען
זיין ברכה, דער כומר האט אבער גיענדיגט זיין לאנגע ברכה צום
קליף, פערזאגט ער אלע זאהלען ענטפערן אמן אויף דער ברכה,
האבען אלע גיענטפערט, פרעגט ער צוא אלע האבען גיענטפערט אמן?
זאגען זייא אלע. פרעגט ער ווידער צוא דער יהודי האט אויך גע-
ענטפערט? זאגען זייא, ניין! ווייל ער איז מתפלל יעצט, האט באלד
דער כומר אנגעפאנגען צוא רייסען דיא האר פון קאפ, אונ האט
געשריען איין ביטערע געשרייא ווייא אונ ווייא! דיא ברכה צום קליף
וועט יעצט ניט מקוים ווערען, ווייל דער יהודי האט בכוון זיך גע-
שטעלט אין תפלה, כדי עס זאל בטל זיין דיא ברכה, אונ דאס
געמאכט איין גרויסען רעש, ביז דער קליף איז שרעקליך אין כעס
געווארען אונ האט פערזאגט מען זאהל דעם חסיד פערטלען אויף
שטיקער, אונ זייא האבען אזויא געטאהן אונ דיא שטיקער האט דער
קליף פערזאגט אז מען זאל איינוויקלען אין זיין אבער קלייד אונ מען
האט אוועקגעשיקט צוא זיין הויזגעזינד, אונ דער נאך האט דער קליף
ארויסגעטריבען דיא יהודים פון זיין לאנד, שרעקליך איז גיוועזען דיא
גאנצע געשיכטע.

דער חסיד הנהרג בעוה"ר האט געהאט איין גוטען פריינד בחייו,
אויך איין גרויסער צדיק והחסיד וויא ער איז, זייא האבען מגלה געוועזן
אלע סודות אין דער תורה הקדושה וכדומה אין אלע ענינים, האט
ער געוויינט אונ געקלאגט אונ האט פיל תעניתים פערבראכט אונ האט
מתפלל געוועזן צוא השי"ת, פיר וואס קומט דאס דעם גרויסען צדיק
וחסיד אזויא איין מיתה משונה, ניט אנדערש אז זיין חבר דער חסיד
האט געטאהן עבירות בסתר, ביז דער חסיד איז צוא איהם נתגלה
געווארען אונ האט איהם ערצייהלט אז ניט פיר עבירות בסתר ח"ו
האט מען איהם דן געוועזען, נור הקב"ה איז מדקדק מיט צדיקים אויף
דאס קליינסטע עבירה.

איין

אײן מָאל הָאט זַײנֶער אַײן קִינְד גֶעמַאכְט אַײן הַמּוֹצִיא אויף אַײן שְׁטִיקֶעל בְּרויט, הָאט דֶער חָסִיד נִיט גֶיעֶנְטְפֶערְט אָמֵן, אִיז דָאס גֶיוֶוען אײן רוֹגֶז אויפֶען הִימֶעל, דֶער צוּ הָאט נָאךְ גוֹרֵם גֶעוֶוען דִיא עֲבֵירוֹת פוּן דֶעם דוֹר אִיז נִגְזַר גֶעוָוארֶען מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אַז אִיךְ זָאהל נִיט עֶנְטְפֶערְן אָמֵן אויף דֶער בְּרָכָה צוּם קְלִיף, אוּנ מֶען זָאל מִיר דַן זַײן, אוּנ דִיא יְהוּדִים פוּן דֶער מְדִינָה אַרויסְטְרַײבֶּען.

דֶער כְּלַל אִיז עֶס אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ צוּ זֶעהְן וִויא וַוײט דִיא הַשְׁגָחָה פוּן הַשֵּׁי״ת אִיז גְרויס אויף יֶעדֶער מַעֲשֶׂה פוּן מֶענְשֶׁען אוּנ מֶען טָאר נִיט מִתְרַעֵם זַײן ח״ו אויף זַײן הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה, אוּנ דוּא לִיבֶּער חָבֵר, זָאלְסְט פֶערְזָאגֶען דַײנֶע קִינְדֶס קִינְדֶער אוּנ אַלֶעמֶען וִויא וַוײט מֶען דַארְף זִיךְ הִיטֶען צוּ עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, אוּנ דֶער חָסִיד אִיז נֶעלָם גֶיוָוארִין פוּן אִיהם.

אַזוֹיא הָאט עֶרְצֵײלְט הַגָּאוֹן אבוהב הספרדי צוּם גאון ר׳ מרדכי יפה בַּעַל הַלְבוּשִׁים, דֶערוּם הָאבּ אִיךְ דִיר אִין חֵרֶם אַרַײנְגֶענוּמֶען וַוײל אִיךְ הָאבּ דִיר זֶעהר לִיבּ, כְּדֵי דוּא זָאלְסְט זִיךְ וַוײטֶער הִיטֶען, אוּנ אִין דַײנֶע דְרָשׁוֹת זָאלְסְטוּ מַזְהִיר זַײן מֶען זָאהל הִיטֶען עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, אוּנ אמן יהא שמיה רבא, וָוארוּם דָאס אִיז פוּן דִיא זַאכֶן וָואס שְׁטֵײעֶן בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם.

# כט.

דֶער הָאַרִ״י הקדוש הָאט גֶעהַאט אַײן שְׁוֶועסְטֶער, וָואס הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גֶעהַאט, הָאט זִיא שְׁטֶענְדִיג גֶעזָארְגְט אוּנ גֶעוֵויינְט, אַײן מָאל הָאט זִיא זִיךְ בֶּעטְרַאכְט צוּא בֶּעטֶען דֶעם בְּרוּדֶער, עֶר זָאהל אִיהר בֶּענְטְשֶׁען, וֶועט זִיא גֶעוִויס גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען, נוּר דֶער הָאַרִ״י הקדוש הָאט אִיהר נִיט גֶיעֶנְטְפֶערְט, נוּר וַוייל זִיא הָאט גֶעשְׁרִיעֶן מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין אוּנ הָאט פִיל רַחֲמִים גֶעבֶּעטֶען, הָאט עֶר אִיהר גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז אויף דֶעם צְוַוייטֶען יָאהר וֶועט זִיא הָאבֶּען אַײן קִינְד אַײן גְרוֹיסֶען תַּלְמִיד חָכָם, נוּר וַוייל דָאס קִינְד אִיז נִיט קֵיין נַאטִירְלִיכֶע נוּר עַ״פּ נֵס, טָאר מֶען זִיךְ מִיט אִיהם נִיט בֶּערִיהמֶען, כְּדֵי אִיהם זָאהל אַײן עַיִן הָרָע נִיט שַׁאדֶען, זִיא הָאט דָאס קִינְד גֶעבָּארֶען אוּנ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַײן עִלּוּי אִין לֶערְנֶען הָאט זִיךְ דֶער פָאטֶער מִיט אִיהם שְׁטַארְק

מתפאר

מִתְפָּאֵר גֶעוֶוען אִיז עֶר בַּאלְד טוֹיב גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט גָאר נִיט גֶעְ-הֶערְט, אִיז זִיא גֶעקוּמֶען צוּם בְּרוּדֶער האר״י הקדוש הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט עֶנְטְפֶערְן וַוייל זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעהִיט זַיין פֶּערְזָאג, נוּר זִיא הָאט גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע גְוַואלְדֶען אוּנ הָאט זֶעהר פִיל גֶעקְלָאגְט בִּיז דֶער האר״י הקדוש הָאט אִיהם גֶעבֶּענְשְׁט, אִיז עֶר גֶעוָוארֶען גֶעזוּנְד וִויא פְרִיהֶער אוּנ הָאט אִיהר שְׁטַארְק אַיינְגֶעזָאגְט אַז זִיא זָאהל זִיךְ מִיט אִיהם נִיט בֶּערִיהמֶען, וַוייל דָאס קִינְד מוּז זַיין גֶעלְם (פֶערְבָּארְגֶען) וִויא וַוייט מִיגְלַאךְ.

דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין אַלְט גֶעוֶוען צֶעהֶען יָאהר אִיז עֶר גֶעוֶוען זֶעהר גְרוֹיס אִין לֶערְנֶען, הָאט זִיךְ דִיא מוּטֶער נִיט גֶעהִיט מִיט דֶעם פֶּערְזָאג פוּן האר״י הקדוש אוּנ הָאט זִיךְ שְׁטַארְק בֶּערִיהמְט אַז אִיהר קִינְד וַואקְסְט אַיין גָאוֹן עוֹלָם וּכְדוֹמֶה, אִיז עֶר בַּאלְד בְּלִינְד גֶעוָוארֶען אוֹיף בֵּיידֶע אוֹיגֶען, הָאט דִיא מוּטֶער וַוייטֶער גֶעוַויינְט אוּנ גֶעקְלָאגְט טָאג אוּנ נַאכְט, דֶער פָאטֶער אִיז פוּן צַעַר שִׁיער נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען, דֶען קוּים וָואס זַייא הָאבֶּען זוֹכֶה גֶעוֶוען אַזוֹיא אַיין קִינְד, יֶעצְט אִיז עֶר בְּלִינְד עֶרְגֶער וִויא גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּנ צוּם האר״י הקדוש הָאט זִיא זִיךְ גֶעשֶׁעמְט קוּמֶען, וַוייל זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעהִיט זַיין הֵיילִיגֶען פֶּערְזָאג, צוּם עֶנְדֶע הָאט זִיא גֶענוּמֶען דָאס קִינְד אוּנ הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט צוּם האר״י הקדוש אוּנ פוּן הַרְפָּה אִיז זִיא אַלֵיין אַנְטְלָאפֶען.

דֶער האר״י הקדוש הָאט אִיהם אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט זַיינֶעם אַיין צֶעטִיל צוּא אַיינֶעם פוּן דִיא קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, דָארְטֶען הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה נִגְלֶה אוּנ נִסְתָּר מִיט גְרוֹיס קְדוּשָׁה וְטַהֲרָה, נוּר אַלְץ גֶעלְם אוּנ פֶערְבָּארְגֶען, דָארְטֶען אִיז זַיינֶע אוֹיגֶען שׁוֹין לִיכְטִיג גֶעוָוארֶען אִין דֶער תּוֹרָה אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען שְׁרֶעקְלִיךְ גְרוֹיס אוּנ הֵיילִיג בִּקְדוּשַׁת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, נוּר וִויא עֶר הָאט גֶעוואוּקְסְט אַז מֶען קָאן אִיהם שׁוֹין מֶעהר נִיט פֶערְבָּארְגֶען, דֶען דִיא גְרֶעסְטֶע לַייט הָאבֶּען דֶערְשְׁמֶעקְט זַיין הוֹיכֶע מַדְרֵגָה, הָאט מֶען שׁוֹין בַּייא אִיהם גֶעפְרֶעגְט אַלֶע שְׁוֶוערֶע טִיפֶע עִנְיָנִים, אוּנ עֶר אִיז בַּאלְד מְפוּרְסָם גֶעוָוארֶען פִיר אַיין גָאוֹן עוֹלָם, הָאט מֶען אִיהם אָנְגֶעקְלֵייט אִין בְּגָדִים וִויא פוּן אַיין אָרִימֶען עַם הָאָרֶץ קְרוּעִים וּבְלוּיִים אוּנ מֶען הָאט אִיהם אַיינְגֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל דִיא בְּגָדִים נִיט אוֹיסְבַּייטֶען בְּשׁוּם אוֹפֶן, בִּיז וַואנֶען מֶען וֶועט אִיהם גֶעבֶּען רְשׁוּת, דֶער וַוייל הָאט מֶען אִיהם בֶּעשְׁטֶעלְט זַיין אַיין מְשָׁרֵת בַּייא אַיין מִילְנֶער, עֶר זָאל הַשְׁגָחָה גֶעבֶּען אוֹיף דִיא אַרְבַּייט, דֶער כְּלָל אִיז דָארְטֶען זָאל

מֶען

מען פון איהם ניט וויסען פון זיין תורה און תפלה, דער מילנער האט איהם גערעכענט פיר איין גרויסען עם הארץ, האט ער איהם פיינד געהאט, נור אז ער האט געזעהען אז עס איז פאראן גרויס מזל ברכה אין דיא מעל, זינד ער איז געקומען, האט ער געזאגט אז דיא פאריגע משרתים האבען געגנבט, און ער איז איין ערהרליכער מאן ניט מעהר.

ווייט פון דעם געגענד איז געוועזען איין גרויסער רב, האט ער געהאט איין טאכטער זעהר איין שיינע און איין צנועה, האט דער רב ניט געקאנט צוקלייבען פיר איהר איין שידוך, ווייל דער רב איז געוועזען איין גאון און איין גביר דער צוא איין גרויסער יחסן, דער רב און דיא רבנית זיינען אויסגעגאנגען פון צער. פלוצלונג איז געקומען דער פאטער פון רב (אויך איין גרויסער צדיק וקדוש) אין חלום צום רב און צוא דער רבנית און צוא דער טאכטער מיט איין שרעקליכין פארשטעלונג, אז זייא זאהלען נעמען דעם משרת פון דעם מילנער פיר איין חתן, און זייא זאהלען ניט משנה זיין, ווארום ער איז איהר זווג מן השמים, און אויב ניט דארף דיא טאכטער שטאר-בען ח"ו.

דער רב מיט דער טאכטער זיינען באלד אוועק געפאהרען צום מילנער זעהן דעם משרת, דאס הארץ איז זייא געוועזען צוקלעמט און פערוויינט, נור עס איז דאך אלעס מן השמים, זייא זיינען געקומען צום מילנער, וויא זייא האבען ערזעהן דעם משרת זיינען זייא נשתוממים געווארען, זיין גאנג און זיין געשפרעך איז געוועזען וויא איין פרא אדם, דער רב פרעגט בייא איהם אויב ער קאן עטוואס לערנען, זאגט ער ער איז איין יתום געבליבען. און אז מען וואלט מיט דיר לערנען וואלכטו וועלען? יע, איך וויל לערנען זאגט דער משרת. זאגט דער רב צוא איהם נעהם מיין טאכטער פיר איין ווייב וועל איך מיט דיר לערנען און איך וועל דיר בעקליידען. ענטפערט דער משרת לערנען וועל איך, נור איבערבייטען דיא קליידער וועל איך ניט. דיא כלה האט געבאך געוויינט נור פערפאלען.

וויא זייא ווילין איהם נעהמען מיט זיך, האט דער מילנער מיט דער ווייב געמאכט איין רעש, זייא וועלען איהם ניט לאזען. ער איז איין מזל ברכה בייא זייא, ביז וואגען דער רב האט זייא געגעבען הונדערט גאלד רענדלאך האבען זייא איהם אבגעלאזען, זייא זיינען

געקומען אין שטאט, דיא רבנית מיט דיא ראשי הקהלה זיינען ארויס־געגאנגען מקבל פנים זיין דעם רב מיט דעם חתן וכלה, וויא דיא רבנית האט איהם ערזעהען אין שמוציגע ווייסע קליידער פון דיא מעל איז זיא אין אונמאכט געפאלען, מען האט איר קיים אבגערעטירט, מיט דער האפנונג אז ער וועט בעסער ווערין, דיא כלה האט געוויינט אונ האט געבעטען ער זאהל אמווייניגסטען איבער בייטען דיא קליידער, נור ער זאגט ער קאן דאס בשום אופן ניט טאהן.

האט דער רב פערזאמעלט צעהען תלמידי חכמים אונ זייא זאגין: דער זווג איז מן השמים, נור וויא אזויא ביסטו מבייש דעם רב מיט דער רבנית אונ דער כלה צוא געהן אין בגדי עם הארץ? מיר וועלען גוזר זיין איין חרם אז דוא מוסט זיך איבערטאהן. וויא ער האט דערהערט דעם ווארט חרם, האט ער געגעבען איין געשרייא איהר וועט ניט גוט אבשניידען פיר דעם חרם אונ איהר ווייסט ניט ווער איך בין. דיא ווערטער האבען זייא שוין געגעבען איין געפיהל אז ער מוז זיין איין סחורה, עס האלט שוין בייא דער חופה אונ ער געהט אלץ אין דיא זעק אונ קאדער געקליידעט, דיא געוויין פון דער רבנית מיט דער כלה איז געוועזען אהן איין שיער, מען האט זיך שוין צוגעגרייט צוא דער חופה, פיל גרויסע לייט קרובים זיינען אויפגעקומען אונ ער געהט וויא איין פרא אדם אונ מען ווייס ניט פון וואנען ער שטאמט, עס איז איין יאמער אונ איין גוואלד.

פלוצלונג גייט אריין איין פאסטוך מיט איין לאנגען שטעקין געקליידעט וויא איין בויערמאן פונקט וויא דער חתן, אונ פרעגט וויא זעהט מען דעם חתן. וואס איז מיט אייך איין שייכות דער חתן פרעגען דיא מחותנים. ער איז מיינער איין חבר, מיר האבען געדינט בייא איין בעל הבית. איז וויטער געווארען איין קלאג בבית הרב, ער האט דערזעהען דעם חתן האבען זייא זיך געקושט וויא ברידער, זאגט דער חתן צוא דער רבנית גיט איהם עסען ער איז מיינער איין חבר. דיא רבנית האט געווישט דיא טרערען, אונ האט איהם גיגעבין איין שיינע סעודה. זאגען דיא מחותנים צום פאסטוך, אז איהר זייט זע זיינער איין חבר, בעט איהם ער זאל דיא קליידער איבערבייטין, איהר זייט דאך איין יהודי מזרע אברהם, האט רחמנות אונ זאגט איהם ער זאהל ניט זיין איין ווילדער עקשן, דיא כלה איז שיער קראנק געווארען פון צער. זאגט דער פאסטוך, ליעבע מחותנים, איהר

װעט שױן מֶעהר נִיט לַײדֶען, אָנְשְׁטָאט אַײעֶר צַעַר װָעט אִיהר הָאבֶּען טױזֶענְדֶער מָאל מֶעהר נַחַת, אוּנ אַז אִיךְ בִּין דָא, בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען מַאכֶען פְרֵײלִיךְ, װֶעט אַלֶץ זַײן רֶעכְט.

נִיט דִיא זַײדֶענֶע בְּגָדִים װָאס אִיהר הָאט צוּגֶעגְרֵײט צוּא דֶער חוּפָּה, בַּאלְד הָאט דֶער פַּאסְטוּךְ צוּגֶערוּפֶען דֶעם חָתָן אוּנ זָאגְט: יֶעצְט הָאסְטוּ שױן רְשׁוּת נִתְגַלֶה װֶערְדֶען, אוּנ הָאט אִיהם אָנְגֶעקְלֵײדֶעט דִיא זַײדֶענֶע בְּגָדִים, הָאט עֶר גֶעשַׁײנְט װִיא דִיא זָאנֶע, עֶס אִיז גֶעװָארֶען שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה בְּבֵית הָרַב, מוּזִיק הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁפִּילֶען, אוּנ דִיא שְׁכִינָה הָאט גֶערוּהט אױף דֶעם חָתָן, מֶען װִיל שױן שְׁטֶעלֶין דִיא חוּפָּה, זָאגְט דֶער פַּאסְטוּךְ, הַײלְט זִיךְ נִיט, עֶס דַארְפֶען קוּמֶען שֵׁײנֶע מְחוּתָּנִים, בְּקִיצוּר מֶען װַארְט בִּיז הַאלְבֶּע נַאכְט, דִיא זַײטִיגֶע קְרוּאִים הָאבֶּען נִיט גֶעקָאנְט זִיךְ עֶרְװַארְטֶען, זַײנֶען זֵייא צוּא גַאנְגֶען, עֶס זַײנֶען נָאר גֶעבְּלִיעבֶּען דִיא גְרױסֶע לַײט װָאס הָאבֶּען אַײן זְכִיָה צוּא זֶעהן אַלֶעס, פְּלוּצְלוּנְג אַײן קַארֶעטֶע פֶּארְט, הָאט דֶער פַּאסְטוּךְ גִיגֶעבִּין אַײן גִישְׁרֵײא: בָּרוּךְ הַבָּא! דֶער האר״י הקדוש אִיז דָא! עֶס זַײנֶען גֶעקוּמֶען דֶער האר״י הקדוש מִיט נָאךְ קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, אױךְ דִיא מוּטֶּטער פוּן חָתָן, הַיינוּ דִיא שְׁװֶעסְטֶער פוּן האר״י ז״ל אוּנ עֶס אִיז גֶעװָארֶען דִיא שִׂמְחָה זֶעהֶער גְרױס.

דֶער רַב מִיט דֶער רַבָּנִית אוּנ דִיא כַּלָּה הָאבֶּען גֶעזֶעהן אַז זַײעֶר צַעַר אִיז גֶעװֶען אוּמְזָאנְסְט, דֶען דֶער חָתָן שְׁטַאמְט פוּן קדושי עליון אוּנ דֶער חָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַײן דְרָשָׁה אִין נִגְלֶה וְנִסְתָּר קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, דֶער רַב הָאט אִיהם גֶעקוּשְׁט, יֶעצְט הָאבֶּען זֵייא בֶּעמֶערְקְט אַז דֶער חָלוֹם אִיז גֶעװֶען אַײן טְהֵייל פוּן נְבוּאָה, אַז דָאס אִיז אִיהר זִוּוּג מִן הַשָּׁמַיִם, דֶער האר״י הקדוש הָאט עֶרְשַׁײנְט מִיט זַײן קְדוּשָׁה אױף דֶער שִׂמְחָה אִיז דָאס גֶעװֶען מֵעֵין עולם הבא, אוּנ דֶער פַּאסְטוּךְ הָאט מְשַׂמֵּחַ גֶעװֶען חָתָן וְכַלָּה מִיט אַזֶעלְכֶע גַײסְטְלִיכֶע פֶערְגֶענִיגֶען װָאס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ גָאר נִיט אױף דֶער װֶעלְט, מֶען פֶערְשְׁטֵײט דָאךְ יֶעצְט װֶער דֶער פַּאסְטוּךְ אִיז גֶעװֶען. דִיא גֶעשִׁיכְטֶע גֶעפִינְט זִיךְ אִין סִפְרֵי צַדִּיקִים זֶעהר בַּאֲרִיכוּת, נוּר מִיר הָאבֶּען מְקַצֵר גֶעװֶען מֵחֲמַת פִיל טְעָמִים.

דיא

# ל.

דיא טומאה פון כישוף וואס אין דער פאריגער צייט האט נאך עקסעסטירט אין אזיא גאנץ שטארק, עס פלעגט טאן שרעקליכע מעשים בייא דיא טערקישע אונ אראבישע פרויען, פיל גאנצע פאמיליעס פלעגען זיך פערטיפען אין פינסטערע קונצין, אונ מען פלעגט פיר זייא ציטערין וויא פיר פייער, פילייכט טוהען זייא אב איין כישוף, אונ דיא טערקישע רעגירונג האט זייא ניכט געקאנט מבער זיין, ווייל דיא שוטרים זעלבסט האבען זיך געשראקען פיר זייא, אונ דערהויפט פלעגען זייא ווארפען איין שרעק אויף קליינע קינדער, אז זייא שטארבין נור וואס זייערע עלטערן האבען זיך ניט אונטערגעדריקט אונטער דיא מכשפים, נור בייא יהודים איז דאך כישוף קענסט ניטא, כמו שכתוב כי לא נחש ביעקב וגו׳, דאך האט זיך בייא דעם פראסטען גאראד געפונען פיל וואס האבען זיך געשראקען פיר כישוף, אונ האבען פיל געלד געגעבען דיא מכשפות, אז זייא זאהלען לעבען מיט זייא בשלום אונ ניט מזיק זיין זייערע קליינע קינדער.

נור וויא עס האט ערלויכטען דיא היילינע חכמה פון האר״י הקדוש אויף דער וועלט, איז פון דעם המון יהודים פערלאשען געווארען דיא פינסטערע שרעקין, דען מיט זיין געטליכע הנהגה אונ זיינע טעמי המצות וואס ער האט ערקלערט, האט זיך דיא יהודים דיא אויגען גיעפענט, בייא דער קדושה פון דער תורה איז בטל ומבוטל דיא אלע כחות הטומאה, אונ דער כישוף שרעק איז צושטערט געווארען פון זייא, ביז וואנען זייא האבען געלאכט, אז אומזאנסט האבען זייא זיך געשראקען, דער נאך האבען דיא חכמי האומות אויך אוועקגעווארפען דיא נארישע שרעק, ווייל אין אלע מדינות וואס מען האט נור געהערט זיין היילינע חכמה אונ זיין גרויס פילוסופיא האט מען דעם האר״י געהאלטען וויא איין מלאך פון הימעל אונ זיינע רייד האט מען פערגעטערט.

אין ס׳ נשמת חיים ווערט געבראכט איין וואונדערליכע געשיכטע, וויא דורך אזויא איין מעשה האט איין גרויסער חכם מציל געווען יהודים פון גרויסע צרות, וכך הי׳ המעשה, אין דער שטאט וואלאדוליד אין מדינת קאסטיליע איז געווען איין קעניג דון אפינכו דער עלטער, האט ער גענומען פיר איין פרויא דונע מאריע דיא טאכטער פון פורטיגאלישען קעניג דון אפינסו דער פירטער, אונ זיא איז געווארען איין קעניגין,

בשנת

בשנת חמשת אלפים פ"ט, נור דער קעניג האט איהר פיינד געהאט, אונ ער האט זעהר געליבט דיא גרעפין דונע ליאוניר, זיא האט געפאנגען זיין הארץ, אונ האט אימער מיט איהר פערברארט, אונ זיא האט מיט געבראכט אז דער קעניג זאהל פיינדען דיא קעניגין תכלית שנאה, געוואונליך האט איהר פאטער דער פורטוגאלישער קעניג אנגעווענדעט אלע מיטלען אז דער קעניג זאהל איהר ליעבען, נור עס האט ניט געהאלפען, דען ער איז געוועזען צוגעבונדען מיט זיין גאנצען לעבען צוא דער ארורה דונע ליאוניר, נור ווייל דער קעניג האט געפיינדעט דער קעניגין, האט גאטט אויף איהר זיך ערבארעמט אונ זיא איז שוואנגער געווארען.

אלס עס איז געקומען דיא צייט פון איין קינד געבארען, זיינען געוועזען איהרע שמערצען שרעקליך גרויס, צעהן טעג אהן אויפהער איז זיא געגאנגען צוא קינד, אונ האט בשום אופן ניט געקאנט געבארען דאס קינד, דיא קעניגין איז געוועזען זעהר קראנק צום שטארבען, אונ קיין דאקטאר האט ניט געקאנט העלפען, ווייל דיא גרעפין דיא ארורה האט געבראכט איין אראבישע מכשפה, אונ האט בייא איהר אין צימער מיט דיא הענד געדריקט איין צויבער קונסט, אונ דאס האט ניט געלאזען דער קעניגין דאס קינד געבארען, נור טויטליבע שמערצין געבראכט.

גראדע אין דעם קעניגליכען הויף איז געוועזען איין אידעשער דאקטאר, דער בעריהמטער וועלט חכם רבי יצחק הישראלי (דער תלמיד פון רבנו הרא"ש ז"ל), וויא ער האט גוט בעטראכט דיא שרעקליכע לאגע פון דער קעניגין, אונ דער קעניג זעלבסט האט שטארק געוויינט אונ מיט דיא הענד געבראכען, אז ער וועט דא פערלירען דיא קעניגין מיט זיין קעניגליכע קינד צוזאמען, זאגט דער דאקטאר, דאס איז ניט קיין נאטירליכע זאך, נור דא עקסעסטירט איין שרעקליכער צויבערקונסט, האט ער געגעבען איין עצה אז דער קעניג מיט אלע שרי המלוכה זאהלען אלע ארויסגעהן פון דעם צימער, נור דער דאקטאר מיט איינגע פרויען וואס דארפען זיין בייא איהר צוא געווינען, זאלען דא פערבלייבען, אונ דיא פרויא וואס זיא וועט דיא ערשטע אנזאגען דעם קעניג פון איהר געווינען זאל דער קעניג איהר בעלאהנען מיט פיל עשירות אונ גרויסע טהייערע מתנות, אונ אין אלע מהורעמס פון

שטאט

שטאט זאהל מען קלינגען מיט גרויס פאראד אויף דעם קעניגס מזל טוב, אונ אזויא איז געוועזען.

אלע זיינען אוועק פון דעם צימער, אין איין קורצע צייט ארום האט דער דאקטאר געגעבען איין געשרייא צוא דיא פרויען מזל טוב, דיא קעניגין האט איין קינד געבארען, (דאס איז נור איין המצאה געוועזען) אייניגע פון דיא פרויען איז ארויסגעלאפען וויא איין פייל פון בויגען אנצוזאגען דעם קעניג דיא גוטע בשורה, כדי צוא בעקומען דיא מתנות, דיא רגע איז איין קוריער פון קעניג געלאפען בענאכריכטין דעם מזל טוב אין עיר מלכותו, אלע טהורעמס האבען געקלונגען, אלע פויקען מיט טראמפעטין האבען געשאלט, פיר דעם קעניגס טעמפעל האבען מוזיקער געשפיעלט איין גראטילאציאן ברכה. דיא גאנצע שטאט מיט דיא איינוואהנער האבען זיך געפרייט, געטאנצט פון שמחה, איין קראנפרינץ איז געבארען.

וויא דיא בשורה איז געקומען פיר דער גרעפין הארורה דונע ליאוניר, איז זיא אויפגעציטערט געווארען, אונ איז באלד אריינגעלאפען צוא דער אראבישע מכשפה אונ האט אויף איהר דיא וועלט געקעהרט וויא אזויא האט זיא איהר גענארט, דען זיא האט איהר צוגעזאגט פיל געלד אז זיא זאהל אומברייגען דיא קעניגין מיט דאס קינד צוזאמען, זאגט דיא מכשפה: ליעבע פרינצעסין, איך האב געטאהן דעם צויבער קונסט זעהר גוט, דיא קעניגין האט זיך נאך געדארפט מאטערן אייניגע טעג אונ שטארבען מיט דאס קינד, נור אז דא האט זיך גאט אריינגעמישט צושטערן מיין קונץ, וואס קאן איך העלפין, (זיא האט ניט געוואוסט אז פון גאטט איז געוועזן דיא עצה דורך דעם דאקטאר).

פון צארן האט זיא ארויסגעווארפען דיא צויבערקונסט וואס זיא האט געדריקט מיט דיא הענד, וויא באלד זיא האט דאס ארויסגעלאזען פון דיא הענד, האט באלד דיא קעניגין איין קינד געבארען, דיא אויגען האט זיך איהר געעפענט, אונ זיא איז נצול געווארען פון טויט, געוואהנליך איז דיא מכשפה מיט דער פערפלוכטער גרעפין שטרייננג בעשטראפט געווארען פון מלוכה. דיא געשיכטע האט זעהר פיל נוצען געבראכט פיר דיא יהודים אין מדינת קאסטיליע אונ פורטיגאל, וואס יודישע לאגע איז זעהר קריטיש געוועזן, אונ צוליעב דעם חכם דר׳ יצחק הישראלי, זיינען דיא יהודים ארויס פון חשך לאור.

דער

דער גאון ופילוסוף מנשה בן ישראל האט דיא געשיכטע אליין גיזעהן אין דער קעניגליכע ארכיוו ממדינת פורטיגאל.

# לא.

איין מאל האט דער האר"י הקדוש געלערנט מיט דיא תלמידים חכמת הקבלה אין דעם היילינען ספר הזוהר, וויא עס איז געקומען צום דף נ"ה אין סדר ויקרא האט ער זייא ענטדעקט זעהר פיל סודות וואס עס איז געוועזען שרעקליך צוא הערען וויא איינער פון דיא נביאים, אונ בשעת ער פלעגט מיט זייא לערנען, פלעגען פייערדיגע זיילען בעלייכטען, דען מלאכים פלעגען קומען הערען סודות התורה וואס איין ילוד אשה וייס פון הימעל מיט זיין היילינע נשמה, דיא מלאכים פלעגען זייא היטען פון אלע אונגליקען וואס טרעפט אין וועלדער אונ מדבריות, נור איין זאך האט זייא דער האר"י הקדוש ניט געוואלט ענטדעקען ווייל דאס איז צוא הויך פיר זייא, האט דער גרעסטער פון דיא תלמידים ר' חיים וויטאל הקדוש אנגעהויבען איהם שטארק צוא בעטען, זאגט דער האר"י: ליעבער תלמיד, ניט בעט דאס בייא מיר, וואָרום ווען דוא וועסט שטארק בעטין, וועל איך דאך מוזען מגלה זיין דיר, (ווייל אזויא בין איך פערזאגט פון הימעל ניט צוא פערמיידען פון דיר דיא עניני התורה), איז גלייכער דוא זאהלסט ניט פרעגען, וואָרום דאס איז איין גרויסע סכנה, אדער אז איין מענש זאהל לעבין טויזענדער יאהר קאן ער ניט פארשטעלען דיא מתיקות אונ דעם אנגענעהמען געפיהל וואס דער מענש האט, ווען ער לערנט דיא סודות התורה הקדושה.

האט ר' חיים וויטאל אנגעפאנגען שטארק וויינען אונ זאגט: היילינער רבי! וואס קאן מעהר זיין איין סכנה וויא שטארבען אהן דיא ענטדעקונג פון דיא סודות התורה, דען דאס איז בייא אונז טהייערער וויא דער גאנצער לעבען, ניט ווילענדיג האט דער האר"י הקדוש איהם מגלה געוועזען דעם סוד פון דעם פערבארגענעם ענין, אין איין רגע ארום האט דער האר"י געגעבען איין ביטערין קרעכץ אונ זאגט: אין דער רגע איז אויף מיר ארויס איין שרעקליכע גזרה אין הימעל, אז דיא בוים וואס קאן ניט אין טראגען איהרע פיעל פירות זאהל

זיא דעם יאהר אבגעהאקט ווערען, דאס הייסט ער (דער האר"י) מוז דעם יאהר שטארבען, ווייל ער קאן ניט איינהאלטען דיא געטליכע סודות ביא זיך, אונ דוא מיין ליבער תלמיד, האסט געבראכט דיא גזרה רעה, דען איך האב דיר געבעטען דוא זאלסט מיר ניט דריקען צוא מגלה זיין דיר איין זאך וואס קיין ילוד אשה ביז היינט האט דאס ניט געוואוסט, פיר מיר זארג איך ניט וואס איך וועל אוועק געהן אין דער יוגענד פון דער וועלט, דען דיא נארישע וועלט איז גיטא וואס צוא זאלעווען, איין סעקונדע פון עולם הבא (צווישען לעבען) איז פיל טהייערער פיר פיל טויזענדער מענשליכע פערגעניגען אויף דער וועלט, נור מיין זארג איז וואס איך וועל אייך ניט קענען לערנען דיא סודות התורה אונ ארויפברייגגען אייערע נשמות אויף איין גרויסע מדרגה וויא איך האב גערעכענט, איהר וועט בלייבען וויא שאף אהן איין פאסטוך.

דער האר"י הקדוש האט פערשווארען ר' חיים וויטאל מיט איין שרעקליכע שבועה, ער זאהל קיינעם ניט מגלה זיין דעם סוד וואס ער האט איהם געזאגט, אפילו דיא תלמידים אויך ניט. אלס דיא תלמידים האבען ערהערט דיא שרעקליכע גזרה האבען זייא געוויינט מיט איין ביטערע שטימע, אונ האבען חרטה געהאט וואס זייא האבין געבעטען ר' חיים וויטאל ער זאהל פרעגען. זאגט דער האר"י הקדוש: ליעבע קינדער, עס איז נאך ניט פערלארען אונזער האפנונג, אויב איהר וועט לערנען תורה לשם שמים מיט גרויס קדושה וטהרה, אונ עס וועט זיין שלום ביא אייך, קאן נאך דיא גזרה בטל ווערען, דיזע רייד האבען זייא דיא אויגען געעפענט אונ מיט פיעל פרייד האבען זייא צוגעזאגט דעם האר"י הקדוש, ערפילען זיין וואונש, נור עס זאל לעבען דיא קריין פון זייער קאפ.

# לב.

אין דעם משך פון דער צייט האט מען ערקאנט אויף זיין היילינגען געזיכט, וואס דיא שכינה פלעגט אויף איהם רוהען, אונ האט געשיינט וויא דיא זאנע, דאס איין טרויערדיגער וואלקין פערוואלקענט איהם. איין מאל איז ער געגאנגען אויף דיא קברים פון דיא תנאים

שמועה

שמועיה אונ אבטליון אין גוש־חלב מתפלל זיין אויף דעם כלל ישראל, האט ער געזאגט פון דיא תנאים וועגען אז דיא תלמידים זאלין מתפלל זיין אויף משיח בן־יוסף ער זאל ניט שטארבען אזויא גיך, האבין דיא תלמידים ניט פערשטאנען אז ער וויינט דאס אויף איהם אליין אז זייא זאהלען מתפלל זיין אז דער האר״י הקדו״ש זאהל נאך לעבען, זיין היילינע הארץ פלעגט איהם זאגען וויא איין נביא אז זיינע צייטין זיינען געציילטע, נור צוליעב זיין גרויס ברעגענדיגען געפיהל אין תורה אונ מעשים טובים מיט גרויס קדושה האט ער אלין פערגעססען אונ הונ־דערטער מענשען האט ער מחזיר בתשובה געווען, זייא פלעגען קומען צוא איהם פלעגט ער צוא זייא זאגען חדר לפנים מחדר אלע עבירות וואס זייא האבען געטאהן, ער האט ערקאנט פון צלם אלקים (דעם געטליכען געשטאלט וואס אויף דעם מענשען איז) אלעס וואס ער האט געטאהן צוא גוטעס צוא בייזעס, אונ ער פלעגט זייא געבען געגען זייערע זינד תשובות מיט וואס זייא קאנען פערדריבטען אלעס. גאונים אונ צדיקים האבען געזאגט אז דער אונגליק פיר יהודים איז געווען וואס ער האט ניט געלעבט אין ארץ ישראל נאר קנאפע צוויא יאהר, אז ער וואלט נאך געלעבט אייניגע יאהר, האט דער מענש געהאט איין גרויסין קראפט מחזיר בתשובה זיין דעם גאנצען אידישען פאלק אויף דער גאנצער וועלט אונ ער וואלט געוויס ברייגגען דיא גאולה, פון איהם האט מען גאר ניט געקאנט פערלייקענען.

# לג.

דער גאון ר׳ משה גאלאנטי ז״ל, דער רב פון צפת האט ערציילט פאר דיא חכמי הדור אז וויא דער האר״י הקדוש איז געקומען אויף דעם קבר פון דעם היילינען תנא רבי יהודא בן אילעאי מתפלל זיין, האט ער געזעהען וויא אויף איין בוים שרייט איין קרא (ראבע) זעהר מיט איין פראכטיגע שטימע איבער נאטירליך גאר אן אויפהערונג אונ פליט אלין פון איין ארט אויף דעם צווייטען פונקט וואו דער האר״י הקדוש איז געשטאנען, עס ווייזט אויס אז ער רעט געגען דעם האר״י אונ בעט עטוואס בייא איהם מיט גרויס תחנונים אונ קעהרט זיך ניט אב פון איהם. זאגט דער גאון גאלאנטי, רבי! וואס קאן דאס

זיין

זיין, עס פאלט איין פחד צוא הערען זיין שטימע. זאגט דער האר"י הקדוש צו אים רבי! איר האט דאך געקאנט דעם מענשן שעפסיל מוכסניק (ער האט אבגעדונגען בייא דער טירקישער מלוכה צוא איינמאנען צינזען אונ פאדאטקעס פון יהודים), ער איז געוועזן איין גרויסער אכזר אונ איין רשע, ער פלעגט פון דיא ארעמע לייט דיא לעצטע בגדים מיט דער הויט פון לייב אראבציהען (וואס דיא מלוכה האט דאס גאר ניט פערלאנגט) אונ האט אויף זייא געמאכט בלבולים, ער איז ניט לאנג געשטארבען, ליגט יעצט זיין נשמה אין גרויס צער אין דער קרא, אונ יעצט בעט ער מיך, איך זאל מתפלל זיין אויף איהם.

נור דער האר"י הקדוש האט געגעבען איין געשרייא: „אוועק דוא רשע! איך קאן אויף דיר ניט מתפלל זיין ביז איין בעשטימטע צייט", איז דער קרא תיכף אוועקגעפלויגען מיט איין ביטערע שטימע. אונ נאך אזעלכע טויזענדער געשיכטעס האבען גאונים עדות געזאגט פון איהם, ער האט מתפלל געוועזן אויף קראנקע, פלעגט ער תיכף מגלה זיין דיא תלמידים, דער וועט לעבען אונ וואס איז זיין זכות, אונ דער וועט שטארבען אונ וואס איז דער פסק פון בית דין של מעלה פיר וואס דארף ער שטארבען, ער פלעגט זאגען. אזעלכע נסתרות וואס פון פיעל דורות איז גאר ניט געהערט געווארען.

דיא תלמידים האט ער שטענדיג שטריינג פערזאגט זייא זאלען לעבען בשלום ושלוה צווישען זיך, אונ זאהלען אויך מיט איהם נאר מתפלל זיין פיר דעם כלל ישראל, אונ זייערע תפלות האט דיא וועלט גליקליך געמאכט, דען אין דער צייט האבען יודען ניט געליטען גלות אונ שמדות וויא אין פאריגע פינסטערע צייט. אונ אין פיל מדינות זייגען זייא גאר רוהיג אונ רייך געוועזען, אין דעם דור האבען דיא גרויסע תלמידי חכמים זעהר פיל תורה פערשפרייט אויף דער וועלט. דער האר"י הקדוש האט פיר אלע זיינע תלמידים איין בעזונדער שלאס, דארטען איז כמעט געוועזן וויא איין בית המקדש, וואס פון דארטין וואלט ארויס איין ליכטיגקייט פון דער הייליגע תורה וואס צוליעב דעם זכות וואלט ארויס איין השפעה אונ איין גאולה אויף דער גאנצער וועלט.

אונ פיר זייערע ווייבער אונ קינדער האט ער געהייסען מאכען גאר בעזונדערע הייזער, כדי עס זאהל ניט זיין בייא זייא קיין שום מחלוקת חס ושלום, אונ זייא זייגען אלע גיוועזן ניט ארעם פון דער

היים

הַיים, ווייל דֶער האר״י הקדוש וויא עֶר הָאט קיין הֲנָאָה נִיט גֶעהַאט חַס וְשָׁלוֹם פוּן פְרֶעמְדֶע, נוּר דֶער רייכֶער שְׁוֶוער הָאט אִיהם גֶעשְׁטִיצְט מִיט אַלְס, אַזוֹיא הָאט עֶר נִיט צוּגֶענוּמֶען קיין שׁוּם תַּלְמִיד נוּר בְּאוֹפֶן אַז עֶר הָאט חִיוּנָה בְּשׁוּפֶע פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע, וָוארוּם אִין גְמָרָא יְרוּשַׁלְמִי שְׁטֶעהט גֶעשְׁרִיעבֶּען, אַז דִיא וָואס גֶעהמֶען אַיין פְּרוּטָה צְדָקָה פוּן פְרֶעמְדֶע, טָארִין זַייא נִיט נִיצֶען מִיט דִיא שֵׁמוֹת הַקְדוֹשִׁים וָוארוּם דָאס אִיז אַיין גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

ויהי היום עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען פִינְף חֳדָשִׁים אִין דֶעם הֵיילִיגֶען שָׁלוֹם בֵּין הַתַּלְמִידִים, אִיז צוּם סוֹף אַיין פְרַייטָאג גֶעפַאלֶען אַיין גְרוֹיסֶע מַחֲלוֹקֶת (מַעֲשֶׂה שָׂטָן) צְווִישֶׁען דִיא ווייבֶּער בִּיז ווַאנֶען זַייעֶרֶע מַאנֶען דִיא תַּלְמִידִים פוּן האר״י הקדוש הָאבֶּען אוֹיךְ שְׁטַארְק בַּייא זִיךְ גֶעפִילְט דִיא מַחֲלוֹקֶת, אוּנ עֶס אִיז נִיט ווִילֶענְדִיג גֶעוָוארֶען בַּייא זַייא אַיין גְרוֹיסֶער פֵּרוּד הלבבות, פְרַייטָאג פִיר נַאכְט אִיז גֶעוֶועֶן דֶער שְׁטַייגֶער אַז דֶער האר״י הקדוש פְלֶעגְט מִיט דִיא תַּלְמִידִים מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין אִין פֶעלְד מִיט גְרוֹיס קְדוּשָׁה אוּנ פַייעֶרְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, אַיין מָאל אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין נָאנְט בַּייא צפת אָנְגֶעקְלֵיידֶעט דוּרְךְ אִין ווַייסֶע זַיידֶענֶע קְלֵיידֶער רֵיין אוּנ שֵׁיין ווִיא אַיין מַלְאָךְ פוּן הִימֶעל אוּנ הָאט גֶעזוּנְגֶען דֶעם קַאפִּיטֶל הבו לה׳ בני אלים, וָואס אִין אִיהם אִיז פַארַאן זֶעהר גֶעטְלִיכֶע גֶעדַאנְקֶען אוֹיף דֶער גְאוּלָה, אוּנ נָאךְ הֵיילִיגֶע קַאפִּיטְלַאךְ.

הָאט דֶער האר״י הקדוש גֶעזֶעהֶען פְּלוּצְלוּנְג אַיין פַייעֶרְדִיגֶע תְּמוּנָה וָואס הָאט אִיהם עַנְטְדֶעקְט אַיין טַהַייעֶרֶע בְּשׂוּרָה פִיר דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וָואס נָאר פִיר זַייא הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועֶן, אוּנ הָאט זַיין גַאנְצֶען לֶעבֶּען מַקְרִיב גֶעוֶועֶן צוּא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, פְּלוּטְצְלוּנְג זָאגְט עֶר צוּא זַיינֶע תַּלְמִידִים: לִיעבֶּע אוּנ טַהַייעֶרֶע חֲבֵרִים*) אִיהר ווִילְט יֶעצְט קוּמֶען אִין ירושלים (פוּן צפת בִּיז ירושלים אִיז פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג מַייל, דָאס פֶערְשְׁטֵייט מֶען אַז הירך קפיצת הדרך) אוּנ דַארְפֶען ווֶעלֶען מִיר מִתְפַּלֵּל זַיין בַּייא דֶעם כותל מערבי אוּנ הַאלְטֶען דָארְט שַׁבָּת.

איינ׳יגע

---

*) עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רוּפֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים מִיט דֶעם נָאמֶען חֲבֵרִים, צוּלִיב זַיין גְרוֹיס עֲנָווֹת, נוּר מִיר שְׁרַייבֶּען אַלְס אַנְשְׁטַאט חֲבֵרִים תַּלְמִידִים ווִיא דֶער לְשׁוֹן רֶעדְט זִיךְ.

איינינע תלמידים האבען תיכף מסכים געווען און איינינע האבען געזאגט מיר וועלען פריהער אנפרעגען ביי די הויזלייטע, איז תיכף די פייערדיגע הייליגע תמונה נעלם געווארען, און דער האר"י הקדוש האט געגעבען איין קלאפ איין האנד אויף איין האנד און האט איין געשריא געטאהן: וויא איז צוא אונז, מיר האבען ניט קיין זכות ערלייזט צו ווערען פון גלות, ווארים ווען איהר אלע וואלט געענטפערט מיט איין הארץ מיר ווילען זיין אין ירושלים וואלט שוין געווען די גאולה פיר דעם כלל ישראל, יעצט איז די צייט געווען מסוגל צוא איין ישועה, נור צוליב אייער ניט פעראייניגונג (אחדות) אין דער תשובה פון קבלת שבת האט איהר דאס קאליע געמאכט, און השם יתברך וויס ווען עס וועט נאך זיין אזויא איין צייט.

די געשיכטע איז געווען מיט איין צייט פריהער, נור אין דעם פרייטאג וואס מיר האלטען ביי איהם, איז דער האר"י הקדוש געווען שרעקליך אומעדיג דעם גאנצען פרייטאג צוא נאכט צוא זיין תפלה, פרעגט איהם ר' חיים וויטאל: הייליגער רבי, וואס איז די סבה פון אייער טרויעריגקייט, אלע מאל זייט איהר דאך אין דער צייט פון תפלה זעהר פרייליך? האט איהם דער האר"י געענטפערט, איך האב געזעהען דעם גרעסטען שר הטומאה, וואס ער האט מיר געזאגט דעם פסוק גם אתם גם מלכבם תספו, דאס איז די כונה אז דער רבי מיט די תלמידים מוזען שטארבען, און דאס איז נור צוליב די מחלוקת וואס איז געווארען ביי די תלמידים, ווארום כל זמן עס איז געווען שלום צווישען זייא, האט דער שר הטומאה קיין שום שליטה ניט געהאט, און אזויא איז געווען, אין דער צייט זיינען געשטארבען פינף תלמידים און דער הייליגער מאן אייניגער פון די גרעסטע צדיקים אויף דער וועלט האר"י הקדוש, אין דעם יאהר של"ב (ער איז אלט געווען אכט און דרייסיג יאהר) זכר צדיק קדוש וטהור לברכה.

# לד.

אין דעם טאג פון זיין שטארבען, איז אריין צוא איהם אייניגער פון זיינע תלמידים רבי יצחק הכהן, זאגט איהם דער האר"י הקדוש (וויא איין נביא) אין דעם טאג מוז איך שטארבען. זאגט רבי יצחק

הכהן צוא אִיהם מִיט גְרויס גֶעוויין, רַבִּי, צוא דָאס אִיז דִיא גוּטֶע הָאפְנוּנְג וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעהָאפְט צוא זֶעהֶען גוּטֶעס, תּוֹרָה אוּנ גְרויס חָכְמָה פוּן אַייךְ הֵיילִיגֶער רַבִּי? זָאגְט דֶער האר״י הקדוש, וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוֶוען בַּייא אַייךְ וַואהרֶע שָׁלוֹם וָואלְט אִיהר גֶעוֶועזֶען גְרויסֶע צַדִּיקִים, אוּנ אִיךְ וָואלְט גֶעווִיס נִיט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אָהן דֶער צַייט, זָאג מִיר וָואס אִיז דִיא זַאךְ וָואס רבי חיים וויטאל אִיז יֶעטְצְט דָא נִיטָא? צוא דֶען אִין אַזויא אַיין צַייט גֶעהְט עֶר אַוֶועק פוּן מִיר? עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דֶער האר״י הקדוש הָאט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְגֶעבֶּען אֵיינִיגֶע נֵייטִיגֶע סוֹדוֹת צוא ר׳ חיים וויטאל, נוּר עֶר אִיז אַוֶועק תְּפִלָּה טָאהן מִיט גְרויס גֶעוויין אויף דִיא קְבָרִים פוּן דִיא גְרויסֶע צַדִּיקִים אַז דֶער האר״י הקדוש זָאהל נִיט שְׁטַארְבֶּען.

פְרֶעגְט רבי יצחק הכהן וָואס זָאלֶען מִיר טָאהן וַוייטֶער? הָאט עֶר אִיהם אַזויא גֶעזָאגְט, דוא זָאהלְסְט, מַיין קִינְד, זָאגֶען צוא דִיא אַלֶע חֲבֵרִים, אַז פוּן הַיינְט אָן אוּנ וַוייטֶער זָאהלְט אִיהר אַלֵיין נִיט לֶערְנֶען דִיא חָכְמַת הַקַּבָּלָה אוּנ אִיהר זָאהלְט זִיךְ נִיט בֶּענוּצֶען מִיט דִיא שֵׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים (דִיא הֵיילִיגֶע נֶעמֶען פוּן השי״ת) וָוארוּם אִיהר קָאנְט חַס וְשָׁלוֹם דִיא וֶועלְט חָרוּב מַאכֶען, אוֹיבּ אִיהר וֶועט פֶערְאִירֶען אֲפִילוּ אִין דָאס מִינְסְטֶע נְקוּדָה, נוּר אַלְס וִויא ר׳ חיים וויטאל וֶועט אַייךְ וַוייזֶען, אוּנ דַאמָאלְס זָאהל אויךְ זַיין בְּמוֹדֵי סוֹדוֹת. אִין דֶעם זָאגְט עֶר צוא רבי יצחק הכהן, גֶעהְט שׁוין אַרויס וָוארוּם אִיהר זַייט אַיין כּהן, אִיז עֶר אַרויס מִיט אַיין גְרויס גֶעשְׁרֵייא, גְוַואלְד! דִיא קְרָאנֶע פוּן אוּנְזֶער קָאפּ, דִיא זָאנֶע פוּן אוּנְזֶער לֶעבֶּען, אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי האר״י גֶעהְט שׁוין פוּן אוּנְז אַוֶועק.

זַיינֶען בַּאלְד גֶעקוּמֶען דִיא גְרֶעסְטֶע גְאוֹנִים אוּנ צַדִּיקִים פוּן צפת אוּנ נָאךְ שְׁטֶעט זֶעהֶען אִיהם דִיא לֶעצְטֶע רֶגַע, הָאבֶּען זַייא בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעקָאנְט זֶעהן זַיין הֵיילִיגֶען גֶעזִיכְט, דֶען אויף זַיין גֶעזִיכְט הָאט דִיא שְׁכִינָה גֶערוּהְט, אוּנ וִויא אַיין גַייסְטְלִיכֶער פַייעֶר פוּן הִימֶעל הָאט זַיין בֶּעטִיל אַרוּמְגֶענוּמֶען, בִּיז וַואנֶען זַייא הָאבֶּען גֶעצִיטֶערְט צוא גֶעהן. זַיין הֵיילִיגֶער מוֹיל הָאט גֶערֶעט בִּיז דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט סִתְרֵי תּוֹרָה אוּנ הָאט גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק: שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד! אוּנ זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה אִיז אַרויס פוּן קֶערְפֶּער אויפְּעֶן הִימֶעל (ביום ג׳ חמשה ימים לחדש אב שנת של״ב) אוּנ טויזֶענְדֶער מַלְאָכִים הָאבֶּען אִיהר בֶּעגְלֵייט.

וויא עס איז ערוואוסט געוואָרען אין דער וועלט אַז דער האר״י הקדוש
איז געשטאָרבען איז געוואָרען פינסטער אין דיא אויגען , דיא גרעסטע
חכמים אונ צדיקים פון דער וועלט האבען געקלאגט אונ גרויסע הספדים
געזאגט , וויא פיל יאהר האט מען ניכט געקאנט פערגעסען אַז עס
איז פערלאסען געוואָרען דיא ליכט פון דער וועלט , מען האט מקבר
געוועזען זיין הייליגען גוף אין צפת ביא דיא צוויא גרעסטע גאונים
פון דעם דור (רבנו יוסף קרא דער שלחן ערוך אונ רבנו משה
קורדיוואַרי ז״ל .

דער של״ה הקדוש שרייבט , ווען ער איז געפאהרען אין ירושלים
בשנת שפ״ב האט ער אין צפת בעזוכט זייערע קברים , האט ער גע-
זעהען וויא דיא דרייא זיילין פון דער וועלט ליגען וויא איין סגל האט
ער געקושט דיא הייליגע קברים פון ליבשאפט , אונ נאך זיין טויט
האט זיך אנגעהויבען פינסטערע צייטען פיר יהודים , דען זיין זכות
האט פערהאלטען אלע גזרות אונ אלע פורעניות , אונ נאך מעהר
וויא אלס האבען דיא גרעסטע לייט פון דער וועלט אנגעוואָרען דיא
הייליגע חכמה פון קבלה , וואס אלע האבען דאמאלס זיא געלערענט
מיט פלייס , מען האט ניט געוואוסט קיין ליכטיגע שטעג וויא אריינ-
געהן אין איהר טעמפיל , נור דיא שטראַלען פון האר״י הקדוש האבען
איהר ערלייכטען , אונ נאך זיין טויט איז פינסטער געוואָרען אין דיא
אויגען פון דיא חכמים .

איין געשיכטע וועל איך אייך ערציילען צוא איין ביישפיל . אין
צפת איז געוועזען איין רב פון דיא גרעסטע גאונים אויף דער וועלט ,
דער צוא איז ער געוועזען איין בעריהמטער חכם אונ איין גרויסער עשיר ,
זיין נאמען איז געוועזען בן נון , וויא דער האר״י הקדוש איז געשטאָרבען ,
האט ער געבעטען ר׳ חיים וויטאל , אַז ער זאהל איהם מגלה זיין דיא
סודות הקבלה פון האר״י הקדוש , אונ האט איהם צוגעזאגט זעהר פיל
געלד אונ מתנות , ער האט איהם געקושט דיא הענד אונ דיא פיס ,
נור ער האט איהם ניט געוואָלט לערנען , ווייל ער האט ניט געהאט
קיין רשות פון הימעל איהם מגלה זיין , דער נאך איז רבי חיים וויטאל
אַוועק אין מצרים , איז רבי יהושע בן-נון געגאנגען נאך איהם , נאכהער
איז ר׳ חיים וויטאל געגאנגען פון מצרים אין ירושלים איז דער גאון
אויך נאך איהם געגאנגען נור ער האט איהם אלס ניט געוואָלט
מגלה זיין .

וַיְהִי הַיּוֹם אִיז רבי חיים וויטאל שְׁטַארְק קְרַאנְק גְעוֶוען אַיין לַאנְגֶע צַייט , אִיז נִגְלָה גֶעוָוארֶען צוּא ר׳ יהושע בן-נון אִין חָלוֹם אַז עֶר זָאהל יֶעצְט גֶעהמֶען דִיא אֵיינִיגֶע כְּתָבִים וָואס ר׳ חיים וויטאל הָאט זֶעהר פִיל פֶערְצֵייכֶענְט סודות הַתּוֹרָה פוּן האר״י הקדוש מִיט זַיינֶע הוֹסָפוֹת , אוּנ זָאל תֵּיכֶף אִיבֶּערְשְׁרַייבֶּען , וָוארוּם אִין דְרַייא טֶעג אַרוּם וֶועט עֶר וֶוערֶען גֶעזוּנְד , עֶר הָאט גֶעגֶעבֶּען זֶעהר פִיל מַתָּנוֹת צוּא זַיין בְּרוּדֶער ר׳ משה וויטאל , אוּנ הָאט פִיל גָאלְד צוּטֵיילְט צְווִישֶׁען הוּנְדֶערְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים , אוּנ יֶעדֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבֶּען צוּא זֶעקְס פַּאפִּירֶען , אוּנ אִין דְרַייא טֶעג אַרוּם הָאט עֶר אַוֶועק גֶעגֶעבֶּען דִיא כְּתָבִים צוּא רבי משה וויטאל , אוּנ תֵּיכֶף אִיז ר׳ חיים וויטאל גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען , אוּנ דֶער נָאךְ וִויא ר׳ חיים וויטאל הקדוש אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אִין דמשק (וִויא מִיר הָאבֶּען דָא אִין דֶעם סֵפֶר עֶרְצֵיילְט מִיט זַיין שְׁטַארְבֶּען אִין דמשק) הָאט עֶר אַלֶע כְּתָבִים פוּן זַיין רבי האר״י הקדוש , אוּנ זַיינֶע כְּתָבִים פוּן חָכְמַת הַקַּבָּלָה אִין זַיין קֶבֶר בֶּעהַאלְטֶען , אוּנ פִיל יָאהר הָאבֶּען דִיא גְרֶעסְטֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן יֶענֶער צַייט פִיל תַּעֲנִיתִים פֶערְבְּרַאכְט מִיט גְרוֹיס קְדוּשָׁה אוּנ הָאבֶּען זִיךְ פֶערְשְׁפְּרֵייט אוֹיף זַיין קֶבֶר מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין , אַז עֶר זָאהל זִיךְ בֶּעווַייזֶען צוּ זֵייא אִין חָלוֹם , בִּיז וַואנֶען רבי חיים וויטאל הָאט זֵייא דוּרְךְ אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶען חָלוֹם גֶעגֶעבֶּען רְשׁוּת אוּנ הָאבֶּען בֶּעקוּמֶען דִיא הֵיילִיגֶע כְּתָבִים פוּן זַיין קֶבֶר , הָאבֶּען זֵייא צוּגֶענוּמֶען דִיא גְרֶעסְטֶע מְקֻבָּלִים רבי יעקב צמח אוּנ רבי מאיר פאפירש אוּנ זֵייא הָאבֶּען זֶעהר גוּט אַיינְגֶעאָרְדֶענְט דִיא כְּתָבִים פוּן האר״י הקדוש , זַיין זְכוּת זָאהל מֵגֵן זַיין אוֹיף דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל , אוּנ מִיר זָאהלֶען זוֹכֶה זַיין צוּא הֶערֶען זַיינֶע סודות הַתּוֹרָה וֶוען עֶס וֶועט זַיין גאולת ישראל במהרה בימינו אמן !

* * *

* *
*

ליבע לעזער, לאמיר זיך ניט נארין אונ ניט שעמען ארויסצוגעבין דיא גרויסע קשיא (פראגע) וואס איך אין געדאנקען פרעגט זיך אליין, ווארום זינד מיר לעבען האבען מיר ניט געזעהען אליהו הנביא ז״ל, ניט אנדערש אז דאס איז נור איין נארישע פאנטאזיע וואס אלטע לייט האבען דאס גאר זיך איינגערעט, אזויא ווילט איהר געווים פרעגען, אונ אנדערע וועלין נאך גוט אבלאכען אונ וועלין איין ווארף טאהן דיא געשיכטע פון האנד, דען זייא זיינען געוואנט צוא לעזען נור ראמאנען מיט שיינע יונגע פערזאנען דורך געווארפען, זייא זאגען אז איין ליבע איז נור ליעב אונ ווייטער איז אלס פאלש אונ ניט גוט צום לעזען, דארום ביטע איך אייך, טהייערע לעזער, ווארפט אוועק אויף איין רגע אייערע לוסט לעזע אונ הערט וואס איך וועל אייך דא ערקלערן.

איין מענש דארף אלס וויסען, ער דארף אויך וויסען וואס איין מענש איז, מיט וואס ער איז אויסערוועהלט פון אלע טויזענדער מיליאנעם בעשעפענישען אויף דער וועלט איין מאל איז געקומען איין גרויסער מאלער וואס מעלט אויס טהייערע פאטאגראפיעס אונ אלערלייא מעלערייא וואס מלכים אונ שרים פערוואונדערן זיך צוא זעהען דעם קונץ, אז ער מעלט אב איין מענשען אדער איין פייגעל איז דאס פונקט וויא ער לעבט, ויהי היום עס וואר איין טאג האט ער אבגעמאלט איין פערצייטיגען אלטען מאן מיט זיין געשטאלט אונ מיט זיין גאנג וואס ער געהט, אין איין גרויסע פאר שיך אויף דיא פים אונ בוקט זיך צום נאראד, דער מעלער רופט אויס צום נאראד ווער עס וועט געפינען איין פעהלער אין מיין ארבייט קריגט ער איין שיינע מתנה!״ הונדערט מענשען האבען געזעהען דיא מעלערייא אונ האבען געפאצט בראווא, דען עס איז געוועזן קינצליך געמעלט וויא דיא וואהרע נאטור, אין דעם קומט ארייין איין פראסטער מענש אונ זאגט ניין, טהייערע מענשען, איהר ווייסט גאר ניט, דא איז פאראן איין גרויסער פעהלער אין דיא ארבייט, דען איין בענדיל פון איין שוך איז עטוואס נידעריגער וויא דער צווייטער. ריכטיג וואהר! זאגט דער מעהלער, אונ האט איהם איין שיינע מתנה געגעבען. ווער ביסטו? פרעגט דער מעלער, איך בין איין שוסטער, האט דער מבין געענטפערט, דארום בין איך איין מבין אויף איין בענדיל פון שוך.

אויף דעם צווייטען טאג האט דער קינצלער אבגעמאלט די גאנצע גאנג פון דער זאנגע מיט די לבנה, אונ פערשיידענע וואנדעל שטערן אונ קאמעט שטערן, אונ צווישען יעדער שטערן האט ער אבגעמעלט פאסקעס אונ קייקעלאך, אויך נאך אלערלייא סמנים, די גרויסע חכמים שטערן זעהר אונ גרויסע מאטימאטיקער אונ דערהויפט די גרעסטע אסטראנאמיקר האבען זיך פארין קאפ געגומען וויא זייא האבען דערזעהען די גרויס חכמה פון דעם מעלער אז בייא איהם איז בעוואוסט די גאנג פון דעם הימעל מיט איהרע שרעקליכע קאמעט שטערין, וויא פיר אונז איז בעוואוסט די שטאט וואס מיר וואנען, אונ די גרעסטע חכמים האבען געפאצט בראווא אויף זיין גרויס פערשטאנד אונ קינצליכע ארבייט.

ויהי בתוך הבאים קומט אריין דער געכטיגער שוסטער אונ בעטראכט די מעלערייא אונ האט אנגעהויבען זאגען זיין מיינונג אונ זוכען פעלערן, אז די פאסקעס זיינען ניט גלייך, די סמנים זיינען ניט וויא איהם געפעהלט, האבען אלע חכמים איהם אויסגעפייפט אונ גוט אנגעשריען אויף איהם, אונ זאגען צוא איהם: דוא פראסטער אונוויסענדער מענש, דוא קאנסט נור זיין אין מבין אויף אין בענדיל פון איין שוך ווייל דאס איז דיין גאנצע חכמה, אונ מעהר קענסט ניט (אונ דעם בענדיל האסטו אויך ניט געטראפען דען דיין אויג האפט ניט גוט, מיר זעהען דורך שפאקטיוען אז דער בענדיל איז אויך גלייך) אבער וויא קומסטו וויסען די גרויסע חכמה וואס דער מאליער האט דא געוויזען אין זיין אויסגעמאלטע קארטע, דען יעדער פינטעל ווייזט אויף אזעלכע שטערין וואס זיינען מיליאנען מאל גרעסער פיר דער זאנגע, אונ טויזענדער מיליאנען מאל גרעסער וויא די גאנצע ערד-קוגעל, יעדער שטריך ווייזט אויף דעם פלאץ וויא פיל מיליאן מייל זייא זיינען ווייט איינער פון די אנדערע, אונ יעדער סמן ווייזט וויא פיעל וועלטען געפינט זיך אונטער איין שטערין, מיר האבען געלערענט פיעל צענדליגע יאהר די חכמה פון שטערין (אסטראנאמיע) אונ מיר זעהען דורך שפאקטיוען, אונ מיר האבען שטערין טורעמס צוא דערלאנגען איבער דעם וואלקען, קאנען מיר פערשטיין די גרויסע חכמה פון דעם בערידמטען מאליער וואס האט אונז די אויגען געעפענט מיט זיין קארטע, אבער דוא פראסטער מענש, אז

דוא

דוא ביסט קיין מבין ניט אויף דיין ארבייט, אז דעם בענדיל האסטו אויך ניט צוגעבראפען, נור מען האט דיר געגעבען איין מתנה צוא געבען פלייס דעם נאראד אז מען זאהל זיך שטארקען פערשטיין אונ זאגען מבינות, וויא אזויא אבער קומסטו צוא לאכען אונ פרעגען קשיות אויף אזויא איין טיעפע חכמה וויא שטערין קונסט ?

שעם זיך, שעם זיך, אפילו דוא זאהלסט לעבען מתושלח׳ס יאהרען וועסטו מיט דיין קליין פערשטאנד דאס ניט וויסען. דער שוכמער האט פערשטאנען זיין פערברעך, אונ האט פיר גרויס חרפה אנגעהויבען צוא וויינען אונ זאגט ליעבע העררן, גרויסע חכמים, ניט טראגט אויף מיר קיין שולד, דען איך וויים שוין מיין אונרעכט. דער בערידמטער קינצלער האט איהם מוחל געוועזען אויף דעם אופן ער זאהל ווייטער קיין דוראק ניט זיין אונ זאל קיין פראגעס ניט פרעגין, אין דער זאך וואס זיין שכל קאן ניט פערשטעהען.

ליעבע לעזער, פערשטייט וואס איך מיין מיט דער ריכטיגער אויפקלעהרונג וואס איך גיב דא אייך, איהר ליעבע קינדער זייט גרויסע מבינים זאגט איהר אויף אלערלייא סארטען היסטאריעס ראמאנען, דאס איז אייך זעהר ליבלאך אונ אנגענעהם צוא לעזען, אבער וואס איז דאס עפעס מעשיות געשיכטעס פון גרויסע גייסטליכע לייט אונ מיט אליהו הנביא אונ מיט נאך אזעלכע פארצייטיגע מעשיות פול מיט מוראלישע געדאנקען. זאג איך אייך, ליעבע לעזער, אז אויב איהר וועט נאר דאס האבען אין געדאנקען צוא פרעגין, זייט איהר גאר קיין מבינים ניט, אפילו אויף אייער אייגענעם לעבען, ווען איהר וואלט פערשטיין וויא שעדליך עס איז פיר אייך, ליעבע קינדער, וואלט איהר דארפען אנטלויפען וויא פון פייער פון דיא נארישע ראמאנען ביכלאך, דאס פערדארבט אייער אייגענע זעעלע, דאס פערשמוצט אייערע איידעלע געפיהלע, דאס ערווייטערט אייך פון יודענטהום אונ פון אלעס גוטעס, אין דיא עלטערע יאהרען וועט איהר דאס אלעס פיהלען וויא ווייט איהר האט פערגרייזט, נור עס וועט זיין נאך דער צייט.

ליעבע ברידער! אין דיא געשיכטעס פון אונזערע היילינע עלטערן

דיא היסטאריע פון דיא היילינע חכמים , גיט דעם מענשען גייסטליכע געפיהלע , דאס ברייננט דעם מענשען צוא טהייערע זיטטען (מדות) אונ צוא אלעם גוטעס ! הגם איהר ווייסט אלס ניט וואס דער ענין פון אליהו הנביא איז , זאהלט איהר וויסען דעם פאריגען ביישפיעל , אז צוא דער וויסענשאפט פון שטערין קונסט מוז מען פיעל צענדליגע יאהר לערנען דיא חכמה , אונ האבען דערצו קינצליכע געצייג , דאן קאן מען וויסען דיא גאנג פון דיא ליכטיגע שטערין וואס ערלויכטען וועלטען , אזויא איז איין מענש וואס וויל גוט פערשטיין דעם ענין פון אליהו הנביא מוז ער אויך האבען דער צו גייסטליכע מאשינעס אונ היילינע געצייג , היינו דער צוא דארף מען האבען איין גרויסען פערשטאנד אין דער תורה אונ אין אלע מצות , מען דארף זיין זעהר פרום צוא גאטט אונ צוא לייטען אויף דער גרעסטער שטופע , דער מענש מוז זיין געבילדעט אין היילינע מדות , דער מויל מוז זיין קדש קדשים , יעדער ווארט מוז זיין געמאסטען אונ דארף טאהן פיל צדקות אונ חסדים צוא גאטהבעדערפטינע גאר אן איין ברעג , אונ זאהל זיך פיהרען בקדושה וטהרה אונ ליעב האבען יעדער מענשען , דאס איז אלעם געטליכע געצייג אונ טהייערע מאשינעס מען זאהל וויסען וואס גאטט איז אויף דער וועלט , וואס איז דער בעווייז פון זיין השגחה , אונ וואס איז היילינקייט , דאן וועט ער וויסען וואס בעטייט אליהו הנביא ז"ל ; אבער ניט דיא מענשען וואס זיינען ווייט פון גאטט , פון זיין היילינע דינסט , זיינען ווייט פון תורה אונ יראת שמים , ווייט פון ריינע שיינע מדות , נור פערקעהרט זייא זיינען נאך פער שמוצט אין אלע נארעשע תאוות לוסטען , ניט אזעלכע מענשען האבען דאס רעכט צוא פרעגען קשיות וואס איז אליהו הנביא (השם יתברך זאהל אונז מזכה זיין , ער זאהל אונז בקרוב אנזאגען גוטע בשורות פיר דעם כלל ישראל) אונ געוויס חס ושלום ניט לאכען , ווארום דאס איז נור איין געטליכע בעווייזונג , וואס נור גרויסע לייט קאנען פער שטעהען

דארום הגם מיר פערשטעהען דאס אויך ניט אין גאנצען נור אם ווייניגסטען דארפען מיר דאס לעזען אונ זעהען וואס אונז פעהלט , וויא אין דער אידעשער נאציאן האבען זיך געפונען היילינע

מענער

מענער, וואס צוא זייא פלעגט זיך יע בעוויזען אליהו הנביא ז"ל און וואס צוליב זייער זכות וועלען מיר ניט כלה (פערניכטעט) אין גלות, ווען ניט זייא וואלט שוין פון אונז קיין שריד ופליט ניט געבליעבען.

דארום טהייערע ברידער און שוועסטער זייט ניט קיין פראסטאקעס און פרעגט ניט קיין קשיות אין אזעלכע היילינע זאכען, לעזט נור אזעלכע ריינע און שיינע געשיכטעס און ביסלעכווייס וועט אייך השם יתברך ערלייכטען אייער שכל און אייער גליק, און אידען וועלין זוכה זיין צוא אלע גוטעס בקרב הימים.

# לה.

דער האר"י הקדוש, האט זייער פיל סודות ענטדעקט (מגלה געוועזין) וועגין דיא קברי הצדיקים, ער האט מגלה געוועזין פיל מערות אין ארץ ישראל, וואס אין זייא זיינען גילעגין נביאים, תנאים, און אמוראים, וואס קיין ילוד אשה האט דאס מיט פיל דורות פיר איהם ניט געוואוסט. ער האט דערהאנגען פון וואנען זייא שטאמען פון דיא אבות הקדושים און פון דיא ערשטע נביאים, און אז מען האט שוין געוואוסט האט מען מתפלל גיוועזין אויף זייערע קברים, האט דאס פיל ישועות גע-בראכט פיר דעם כלל ישראל און פיר יחידי סגולה, וועלין מיר דא דערציילין איין וואונדערבארע געשיכטע (מעשה פליאה) וואס האט גע-טראפען אין טבריה עיר הקודש בשנת ת"ק. דארטין איז גיוועזין איין רב, הגאון ר' חיים אבואלעפייא ז"ל, ער איז געוועזין פאר דעם, רב אין דער שטאט איזמיר (טערקייא), האט איהם השי"ת גיגעבין איין רצון ער זאל אויף ריכטין דיא שטאט טבריה, וואס זיבעציג יאהר פאר דעם איז זיא געוועזין גאר וויסט, אן איין שול, און אן איין בית המדרש, יהודים האבין דארטין שוין גאר ניט געוואלט וואנען אין איהר, מחמת דעם חורבן וואס דיא פערשיידענע פעלקער פון אזיא האבין איהר חרב געמאכט, איז גראדע אין דער טבריה געוועזין איין גרויסער שר, איין שופט (ריכטער) און איין גייסטליכער (כהן האמונה) מיט דעם נאמען שייך דאהיר עמהר, דער שייך איז גיוועזין איין גרויסער מאן און איז גיוועזין איין אוהב ישראל, האט ער געבעטין דעם גאון אבואלעפייא ער זאל ארויס פון איזמיר און זאל ווערין רב איז טבריה און ער וועט

איהם

איהם שטיצען מיט אלע מעגליכקייט, וכך הוה אזויא איז געוועזין, דער גאון האט אוועק געלאזין דיא גרויסע שטאט איזמיר אונ האט זיך בעזעצט אין דער וויסטע שטאט טבריה, אונ דער גאון אבואלעפייא האט געהאט גרויס כבוד חן וחסד ביא דעם גרויסין שר שיך דאהיר עמהר, ער האט איהם בעקליידט אין טהייערע בגדים כלבוש מלכות, אונ האט מיט איהם געטאהן גרויסע טובות אונ דער רב האט אין צוויא יאהר אויף געבויט הייזער אונ הייפין פאר דיא יהודים, אונ האט פאר זייא געבויט איין שיינע שול וואס אין גאנץ ארץ ישראל איז ניט געוועזין איהר גלייכען, אונ איין טהייערין בית המרחץ ובית הטבילה, גם האט ער געבויט קראממען פאר דיא יהודים, אונ איין קעלטער אויף כמאנאייל אז דיא יהודים זאלין האבין פרנסה, אונ האט זייא פער־פלאנצט גערטענער אונ פערזייט פעלדער, אונ דאס איז אלין געוועזען פון דיא שטיצע פון דעם ערבארימדיגען שיך, ווייל ער האט זייער ליב געהאט דעם רב אבואלעפייא אונ אלע יהודים. דער כלל עס האבין געהאט דיא יהודים דארטין מנוחה וויא אין דיא צייטין פון שלמה המלך, אויך האט דער שיך געטאהן פיל טובות צוא דער גאנצער מדינה, ער האט איין געשטילט דיא מערדערייא פון דיא לסטים אונ גזלנים, וואס עס איז געוועזין איין סכנה צוא גיין אין וועג אין דעם גאנצין געגענד, אויך האט דער גרויסער שר שיך פערשאפט גרויסע מלומדי מלחמה, אונ מיט זייא האט ער אויס געראמט אלע מ...ר והארץ נחה ושקטה. דער צוא האט דער שיך געבויט איין גרויסען טהורעם ארום טבריה, אין איהם זאל זיך געפינען אימער חיל צו בעהיטין דיא שטאט פון איין שונא.

# לו.

ויהי בשנת תק״ב כ״ב מנחם אב, איז פלוצלונג געקומען איין בריעף פון דיא גרעסטע לייט פון דמשק רבי חיים פרחי ור׳ יוסף לושאטי צום רב פון טבריה הגאון אבואלעפייא, היות וויא זייא זיינען דיא חלפר (געלד וועכסלער) פון דעם משנה למלך סולימאן פאשה וואס ער איז דער מושל איבער דמשק מיט אלע גובערנעס ארום, אז ער האט בעקומען איין באפעל פון סולטאן אז דער מושל סולימאן

פאשה

פאשה זאל גיין מלחמה האלטין אויף טבריה , צוא ברעכין דעם טהורעם , אונ־וויסט מאכין אלע הייזער אונ זאל הרגענין דעם שיך , על כן זיינען זייא דאס מודיע דעם רב אבואלעפייא אז ער זאל תיכף מיט אלע יהודים מיט זייער הויז געזינד מיט זייער פערמעגינס זיך ארויס קלייבין פון טבריה אין דער שטאט עכו , אונ אין דער שטאט צפת , אויב ניט זיינען אלע יהודים אין גרויס סכנה . דער רב האט באלד געוויזען דעם בריף דעם שיך . האט דר שיך גיזאגט שרעקט זיך גאר ניט , דער משנה למלך האט מעהר ניט געמאכט איין שרעק אז איך זאל איהם שיקען פיל געלד צוא מפייס איהם זיין .

דער רב אבואלעפייא האט אוועק געשיקט דיא תשובה פון שיך צוא דיא גבירים מיט גרויס דאנק אונ פיל ברכות פיר זייער טרייהייט צוא זייערע ברידער אחינו בני ישראל , האבין זייא איהם ווייטער גע־שיקט איין בריעף אז זייא האבין פארט איין קלארע ידיעה אז דער מושל סולימאן פאשה וועט געוויס קומען מיט פיל חיל מלומדי מלחמה אונ וועט מאכין אש פון טבריה אונ דיא יהודים זיינען אין סכנה אונ מען זאל זיך תיכף ארויס קלייבין . דר רב איז געווארין זייער ערשראקין , אונ האט פיל געוויינט , וויל איהם איז גיוועזין שווער אנטלויפין פון טבריה , וויל ער איז גיוועזין זייער שוואך אונ אלט , אונ עס איז איין עולה מען זאל ניט פאלגין דעם שיך וואס ער איז אזא איין אוהב ישראל . שלעכט בעסטער וואס זאל מען טאהן , איך זארג מעהר וויא אלץ אויף דער הייליגע שיינע שול זאל ח"ו ניט חרב ווערין .

איז ער אוועק ווידער צום שיך אונ ווייזט איהם דעם צווייטען בריעף פון דיא גבירים פון דמשק , זאגט דער שיך מיין עצה איז אזא , איך וועל זיך צוא גרייטין מיט חיל אונ מיט אלע נאטירליכע זאכין , נאר בדרך הטבע קאן איך זיך ניט שטעלין געגין דעם מושל פון דמשק , ער האט זייער פיל חיל מיט גיוועהר , זאלט איהר יהודים טאהן מיט אייערע גיוועהר , מיר ווייסין דאך אז גאט האט מיט אייך שטענדיג געטאהן גרויסע וואונדער (נסים ונפלאות) , זאלט איהר מתפלל זיין מיט גרויס געוויין צוא גאט וועט טבריה געהאלפין ווערין צוא ליב אייער זכות אונ דעם זכות פון אייערע הייליגע עלטערין וואס זיינען באהאלטין אין דיא קברים פון טבריה , אונ איהר זאלט ניט צוא לויפין ח"ו . דער רב האט איהם געדאנקט , אונ האט אזויא געטאהן .

דער רב הגאון אבואלעפייא האט באלד אויפגעקליבען צדיקים און חסידים, און האט פאר זייא געזאגט גרויס מוסר און האט זייא פערזאגט אז זייא זאלין גיין מתפלל זיין אויף דער מערה פון דיא תנאים רבי חייא מיט זיינע צוויא קינדער יהודא וחזקיהו וואס אליהו הנביא האט מגלה געוועזין צום רבי (דער היילינער מחבר פון משניות) אז דיא דרייא צדיקים זיינען זויא גרויס וויא אברהם יצחק און יעקב, און אויף דער מערה פון רב המנונא סבא (וואס ער איז פיל מאהל דער מאהנט אין זוהר הקדוש) וואס דער האר"י הקדוש האט מגלה געוועזן דעם סוד פיר זיינע תלמידים אז ער ליגט אויך דארטין, און זיין היילינע נשמה איז פון משה איש האלקים, אויך געפינט זיך דארטין רב הונא ריש גלותא וואס זיין היילינע נשמה איז איין שורש פון דוד המלך זכותם יגן עלינו, און אז דער האר"י הקדוש האט דאס מגלה געוועזין איז פונקט וויא אליהו הנביא, ווייל ער האט גיהאט גילוי אליהו ז"ל וויא עס איז בעוואוסט, דארטין אויף דיא היילינע קברים זאלט איהר מתפלל זיין מיט טייכין טרערין, און מיט תקיעת שופר, וועט השי"ת רחמנות האבין אויף אונז, אויף דעם קליינעם בית המקדש (דיא שול וואס מען לערינט און דאווינט מיט קדושה, ווערט גערופין מקדש מעט) וואס מיר האבין געבויט מיט דעם גאנצין לעבין, און אויף דער שטאט טבריה וואס זיא איז איין היילינע שטאט פון ארץ ישראל, וועט געוויס השי"ת צוא נעמען אונזערע תפלות, און איך וועל טאהן וואס מיינע קרעפטין וועלין טראגין, און אזוי איז גיוועזין, זייא זיינען געגאנגען מתפלל זיין אויף דיא מערות הצדיקים, און ער מיט איין מנין מענשין מיט קליינע קינדער תינוקות של בית רבן האבין מתפלל געוועזין אין דער שול פון טבריה, און האט זייער שטארק געוויינט און געקלאגט, אז השי"ת זאל טאהן בזכות הצדיקים און וועגין דיין היילינער נאמען זאל מקודש ווערין בייא דיא פעלקער, זייא זאלין וויסען אז דער גאט פון ישראל ער איז דער העלפער, ער איז אל רחום וחנון!

פרייטיג פאר נאכט, הערט זיך איין רעש, עס איז געקומען דער משנה למלך סולימאן פאשה מיט פיל חיל מיט שטרייט גיווער און האט אנגעפאנגען באמבירין דיא שטאט טבריה מיט הארמאטין, עס איז געפאלין איין ציטערניס אויף דיא יהודים און אויף דעם שייך מיט אלע ישמעאלים פון שטאט, פלוצלונג עס פליען באמבעס פון

הארמאטין

הארמאטין וואס יעדער הארמאט קען חרב מאכין די שטאט מיט די מענשין. וואס האט השי"ת גיטאן א נס, אז די הארמאטין זיינען ארײן געפאלען אין ים, אונ די וואס זיינען געפאלין אין שטאט, זיינען זייא דורך געלאפין איבער די דעכער אז עס האט געציטערט די הייזער אונ פון די דעכער זיינען זייא אראב געפאלען אויף דער ערד אונ פערשטעקט זיך אין זאמד, אונ עס האט קיין מענשין ניט מזיק גיוועזין אונ פיל קוילען זיינען דורך געגאנגען צווישען מענשין אונ די מענשין האט ניט אן גערירט, אונ אפילו קיין שום בהמה האט ניט מזיק גיוועזין. די קליינע קינדער האבין דער נאך געקליבען די קוילען פון די הארמאטין פון די זאמד, אונ האבען געוויזען דעם שי"ך, האט ער זייא געצאהלט געלד פיר דעם, האבען אלע געזעהן ישועת ה'.

אויף מארגין זאגט דער שי"ך מען זעהט עפענטליך די גרויסע וואונדער וואס אונז האט געשעהן נאר צוליעב די תפלות אונ די טרערין פון די יהודים, פון דעסט וועגין וועל איך פרובין מיט שלום, וויל דער שונא דער מושל פון דמשק איז דאך איין משנה למלך, אונ האט איין מעלה בייא די ישמעאלים, אז ער האט שוין זיבען מאהל געפידערט די ישמעאלים אין מעקקע איז ער פערהיילינגט בייא מלוכה אין קאנסטענטינאפעל, וועל איך פון איהם בעטין שלום, האט דער שי"ך אויס געקליבען איין אשה חכמה זיין פאטערס איין וייב א זקנה, וואס זיא קאן גוט ריידען מיט הייכע געדאנקען, מיט צווייא יונגע קנאבין (נערים) וויא בייא זייא איז דער מנהג אויף שלום בעטין, אונ האט געשיקט דורך זייא איין טהייערע מתנה צוא איהם, אונ עס האט געהאלפין, ער האט פערלאנגט אז דער שי"ך זאל ברעכין דעם טהורים פון טבריה, אונ ער זאל דורך גיין מיט זיין חיל דורך טבריה (ער וואלט דורך גיין וואלט ער איהם שוין צו שטערט ביז נאר) נאר דער שי"ך האט ניט געוואלט אזויא פיל זיך אונטער געבין. קורץ פון דער זאך, סולימאן פאשה האט ווייטער געשאססען אונ באמבירט די שטאט מיט מעהר רעש, אונ השי"ת האט ווייטער געטאהן נסים, אונ די קוילין מיט די באמבעס האט ניט געשאדעט קיין מענשין.

סולימאן פאשה זעהט אז ער קאן ניט איין געמען די קליין שטאט טבריה, האט ער געשיקט אין חיפה אונ אין דמשק אונ האט געבראכט נאך נייע הארמאטין גרויסע אונ שווערע, אונ זאגט עס קאן

זיין

זיין אזויא אונ אזויא אונ מוז אזויא לאנג באמבירין דיא שטאט אונ הונגערין זיא, ביז וואנען ער מוז איהר איין געמען אונ מאכין פון איהר אש, דער ווייל האבין דיא יהודים געטאהן זייער זאך אונ פערבראכט דיא טעג אין תפלות ותחנונים, אונ דער רב הגאון אבואלעפייא האט זייא פיל מוסר גיזאגט, אונ האט זייא אויף געוויזען אז דער פאשה שטרייט ניט מיט טבריה נאר מיט דער שכינה כביכול, ווייל אין ים פון טבריה געפינט זיך בארה של מרים (דער ברונען וואס איז געגאנגען אין דער מדבר בזכות מרים) דארום שטארקט זיך אין דעם בטחון פון השי"ת, אונ ער וועט העלפין. דיא ענדע איז גיוועזין אז ער האט דעם לעצטין מאל אויך ניט אויס געפירט, דיא קוילין אונ דיא הארמאטין זיינען צוא פאלין אין ים, אין דער ערד אונ פיל זיינען אין לופטין צו שאטין געווארין, אונ האבין גאר ניט געשאדעט.

ויהי בשבת קודש האט גילייענט דער זון פון הגאון אבואלעפייא דיא הפטרה אנכי אנכי וגו' מי את ותיראי מאנוש ימות, ווער ביסט דוא זאלסט זיך שרעקין פיר איין בשר ודם, וואס היינט לעבט ער אונ מארגין שטארבט ער, זאגט דער רב, דאס איז איין גוטער בעווייז פון היינטיגע הפטרה אז מיר זאלין זיך ניט שרעקין, השי"ת וועט אונז העלפין ברחמיו ורוב חסדיו. אויף מארגין יום א' ה' אלול איז גיקומען איין שטאפעט אונ האט אנגעזאגט דעם שיך אז זיין שונא סולימאן פאשה איז געפערליך קראנק, נאר דער שיך האט גירעכינט פילייכט איז דאס איין ליסטעקייט כדי מען זאל זיך ניט ריכטין וועט ער פלוצלונג אנפאלין אויף דער שטאט, איז ביום ד' זיינען געקומען פיל שטאפעטין אונ האבען געבראכט איין קלארע ידיעה אז דער סולימאן פאשה איז געשטארבין ביום ג', דיא אלע בעזיצער פון טבריה האבין געזאגט אז דאס איז נור בזכות ישראל, אונ דיא יהודים האבין געלויבט השי"ת מיט הלל אונ נאך תפלות, אונ אלע יאהר ז' אלול מאכט מען איין יום שמחה צוא דער מאגען דיא נסים ונפלאות וואס השי"ת האט זייא געטאהן.

## לז.

דער נאמען הארי' ז"ל איז געווארין זייער פערהיילגט ביי נאנץ

אוּמָה הַיִשְׂרְאֵלִית, אַז אַיין רַב פוּן ירושלים עיר הקדש וָואס מִיט אִים הָאט גֶעטְרָאפִין אַיין וואוּנדֶערבַּארֶע גֶעשִׁיכְטֶע, הָאט מֶען אִיהם אוֹיךְ אַיין נָאמֶען גִיגֶעבִּין לְאוֹת כָּבוֹד, מִיט דֶעם נָאמֶען אריאל. דִיא גֶעשִׁיכְטֶע אִיז אַזוֹיא גֶעוֶועזֶען, מִיט הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג יָאהר צוּרִיק הָאבִּין דִיא סְפַרְדִישֶׁע יְהוּדִים פוּן ירושלים גֶעשִׁיקְט אַיין מְשׁוּלָח אַיין גְרוֹיסִין רָב אַיין צַדִיק תָּמִים, עֶר זָאל רַייזֶען נָאךְ מצרים אוֹיפְזַאמְלֶען נְדָבוֹת פִיר דִיא אָרֶעמֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס הָאבִּין נִיט גֶעהַאט מִיט וָואס צוּ עֶרְנֶערִין זִיךְ אִין ירושלים, וִויא דֶער מְשׁוּלָח (שלוהא דרחמנא) אִיז גֶעקוּמֶען אִין דֶער הֵיילִיגֶע שְׁטָאט חברון הָאט עֶר זִיךְ בֶּעשְׁטִימְט מִיט אַיין טערקִישֶׁע קַאראַוואַנֶע (אורחת ישמעאלים) צוּא רַייזֶען אִין דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען מִדְבָּר בִּיז דֶעם זוֶעץ (עציון גבר), וַוייל אַלֵיין אִיז אַיין גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּא גֵיין דָארְט, הָאט זִיךְ דֶער רָב (דֶער מְשׁוּלָח) בֶּעדוּנְגֶען מִיט דֶעם שֶׁעךְ (הוֹיפְּט מַאן) אַז שַׁבָּת זָאלִין דִיא גַאנְצֶע קָאנְפַּאנְיֶע ישמעאלים רוּהֶען מִיט אִיהם גְלַייךְ, וַוייל דִיא רַייזֶע צִיט זִיךְ צְווַייא וָואכִין, דֶער שֶׁעךְ הָאט בַּייא אִיהם אָבְּגֶענוּמֶען דִיא גֶעלְד אוּנ הָאט אִיהם אַזוֹיא פֶערְזִיכֶערְט; וִויא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פְרַייטִיג דִיא זוּהן הָאט זִיךְ אַרָאפְּ-גֶעלָאזִין, בֶּעט דֶער רָב בַּייא דֶעם שֶׁעךְ עֶר זָאל שׁוֹין רוּהֶען אוּנ נִיט גֵיין וַוייטֶער, דֶען עֶס אִיז שׁוֹין שַׁבָּת, זָאגְט דֶער שֶׁעךְ צוּא אִיהם מִיט אַיין מֶערדֶער שְׁטִימֶע, אוּמְזִיכְט וָואס דוּא בֶּעטְסְט, אִיךְ מוּז גֵיין מִיט דֶער קָאנְפַּאנְיֶע וַוייטֶער אוּם שַׁבָּת אוּנ נִיט אַנְדֶערְשׁ.

דֶעם רָב אִיז גֶעוָוארִין זֵייעֶר בִּיטֶער. בְּלֵייבִּין דָא אִין דֶער מדבר אַלֵיין אִין סַכָּנָה פוּן חַיוֹת רָעוֹת אוּנ גַזְלָנִים אִיז זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ פִיר דֶעם גוּף, אוּנ גֵיין מִיט דֶער קָאנְפַּאנְיֶע אוּם שַׁבָּת מִיט מַשָּׂא, אִיז אַיין סַכָּנָה פִיר דֶעם נֶפֶשׁ (כי מחלליה מות יומת), אִין דֶעם אִיז דֶעם רָב אַרַיין גֶעפַאלִין דֶער הֵיילִיגֶער רַעְיוֹן אַז אליהו הנביא הָאט דָא אִין דֶעם אֵייגֶענֶעם מדבר פֶערְהַאמְט פֶערְצִיג טֶעג (וֶוען עֶר אִיז אַנְטְלָאפִין פוּן דֶעם קֶענִיג אחאב מלך ישראל) אוּנ דִיא רָאבִּין (עוֹרְבִים) הָאבִּין אִיהם גֶעבְּרַאכְט עַל פִּי נֵס בְּרוֹיט מִיט פְלֵייש וָואס עֶר הָאט דַאמָאלְס מְקַדֵּשׁ הַשֵּׁם גִיוֶועזִין. דניאל הָאט מֶען אַרַיין גֶעוָוארְפִין אִין אַיין לֶעוִוין גְרוּבּ, בִּפְקוּדַת נבוכדנצר מלך בבל אוּנ עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט עוֹבֵר זַיין אוֹיף מִצְוַת השי"ת, אִיז עֶר גִיצוֹל גֶעוָוארִין עַל פִּי נֵס, וִויא דֶער הֵיילִיגֶער גֶעדַאנְקֶען הָאט אִיהם עֶרְוֶועקְט, אִיז עֶר בַּאלְד אַרָאבּ פוּן אֵייזֶעל, אוּנ הָאט גֶענוּמֶען זַיין פֶּעקִיל מִיט זַיינֶע חֲפָצִים, אוּנ אִיז

געבליבען דא אליין עלענט אין דעם שרעקליכען מדבר, און די קאמפאניע ישמעאלים זיינען אוועק; דער רב האט זיך געשטעלט מתפלל זיין מיט גרויס התלהבות, פייער און פלאם. נאך זיין תפלה האט ער געמאכט קידוש איבער וויין, און האט געמאכט המוציא אויף לחם משנה, דער צו האט ער געזונגען זמירות מיט גרויס דבקות און בטחון צו השי"ת, גאר פלוצלונג איז אויף איהם געפאלען איין אימה ופחד, ער זעהט וויא איין שרעקליכער לעוו (ארי גדול ונורא) שטייט געגען איהם, האט ער באלד געזאגט וידוי און האט איבער געגעבן זיין לעבען צו השי"ת, ער האט געזאגט פיל תחנות ובקשות וואס זיינען מסודר פון האר"י הקדוש, אויך האט ער ווידער געזונגען דעם פיוט יה רבון עלם, וויא עס איז געקומען צו דעם פערז "פרוק ית ענך מפום אריוותא", זייא מציל דיא שאף פון דעם מויל פון דיא לעווין, האט ער זיך פערגייסטערט און האט אויפגעהויבען דיא אויגען צו השי"ת מיט גרויס מסירת נפש, זעהט ער אז דער לעוו בליקט אויף איהם מיט איין ליעבליכען בליק וויא ער איז נור געקומען צו היטען איהם פון איין סכנה, קלערט דער רב, ניט אנדערש, אז דער לעוו איז איין שליח פון הימעל פונקט וויא דיא לעווין פון דעם צדיק דניאל איש חמודות, אז ניט גענוג וואס זייא האבען איהם ניט צו ריסן, האבען זייא נאך איהם דיא הענד געלעקט און געקושט, דער רב האט זיך ווייטער גענומען צו דיא זמירות, און דער לעוו שטייט בייא איהם און הערט זיין זמירות שטימע, ביז וואנען ער האט זיך געלייגט אויף דער ערד און איז אנשלאפען געווארען, דער רב האט געבענטשט און האט קריאת שמע מיט גרויס התלהבות געזאגט, און ער איז אויך איין געשלאפען געווארען.

שבת פריא האט ער זיך אויפגעוואכט, ער זעהט אז דער לעוו שטייט געגען איהם וויא געכטין, און בליקט אויף איהם מיט איין פריינדליכען בליק, און זעהט אלס וואס דער רב טוהט, האט ער שוין בעמערקט געוויס, אז דער לעוו איז איין שליח פון הימעל צו היטען איהם אין דעם געפערליכען ארט, דער רב האט מתפלל געוועזין מיט איין רוהיגע הארץ, מיט גרויס מוטה, ער האט געמאכט זיין ארעמע סעודה מיט פליים, ער גיט עטוואס פערזוכין דעם לעוו, און ער וויל גאר ניט געניסין, וויא ער וואלט פערשטיין אז פון איין סעודה שאינה מספקת (וואס זיא איז ווייניג פאר דעם בעל הבית זעלבסט) טאר מע

נִיט פֶערְזוּכְין , עֶס אִיז גֶעוָוארִין שְׁפֶּעט, הָאט דֶער רָב גֶעמַאכְט הַבְדָלָה, זֶעהט דֶער רָב וִויא דֶער לֶעוו הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען קְנִיעֶן צוּא אִיהם, אוּנ לֶעקְט אִיהם דִיא הֶענְט מִיט פְרַיינְדְשַׁאפְט פּוּנְקְט וִויא אַיין גִילֶערִינְטֶער טְרַייעֶר הוּנְד, אוּנ הָאט זִיךְ פֶערְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד בַּייא אִיהם, פּוּנְקְט וִויא עֶר בֶּעט זִיךְ בַּייא אִיהם, עֶר זָאל זִיךְ זֶעצִין אוֹיף אִיהם רַייטֶען אִין וֶועג, דֶער רָב הָאט אוֹיף גֶעהוֹיבִּין דִיא אוֹיגִין צוּא השי״ת מִיט אַיין גְרוֹיס דַאנְקְבַּארְקַייט בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת אוֹיף זַיינֶע נִסִים וְנִפְלָאוֹת, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעקְלִיבִּין אַלְס אִין רַייזֶען טַאשׁ אוּנ הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט רַייטִין אוֹיף דֶעם לֶעוו, אוּנ עֶר אִיז גֶעלָאפִין וִויא אַבְּלִיץ אַיין גַאנְצֶע נַאכְט אִין דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען מדבר.

דֶער רָב אִיז גֶעזֶעסִין אוֹיף אִיהם רוּהִיג וִויא אוֹיף אַיין זָאטֶעל, אוּנ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהַאלְטִין אָן זַיינֶע גְרוֹיסֶע לָאקִין. שְׁרֶעקְלִיךְ אִיז גִיוֶועזִין וֶוען עֶר אִיז דוּרְךְ גֶעלָאפִין צְווִישֶׁען ווִילְדֶע טְהִירֶען, דָא זֶעהט עֶר וִויא אַיין ווִילְדֶער טִיגֶער לוֹיפְט אוּנ הַאלְט אַיין חַיָה אִין זַיינֶע שַׁארְפֶע צֵיין, דָא לוֹיפְט אַיין אַלְטֶער לֶעוו צוּא רַייסֶען אַיין בֶּעשֶׁעפֶענִיס, פוּן וַוייטִין הֶערְט זִיךְ וִויא בֶּערִין בְּרִילִין, וֶועלְף קְלָאגִין, בְּרִיוֹת מְשׁוּנוֹת לוֹיפֶען, דִיא סְצֶענֶע אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, נָאר דֶער לֶעוו אִיז דוּרְךְ גֶעלָאפִין מִיט דֶעם רַייטֶער בְּשָׁלוֹם מִיט גְרוֹיס שְׁטָאלְץ וִויא אַלֶע הָאבִּין גֶעצִיטֶערְט פִיר דֶעם הִימֶעל שָׁלִיחַ, אוֹיךְ דִיא לְבָנָה (מָאנְד) הָאט גֶעשַׁיינְט דִיא נַאכְט מִיט אִיהרֶע קְלָארֶע לִיכְטִיגְקַייט, צוּא עֶרְשַׁיינֶען דֶעם נֵס. מָארְגִין פְרִיא (זוּנְטִיג) הָאט דֶער לֶעוו גֶעבְּרַאכְט דֶעם רָב צוּא דֶער קָאנְפַּאנִיע ישמעאלים, וִויא דֶער לֶעוו אִיז גֶעקוּמֶען, אִיז אוֹיף זֵייא גֶעפַאלִין אַיין אֵימָה וּפַחַד, דֶער לֶעוו הָאט זִיךְ אַיין גֶעבּוֹיגֶען צוּא דֶער עֶרְד אוּנ הָאט אַרָאבּ גֶעלָאזִין דֶעם רָב, אוּנ הָאט אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶען בְּרוּם גִיטָאהן אוּנ אִיז אַנְטְלָאפִין, דֶער לֶעצְטֶער בְּרוּם פוּן לֶעוו הָאט זֵייא וִויא אַיין דָאנֶער צוּטוּמֶעלְט, דִיא קַאממֶעלִין זַיינֶען צוּפַאלִין, דִיא אֵייזְלֶען זַיינֶען שִׁיעֶר טוֹיט גֶעבְּלִיבֶּען, דֶער הוֹיפְּט מַאן (שֶׁעךְ) הָאט גִיזֶעהְן עֶפֶענְטְלִיךְ אַז דֶער רָב אִיז אַיין גֶעטְלִיכֶער מַאן, אִיז עֶר גֶעפַאלִין צוּא זַיינֶע פִּיס, אוּנ הָאט גֶעוַויינְט אוּנ גֶעקְלָאגְט עֶר זָאל אִיהם מוֹחֵל זַיין, אוּנ זָאל ח״ו אוֹיף אִיהם נִיט אוֹיס רֵיידִין אַיין קְלָלָה, דַאן אִיז עֶר שׁוֹין אוּנְגְלִיקְלִיךְ. זֵייא הָאבִּין דֶעם רָב גֶעשֶׁעצְט וִויא אַיין מַלְאָךְ פוּן הִימֶעל, דִיא מַעֲשֶׂה הָאט זַייעֶר גֶעקְלוּנְגֶען אִין יֶענֶעם גֶעגֶענְד, אוּנ צוּלִיעֶב דֶער ווּאוּנְדֶערְבַּארֶע גֶעשִׁיכְטֶע הָאט מֶען דֶעם רָב אַיין נָאמֶען גִיגֶעבִּין ״אריאל״

אז השי״ת האט איהם געשיקט איין לעוו צוא ראטירן איהם פון טויט, דאס ווייזט ארי (לעוו) אל (פון גאט), צווייטענס ווייל אזויא איין געשיכטע פאסט פיר דעם האר״י הקדוש ז״ל. וואס מען רופט איהם אויך „אריאל״, אונ פון דעם גרויסען רב וצדיק שטאמט דיא פאמיליע „אריאל״ אין דער שטאט חברון עיר הקודש.

# לח.

ויהי היום, איז געקומען איין גרויסער תלמיד חכם אונ איין גרויסער אונגליקליכער מענש צוא האר״י הקדוש ז״ל, אונ דערציילט איהם אז זיין בעשטאנד איז זייער שרעקליך, צוא וואס ער געמט זיך, גייט איהם ניט, ער לייגט צו, פיעל געלד, ביז וואנען אז ער איז יעצט זייער ארים, אונ האט ניט איין טאג איבער צו קומען, פיר וואס קומט דאס איהם, ער האט דאס שוין געפרעגט בייא פיל חכמים אונ צדיקים אונ האט פון זייא קיין ריכטיגע תשובה ניט, נאר וויא ער האט גיהערט זיין גרויסען נאמען, וואס ער קלינגט אויף דער וועלט קומט ער פרעגן בייא איהם ער זאל איהם ערקלערין דיא סבה פון וואס שטאמט דאס, געווים האט ער עפעס אזויא איין עבירה גיטאהן וואס דאס איז אויף איהם מקטרג. ענטפערט איהם דער האר״י ז״ל, גייא אין יענער אונ יענער שטאט וועסט דוא פרעגין אויף דעם מענשין מיט דעם נאמען, דער נאך וועסט דוא צוריק קומען צו מיר. מעהר האט ער איהם נאר ניט גיענטפערט.

דער אונגליקליכער תלמיד חכם האט אלץ געטאהן וואס ער האט איהם פערזאגט, ער האט זיך אנגעטאהן פיר איין עני ואביון אונ איז געגאנגען מעיר לעיר וממדינה למדינה ביז וואנען ער איז געקומען אין יענער שטאט וואו ער האט איהם געזאגט, דער תלמיד חכם איז אריין אין בית המדרש, פרעגט ער בייא יונגע לייט אויף דעם נאמען ענטפערין זייא איהם אז זייא ווייסין גאר ניט, דער נאך זעהט ער צווייא זקנים וויא זייא זיצין בייא דעם אויבען אונ לערנען, אונ נאך דעם לערנען שמועסין זייא וועגין מעשה הצדיקים, פרעגט דער תלמיד חכם בייא זייא, ליבע זקנים, זאגט מיר ווער איז דא פאראן מיט דעם אונ דעם נאמען, ענטפערין זייא איהם ימח שמו וזכרו, דער מאנט

נאר

נאר זיין נאמען ניט, ער האט אין זיינע צייטין זייער פיל יהודים אונגליקליך געמאכט, ער האט געטאהן אלע מעשה תעתועים, ער האט מוסר געוועזין אידענע געלד, אונ פיל נפשות האט ער אונ־געבראכט, ימח שמו וזכרו, זאל זיין נאמען אויס געמעקט ווערין פון דער וועלט, וואס פרעגט איהר אויף איהם; וויא דער תלמיד חכם האט דאס געהערט איז ער אויף געציטערט געווארין, וואס איז דאס פיר איין מעשה וואס דער האר"י ז"ל האט געהייסין פרעגין אויף איהם, איז דאס ביי איהם געוועזין נאך מעהר פליאה. דער תלמיד חכם איז געגאנגען געבאך צוריק אונ איז געקומען צוא דעם האר"י הקדוש ז"ל אונ דער ציילט איהם דיא גאנצע געשיכטע, זאגט דער האר"י ז"ל צוא דעם תלמיד חכם, זייא וויסען אז דוא ביסט איין ניצוץ פון זיין נשמה, דיר האט מען אראב געשיקט אויף דער וועלט מתקן זיין דיא אונרייניגע נשמה, (ווייל ער האט געטאהן איין גוטע זאך אויף דער וועלט, וואס קיין מענש וויים ניט, דארום האט מען דיא נשמה ניט פערניכטעט), היינט דאנק דעם בורא יתברך שמו פיר דעם, אז ווי עס איז דיר, דארפסטו זיין שטארק צופרידען, דאס איז פון דיא רזי הנשמות. שווייג. אונ דין השי"ת בכל לבב ונפש אונ זייא מתקן עולמך.

# לט.

דער האר"י ז"ל פלעגט ניט צונעמען קיין תלמידים, נאר דיא וואס ער האט געוואוסט בעשטימט אז זיין נשמה איז מסוגל צוא לערנען דיא חכמה, חכמת הקבלה. איין מאהל איז צוא איהם געקומען לערנען כתרי תורה איין תלמיד, איין גרויסער תלמיד חכם וואס האט ניט געהאט קיין פרויא, האט איהם דער האר"י ז"ל פערזאגט ער זאל נעמען איין ווייב איין צנועה, דער נאך וועט ער איהם צוא נעמען צווישען זיינע תלמידים (וואס בס"ה זיינען זייא געוועזין, צעהן), פרעגט איהם דער תלמיד, ווער איז זיין זיווג? האט איהם דער האר"י הקדוש געענטפערט לעת עתה איז דיין זיווג אין מצרים (דער ווארט לעת עתה בעטייט פיל, וויא איהר וועט ווייטער זעהן), דוא זאלסט אהין אוועק, אונ אז דוא וועסט קומען אין מצרים זאלסט דוא זיך זעצען לערנען אין דער קלויז פון הגאון רבי בצלאל אשכנזי, אונ אין איין קורצע

צייט

צייט אַרוּם וֶועט מֶען דִיר הֵיידִין אַיין שִׁידוּךְ מִיט אַיין יְתוֹמָה מִיט צְוֶוייא הוּנדֶערְט טָאהלֶר, דִיא אִיז דַיין זִיווּג לעת עתה; דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶענוּמֶען רְשׁוּת פוּן האר"י ז"ל אוּנ אִיז אַוֶועק.

וִויא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין מצרים הָאט מֶען זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז דָא אִיז פַארַאן אַיין בָּחוּר פוּן דִיא תַּלְמִידִים פוּן האר"י ז"ל (וִויא עֶר הָאט גֶעהַאט בְּרִיעף) הָאט מֶען אִיהם זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען, אוּנ גְרוֹיסֶע שִׁידוּכִים גִירֶעט, מִיט גְרוֹיסֶע גְבִירִים אוּנ יַחְסָנִים, הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט הֶערִין, נָאר וִויא מֶען הָאט אִיהם פָארְגֶעלֵייגְט אַ שִׁידוּךְ מִיט אַיין יְתוֹמָה, מִיט צְוֶוייא הוּנדֶערְט טָאהלֶר, הָאט עֶר אוֹיף דֵיעַם מַסְכִּים גִיוֶועזִין, וִויא דֶער הֵיילִיגֶער מַאן האר"י ז"ל הָאט אִיהם פֶערְזָאגְט. דֶער תַּלְמִיד הָאט מִיט אִיהר חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּנ הָאבִין גִילֶעבְּט זֵייעֶר אָרְדֶענְטְלִיךְ פְרוּם אוּנ גוּט, וַוייל עֶר אִיז גִיוֶועזִין אַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם וְצַדִיק, אִיז זִיא אוֹיךְ גִיוֶועזִין אַיין גְרוֹיסֶע צַדֶקֶת, עֶר אִיז גִיזֶעסִין טָאג אוּנ נַאכְט אוּנ הָאט גִילֶערְנְט, אוּנ זִיא הָאט אִיהם מְפַרְנֵס גִיוֶועזִין; נָאר דִיא שִׂמְחָה אִיז נִיט גִיוֶועזִין אוֹיף לַאנְג, דֶען אִין אַיין הַאלְבּ יָאר נָאךְ דֶער חֲתוּנָה אִיז זִיא גֶעשְׁטָארְבֶּען אָן אַיין קִינְד, אָן אַיין גואל ומודע, אוּנ עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען עֶלִינְט אוּנ טְרוֹיעֶרִיג, עֶר הָאט זִיךְ נִיט גֶעקָאנְט טְרֵייסְטִין נָאךְ אִיהר. אִיז עֶר אַוֶועק אִין ארץ ישראל צוּא לֶערְנֶען תוֹרָה בַּייא דֶעם האר"י הקדוש, עֶר זָאל שׁוֹין זֶעהֶן דֶעם גַאנְצִין טְרֵייסְט אִין דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה, וִויא דֶער האר"י מִיט דִיא תַּלְמִידִים הָאבִין אִיהם דֶער זֶעהֶן שְׁוַוארְץ וִויא דִיא עֶרְד אוּנ זֵייעֶר פֶערְטְרוֹיעֶרְט, זָאגְט צוּא אִיהם דֶער האר"י ז"ל, אִיךְ זֶע אַז דִיר אִיז אַיין גְרוֹיסֶע פְּלִיאָה, וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר פֶערְזָאגְט גֵיין אִין מצרים נֶעמֶען דִיא יְתוֹמָה מִיט צְוֶוייא הוּנדֶערְט טָאהלֶער, אוּנ זִיא אִיז בַּאלְד גֶעשְׁטָארְבֶּען, דוּא זָאלְסְט וִויסֶען לִיעבּ קִינְד אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אֵיינֶע פוּן דֶעם סוד עבור הנשמות, וָואס דָאס קֶען מֶען דִיר נִיט עֶנְטְדֶעקִין, נָאר קוּרְץ וֶועל אִיךְ דִיר מְגַלֶה זַיין (כְּדֵי דוּא זָאלְסְט נִיט מִתְרַעֵם זַיין ח"ו אוֹיף דֶער הֵיילִיגֶע תּוֹרָה) אַז דִי נְשָׁמָה פוּן דֶער יְתוֹמָה אִיז שׁוֹין אֵיינְמָאל גִיוֶועזִין אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין דֶעם פָארִיגִין דוֹר גְלַייךְ מִיט דִיר צוּזַאמֶען, אוּנ דַאמָאלְס זַיינְט אִיהר בֵּיידֶע שׁוּתְּפִים גִיוֶועזִין, הָאט עֶר דִיר אִיבֶּער גֶעפִירְט צְוֶוייא הוּנדֶערְט טָאהלֶער, אִיז אוֹיף אִיהם נִגְזַר גֶעוָוארִין מִן הַשָּׁמַיִם, אַז זַיין נְשָׁמָה זָאל קוּמֶען נָאךְ אַיין מָאהל אוֹיף דֶער וֶועלְט מְתַקֵן זַיין דֶעם גְרוֹיסִין זִינְד פוּן גְזֵלָה, אִיז דָאס יֶעצְט גִיוֶועזִין דֶער

זיווג אויף איין קורצע צייט, אונ דוא האסט אבגענומען דיינע צוויא הונדערט טאהלער, מיט דעם איז דיא נשמה מתקן געווארין, אונ איז נסתלק געווארין לעולם העליון.

# מ.

דער האר״י ז״ל איז גיוועזין אין דער שטאט צפת כידוע, אין דער צייט האט זיך דארטין געטראפין איין וואונדערבארע געשיכטע, ויהי היום האט דארטין געזאגט דער רב אדרוש זייער איין טיפען אין דעם ענין פון לחם הפנים, וואס אלע פרייטאג האט מען ארויף געלייגט צוועלף חלות אין בית המקדש, ער האט ערציילט אונ ערקלערט דיא געטליכקייט פון דיא י״ב חלות, וויא פון זייא איז גיוועזין איין גרויסע השפעה אויף אלערלייא תבואות אונ פרוכט אויף דער וועלט, אין דעם איז געשטאנען איין פראסטער מענש, נאר איין צדיק תמים, וויא ער האט דאס גיהערט איז ער באלד אוועק צוא זיין ווייב אונ זאגט, מיר האבין קיין קינדער ניט, קיין תלמיד חכם בין איך אויך ניט, היינט וואס פיר איין נחת רוח וועט השי״ת האבין פון אונז? וואס פיר איין גוטעס ומעשים טובים אין עבודת השי״ת האבין מיר פערשאפט אויף דער נארישער וועלט? נאר גראדע האב איך היינט גיהערט איין שרעקליכע דרשה וועגין צוועלף חלות וויא זייער גרויס איז דיא מצוה אז כמעט אויף זייא בעשטייט דיא חיונה פון דער וועלט, דארום איז מיין עצה, אז מיר זאלין באקין אלע פרייטיג צוועלף חלות אונ אריין לייגין זייא אין ארון הקודש, אונ קיין מענש זאל דער פון ניט וויסין, דאס וועט זיין פערעכינט וויא איין קרבן צוא השי״ת, אונ אזויא האט ער געטאהן פיל יאהר מיט גרויס חשק אונ גרויס פלייס, ער האט איבער דעם געציטערט אונ האט דיא צוועלף חלות אויסגעפיינט מיט אלע מעגליכקייט, פון דיא שענסטע אונ בעסטע מעהל וכדומה, אלע פרייטיג פאר נאכט פלעגט ער דאס אריין לייגין אין ארון הקודש אונ ער האט דאס גירעכינט אז כביכול השי״ת נעמט דאס אליין צוא, וויא הראיה (האט ער זיך גירעכינט) אז ער פלעגט קומען אלע שבת קודש פארטאג אין בית המדרש, פלעגט ער זייא שוין ניט געפינען (פערשטייט מען דאס, אז דער שמש פון בית המדרש

פלעגט

פְּלֶעגְט אַלֶע מָאהל דָאס צוּנֶעמֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט גָאר נִיט
וְויסֶענְדִיג), זַיין פְרֵייד אוּנ זַיין שִׂמְחָה אִיז גִיוֶועזִין גָאר אָן אַיין בְּרֶעג.

וַיְהִי הַיּוֹם הָאט דֶער רָב פוּן דֶער שְׁטָאט צפת גְרַאדֶע דֶערְזֶעהֶן
וְויא עֶר הָאט אִין דֶער שְׁטִיל אַרַיין גֶעלֵייגְט דִיא צְוֶועלְף חַלּוֹת אִין
אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, רוּפְט זִיךְ אָב דֶער רָב צוּא אִיהם, דוּא פְּרָאסְטַאק
ווִילְדֶער מֶענְשׁ, וְויא הָאסְט דוּא אַזַא אַיין עַזוּת פָּנִים אַרַיין צוּא לֵייגִין
חַלּוֹת אִין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ? צוּא דֶען הַשי"ת דַארְף הָאבִּין דַיינֶע חַלּוֹת אוֹיף
עֶסִין ח"ו? זָאגְט עֶר, רַבִּי, אִיךְ הָאבּ דָאךְ זֶעלְבְּסְט גִיהֶערְט פוּן אַייֶער
מוֹיל וְויא אִיהר הָאט דֶערְצֵיילְט אַיין מַעֲשֶׂה פוּן צְוֶועלְף חַלּוֹת אַז דָאס
אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג. הָאט דֶער רָב אוֹיף אִיהם גוּט אָנְגֶעשְׁרִיעֶן וָואס אַיין
פְּרָאסְטַאק קָאן צוּא גְלַייכִין דָאס צוּם לֶחֶם הַפָּנִים אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ.
דֶער כְּלַל אִיז דֶער רָב הָאט אִיהם זֵייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ מְצַעֵר גִיוֶועזִין
אוּנ הָאט אִיהם גֶעזָאגְט, אַז עֶר הָאט דִיא גַאנְצֶע יָאהרִין מִיט דֶעם
פֶּערְזִינְדִיגְט; דֶער מֶענְשׁ וְויא עֶר הָאט דָאס גִיהֶערְט אִיז עֶר שִׁיעֶר
גֶעשְׁטָארְבֶּען פוּן צַעַר.

אִין דֶער צַייט טְרוֹימְט זִיךְ דֶעם רָב אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער חָלוֹם, אוּנ
מֶען הָאט אִיהם פֶערְזָאגְט אַז עֶר זָאל שְׁרַייבִּין אַיין צַוָאָה פִיר זַיין
וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער, דֶען עֶר מוּז אִין קוּרְצִין שְׁטַארְבִּין גָאר אָן אַיין שׁוּם
תִּירוּץ. דֶער רָב אִיז בַּאלְד גֶעקוּמֶען צוּא האר"י הקדוש ז"ל פְרֶעגִין וָואס
טוּהְט מֶען? אִיז אֵיידֶער דֶער רָב הָאט אִיהם דֶערְצֵיילְט דֶעם חָלוֹם,
הָאט אִיהם דֶער האר"י ז"ל גֶעזָאגְט אַלְס אוֹיף פְרִיהֶער, אוּנ זָאגְט צוּם
רָב, לִיבֶּער פְרַיינְד! אַייֶער פֶערְבְּרֶעךְ אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אִיהר הָאט
זֵייעֶר שְׁטַארְק מְצַעֵר גִיוֶועזִין דֶעם צַדִיק גָאר אוּמְזָאנְסְט, דֶען עֶס אִיז
אוֹיס גֶערוּפֶען גֶעוָוארֶען בְּפַמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה, אַז זִינְד בעוה"ר דֶער בֵּית
הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארֶען הָאט נָאךְ הַשי"ת כִּבְיָכוֹל קֵיין נַחַת גִיהַאט,
וְויא פוּן דֶער הֵיילִיגֶער כַּוָנָה וָואס דֶער מֶענְשׁ הָאט דָא גֶעטָאהן מִיט
גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּנ פֵייעֶרְדִיגֶע פוּנְקֶען פוּן יראת שמים, אוּנ דָאס אִיז
בַּייא הַשי"ת טֵהַייעֶר גִיוֶועזִין וְויא אַלֶע קָרְבָּנוֹת, הַגַם דִיא פְּעוּלָה
זֶעלְבְּסְט אִיז נִיט לְרָצוֹן, נָאר הַשי"ת זֶעהְט דָאךְ דִיא הַאַרְץ אוּנ דִיא
כַּוָנָה, אוּנ צוּלִיעבּ דֶעם וָואס אִיהר הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט צוּא טְרֶערִין,
אִיז נִגְזַר גֶעוָוארִין מִן הַשָּׁמַיִם אַלְץ וָואס מֶען הָאט אַייךְ גֶעוִויזֶען אִין
חָלוֹם, אוּנ פְרֵייט זִיךְ אַז מִיט דֶעם וֶועט אִיהר הָאבִּין אַיין סְלִיחָה
וְכַפָּרָה. דֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט שַׁבָּת הַגָדוֹל זַיין דְרוּשׁ, אוּנ אוֹיף דֶער

נאכט

נאכט האט ער איין צוואה געשריבען אונ איז געשטארבין, פון דער מעשה זעהט מען וויא. וויט גרוים איז דיא מצוה לשם שמים אפילו אז דער מענש ווייס גאר ניט וואס דאס איז, אויך זעהט מען דיא גרויסקייט פון דעם געטליכען מאן האר״י ז״ל.

# מא.

הגאון רבי חיים יוסף דוד אזולאי ז״ל שרייבט אין שם הגדולים זייער איין וואונדערבארע געשיכטע. ווען ר׳ חיים וויטאל האט נאך געלעבט, איז פלוצלונג געקומען איין גרויסער שר פרייטיג (דער טאג איז בייא דיא מחמדנער שבת כידוע) אונ זאגט צוא דיא יהודים, איך ווייס אז דא אין ירושלים איז אמאל געוועזין איין קליין קוועלע וואסער וואס האט געשטרומט פון דעם טייך גיחון, אונ אייער פארצייטיגער קעניג חזקיהו האט איהם פערשטאפט, על כן זאגט מיר אוואו איז דער ארט פון דעם טייך גיחון וועל איך איהם אב גראבין. ענטפערין דיא יהודים, דאס איז איין געשיכטע פון טויזענדער יאהר ווער קאן דאס וויסען? זאגט דער שר, ווער קאן דאס אנדערש וויסין וויא דיא יהודים? זאגין זייא מיר ווייסין ניט, נאר בייא אונז אין ירושלים געפינט זיך איין היילינגער מאן מיט דעם נאמען רבי חיים וויטאל עס קאן זיין אז ער ווייס. מען האט איהם תיכף גערופען, האט ער גיענטפערט אז חזקיהו המלך האט דעם טייך פערשטאפט איז דאך דאס איין סוד מעשה, הײנט וויא אזוויא האב איך רשות צוא ענטדעקין? ובפרט אז דיא געשיכטע איז געוועזין פערבונדין מיט פיל נסים, ווען סנחריב דער קעניג פון אשור האט בעלאגערט ירושלים (בשנת ג״א רי״ג) האט חזקיהו המלך פער־שטאפט דעם טייך גיחון כדי זיין חיל זאלין ניט האבין וואס צו טרינקען, אונ איין מלאך פון הימעל האט צוא שלאגין זיין גרויסע מחנה הונדערט מיט פינף אונ אכציג טויזינד מאן, סנחריב איז מיט חרפה אנטלאפין צוא הויזע (מלכים ב׳ י״ט) אונ זיינע אייגענע קינדער אדרמלך אונ שראצר האבין איהם גיהרגט ווייל זייא האבין גיהערט זיין נדר אז אויב ער וועט איין נעמען ירושלים, וועט ער מקריב זיין זיינע ליבסטע קינדער פיר איין קרבן צוא זיין אב גאטט נסרך (דאס איז גיוועזין איין ברעט פון נח׳ס קאסטין), איז וויא ער איז אנטלאפין אליין אויף זיין פערד פון

ירושלים

ירושלים, האבין דיא זיך דערזעהן אז ער לויפט, האבין זייא גירעכינט אז ער פליט זייא אפפערין צוא זיין אב גאטט, האבין זייא איהם פריער חתונה געמאכט, אונ זיינען ביידע אנטלאפין אין הרי אררט, היינט ווער קאן דאס זיך אנהויבען מיט אזעלכע וואונדערבארע נסים וואס השי״ת האט דאמאלס געוויזען צוא חזקיהו המלך. ענטפערט דער שר איך גייא יעצט אין מאשעע (קלייסטער) מתפלל זיין, אונ צוריק קומענדיג מוז מיר זיין אפען דער טייכיל גיחון, אונ אויב ניט, וועל איך דיין קאפ אראב נעמען. וויא דער שר איז אוועק איז באלד רבי חיים וויטאל נעלם געווארין פון ירושלים אונ איז אריין געקומען אין דמשק, אין איין צייט ארום וויא דער האר״י הקדוש איז געקומען פון צפת אין ירושלים, האט ער ווידער געפונען רבי חיים וויטאל, דארטין האט ער זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע, האט ער געזאגט צוא רבי חיים וויטאל מיט איין געוויין, גאר ניט גוט האסט דוא גיטאהן וואס דוא האסט ניט געוויזען דעם שר אוואו איז גיוועזין דער טייכיל, ווארום דער שר איז איין ניצוץ פון סנחריב הרשע, אונ דוא ביסט איין ניצוץ פון חזקיהו המלך האט דא גיקאנט זיין אין איין רגע דיא גאולת ישראל, אונ עס וואלט אלס פערריכט געווארין. זאגט רבי חיים וויטאל, ליבער אונ הייליגער רבי, איך האב ניט געוואלט בענוצען זיך מיט דיא הייליגע שמות, וויא איהר האט מיר שטרייג אנגעזאגט, נאר רבי! איך וועל איצט פערריכטין אונ מודיע זיין דעם שר. זאגט דער האר״י הקדוש יעצט איז שוין איבערגעגאנגען דיא צייט איז פערפאלען.

דער האר״י ז״ל איז גיוועזין איין זעלטענע זאך אויף דער וועלט, ניט אלע מאהל ברייננט דיא וועלט אזעלכע אנטיקען, דאס האט געטראפין נאר אין הונדערטער יאהר אמאהל אזויא איין שיינע צוויג, אזווא איין טהייערע בלום אויף דער וועלט, וואס מיט גאלד, מיט אללערלייא טהייערע דימענטין קאן מען אזויא איין הייליגע פער-זאהן ניט אבשאצין, ער איז טאקע באמת גיוועזין איין ליכט אויף דער וועלט, ער האט געבראכט זייער פיל קדושה אונ טהרה אין זיין דור, אלע גאונים אין זיין צייט וויא זייא פלעגין נאר דערמאנען זיין הייליגען נאמען זיינען זייא ערשטוינען געווארען, וויא אזויא איין ילוד אשה זאל האבען אין זיך אזויא איין לייכט טהורעס, וואס פיר זיין ליכט זיינען אלע געגאנגען, דען מלבד זיין גרויסקייט אין לערנען, אזויא איין ענק איין גרויסע ריזע, איז ער נאך גיוועזין פול אין אלע חכמות

אויף

אויף דֶער וֶועלְט, אַיין גְרוֹיסֶער נַאטוּר פָּארְשֶׁער, אַיין גְרוֹיסֶער פִילִיסוֹף, זַיין יְדִיעָה אִיז גִיוֶועזִין שְׁטַארְק אִין חָכְמַת הָרְפוּאָה, אוּנ מֶעהר וִויא אַלְם הָאט עֶר גֶעהַאט אַיין גְרוֹיסֶע טְהַייעֶרֶע נְשָׁמָה זַייעֶר אַיין רֵיינֶע וָואס מִיט אִיהר אִיז עֶר אַרַיין אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּנ הָאט עֶנְטְדֶעקְט זַייעֶר פִיל סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעקָאנְט דִיא גְרוֹיסֶע אוּנ טִיפֶע חָכְמָה. חכמת הקבלה בִּיז דֶעם גְרוּנְד, וֵוייל אוּנ גְלִיקְלִיךְ אִיז גִיוֶועזִין זַיין דוֹר, וָואס עֶר הָאט אִין אִיהם עֶרְשַׁיינְט, זַיין גְרוֹיסֶער נָאמֶען אִיז פֶערְהֵיילִיגְט בַּייא דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט ממזרח שמש עד מבואו, אוּנ בִּיז דֶעם לֶעצְטִין דוֹר וֶועט זַיין הֵיילִיגֶער נָאמֶען נִיט פֶערְגֶעסִין וֶוערִין, נָאר עֶר וֶועט שַׁיינֶען וִויא דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁטֶערִין פוּן הִימֶעל.